STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09804

TSAYTN

Meir Corona

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר קאָראָנאַ

צווישן

דערציילונגען

פאַרלאַג „מאקאָר"
מעקסיקע — 1943

אדרעס פון מחבר:
M. CORONA, 5 DE FEBRERO No. 91, MEXICO, D. F.

צייטן

I

דאָ און דאָרט

II

מלחמה-צייט

III

אָנהאַלט

(חסידישע און פאָלקס מעשיות)

IV

באָדן

(פון אַרבעטער־לעבן אין ארץ־ישראל)

דעם אָנדענק פון מיין
אומפאַרגעסלעכן חבר
משה ראָזענבערג ע"ה,
רעדאַקטאָר פון „וועג",
געווידמעט. — — מ. ק.

אינהאלט:

I

דאַ און דאָרט:

זייט

ליידזער — 9

בריליאַנטן — 31

נאָך אַ ריי יאָרן — 47

מיטן גלח'ס כוח — 77

אַפּריל־מאַי — 89

פינף דורות — 103

פאַרמשכנט ביים גביר — 121

שלום געמאַכט — 133

II

מלחמה־צייט:

פּלימעניקעס — 141

געבליבן אליין — 151

די טרעפּערין — 159

אַ רעטעניש — 189

זייט

א בפירושער פסוק — — — — — — — 199
א קרבן — — — — — — — — 205
העלדן... — — — — — — — 211
פון יענע לייט — — — — — — 215
די מלחמה האט געראטעוועט — — — 221

III

אנהאלט:

סיעתא דשמיא — — — — — — — 231
זכות אבות — — — — — — — — 239
דער נסתר — — — — — — — — 247

IV

באדן:

הבה נגילה — — — — — — — — 257
א כמעד — — — — — — — — — 263
צווישן וואך און שבת אויפן כרמל — — 269
א תכלית... — — — — — — — 273

אַ האַרציקן דאַנק מיין פריינט, ש. יעזשאָר, פאַר זיין אָנגעשטרענגטער מי, וואָס האָט דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פונם דאָזיקן בוך.

מ. ק.

I

דאָ און דאָרט

לייזער

לייזער איז געבוירן געוואָרן שווייגנדיק. ביים קומען אויף דער וועלט האָט ער נישט געוויינט און נישט געשריגן. ער האָט זיך נאָר אַרומגעקוקט, ווי ער זאָל וועלן זען, וווהין איז ער עס דאָ אַריינגעפאַלן, און ער האָט געשוויגן. די אַקושערקע האָט דאַן געהייסן רופן שנעל אַ דאָקטאָר:

— דאָס קינד — האָט זי געגעבן צו פאַרשטיין — איז אַספּעקצירט, די לונגען אַרבעטן ביי אים נישט, דעריבער שווייגט עס. אַ נאָרמאַל געזונט קינד מוז שרייען ביים געבוירן ווערן און אויב עס שרייט נישט, איז עס געפּערלעך.

די אַקושערקע האָט זיך געהיצט, גערעדט מיט וויסנשאַפטלעכן פּאַטאָס און האָט אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע אַרומיקע, איבערהויפּט — אויף דער קימפּעטאָרין, וועלכע האָט שוין געמיינט, אַז אָט שטאַרבט איר אַוועק דאָס ניי־געבוירענע עופהלע.

מאיר שלום אַבער, לייזערס טאַטע, האָט רואיק אויסגעהערט די גאַנצע מעדיצינישע דרשה פון דער אַקושערקע און ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון די אַלע „נאַרישע מעשה'ס".

— לאָזט דעם קינד צורו — האָט ער געזאָגט — עס איז אים גאַרנישט און עס וועט אים, מיט גאָטס הילף, גאַרנישט זיין. איי פאַרוואָס ער שווייגט? מסתמא איז ער אין כעס, שווייגט ער.

מאיר שלום האָט דאָס געוווסט פון זיך, אַז ער פלעגט ווערן אויפגערעגט האָט ער געביסן די ליפּן און פאַר כעס געשוויגן. און מ'האָט שוין געוווסט, אַז דעמאָלט טאָר מען אים גאַרנישט טשעפּען, ווייל ער קאָן נאָך ווערן שטאַרקער אין כעס און נאָכמער שווייגן.

אויף דער באָד־גאַס, אין אַ גרויסן, אומברוקירטן, פּירעקיקן הויף, וועלכער איז געווען אַרומגענומען, ווי אַ קאַסטן, מיט קליינע, אָרימע, חולי־נופלדיקע שטיבלעך, דאָרט איז געווען דער יידישער אינדוסטריע־צענטער פונם פּוילישן שטעטל מ.

די אינדוסטריע, ווי אין דער גאַנצער וועלט, האָט אויך דאָרטן, אין יענעם הויף, זיך געטיילט אין צווייען: אויף שווערע און לייכטע.

צו דער ערשטער האָט געהערט חיים־יואלס קאַשע־מיל, וואָס האָט זיך באַוועגט דורך דער קראַפט פון צוויי שקצים, וועלכע האָבן געדרייט, איינער פון איין זייט און דער צווייטער פון דער אַנדערער זייט, דאָס גרויסע הילצערנע ראָד פון דער מיל. און דער באַלעבאָס אַליין, אַן אויסגעווייקטער יונגערמאַן, מיט אַ קאָזע־בערדל און אַ בלינדער אויף איין אויג, פלעגט, שלעפּנדיק אויף זיך די שעפּלעך מיט גריקע, אַרויפקריכן אויף אַ לייטערל און יעדעס מאָל מיט אַ קרעכץ אויסשיטן עס אינם אויבערשטן קעסטל פון דער מיל. פונוואַנען די גריקע איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די מיל־שטיינער און כ'איז אַרוים קאַשע, גרייפּלעך און גריטשע־מעל.

דאָרטן, אין יענעם הויף, איז אויך געווען אַ „פאַבריק" פון וואַטע, וואָס האָט געהערט צו שייע סמאַרק, אַ ברייטער ייד און אַ קורצער, מיט אַ ברייט־צעוואָקסענער געלער באָרד, וועלכע האָט נישט איבערגעלאָזט קיין פּיצל ליידיק אָרט אויפן פּנים. און אינמיטן דער באָרד, גלייך מיט די נאָז־לעכער, האָבן זיך געצויגן צוויי גרינע טאַבאַק־שנורן, וועלכע האָבן געטיילט די באָרד אין דריי טיילן. אין היים סמאַרקס פאַבריק האָט אַ קראַץ־מאַשין אַזאַ, אויסגעקראַצט פון אַלטע שמאַטעס — „וואַטע". אינעווייניק, אין פאַבריק, האָט

מען פון די אַלע מיידלעך, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, ביי קיין איי־נער קיין לעבעדיק געשטאַלט נישט געקאָנט דערקענען, אַלע האָבן זיי אויסגעזען ווי די רוחות, איינגעהילט אין אַ נעפּל פון שמוציקן שמאַטע־שטויב און זיי אַלע, צוזאַמען מיטן באַלעבאָס, האָבן נישט גערעדט נאָר געפּאָנפּעט אַזוי, דורך שווער פאַרשטאָפּטע נעזער.

אין זעלביקן הויף, איבער דער גאַנצער לענג, האָט געאַרבעט סענדער תהילים, דער שטריק־מאַכער, אַ ייד אין די פופציקער, מיט פאַרטרערטע טראַכאָמע־אויגן און מיט אַ פאַרקאַלטענטער באָרד וואָס האָט זיך געמיניעט מיט ווייס און שוואַרץ.

סענדער תהילים האָט שטענדיק געשוואַנגערט מיט אַ הויכן בויך פלאַקס, פון וועלכן איין עק איז צוגעטשעפּעט געווען צו אַ האַטשיק וואָס האָט זיך שנעל באַוועגט דורך אַ גרויס ראָד, וואָס אַ יינגל האָט געדרייט.

סענדערס וועג איז געווען אויף צוריק. אַלע זיינע יאָרן האָט ער זיך גערוקט הינטער־זיך מיטן בויך פלאַקס און ווי לאַנג דער הויף איז געווען אויף אַזוי פיל האָט ער זיך גערוקט און אַזוי לאַנג זענען געווען די שטריק. לענגער מאַכן האָט ער נישט געקאָנט. און סענ־דער איז נישט געווען בלויז סתם אַזוי אַ שטריק־מאַכער, נאָר ער איז אויך געווען אַ באַרימטער תהילים־זאָגער. ער האָט געקענט גאַנץ תהילים פון אויסנווייניק. און שבת בין השמשות, נאָך שלוש־סעודות, אין דער טונקלקייט פון פאַר וואָכעדיקן מערב, האָט סענדער גע־זאָגט, אין גרויסן בית־המדרש פאַרן עמוד, „אשרי תמימי דרך" מיט אַזאַ מוראַדיקן, אויסגעצויגענעם, טרויער־ניגון. ער האָט געצויגן די ווערטער וואָס לענגער, כדי נאָך אַביסל אויפצוהאַלטן די רשעים נעבעך, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן גיין אין גיהנום אַריין, און דער גאַנצער עולם האָט נאָכגעזאָגט סענדערן, פסוק ביי פסוק, מיטן זעל־ביקן אויסגעצויגענעם טרויער־ניגון.

אפילו ביי דער אַרבעט האָט סענדער שטיל געשעפּטשעט גאַנצע קאַפּיטלעך תהילים און ער האָט שוין געהאַט אפילו זיין אויסגע־מאָסטענע מאָס פאַר זיי: אַ טייל קאַפּיטלעך האָבן געהאַלטן די לענג פון צוויי שטריק, אַ טייל — פון אַנדערהאַלבן שטריק, אַ טייל — פון

קוים איין שטריק די לענג און אנדערע קלענערע קאפּיטלעך האָבן אפילו דאָס אויך נישט געהאַט.

און ער, סענדער תהילים, האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם אופן ווי אַזוי צו פאַרמירן די הייליקע ווערטער. ער האָט געוווסט, אַז ווערטער ווי מענטשן, דאַרפן זיך פּאָרן. האָט ער דעריבער געזעצט די תהילים־ווערטער צו צוויייוויז. צי די ווערטער האָבן זיך געפּאַסט איינס צום צווייטן לויט זייער באַדייט, דאָס האָט סענדערן נישט אינטערעסירט. אַלע זענען זיי גלייך הייליק, האָט סענדער געטענהט, און מען קאָן זיי פּאָרן ווי איינער וויל.

אין יענעם הויף האָבן אויך געוווינט צוויי שניידערס, טאַנדייטניקעס, וואָס האָבן געמאַכט פּאַלטנס און אָנצוגן פאַר יארידים, און נאָך איינער — אַ פּעלצן־מאַכער.

אָט דאָס איז געווען די שווערע אינדוסטריע פונם הויף.

צו די לייכטע אינדוסטריעלער ווידער האָבן געהערט: שמשון יונה, דער לאָמער פּאַפּיראָסניק, וואָס האָט געמאַכט הינטער פאַרשלאָסענע טירן, מיט דער הילף פון עטלעכע מיידלעך — טרייפענע, אָנבאַנדראָלירטע פּאַפּיראָסן.

די אַלמנה חיה דבורה די פאַרבערקע, אַ דיקע יידענע מיט אַ מויל אויף שרויפן, ביי וועמען די הענט מיטן פּנים זענען שטענדיק געווען פאַרבראָנעבלאָט.

שמואל משה דער איינבינדער, וואָס איז געווען זומער אַ שטובן־כאַלער און ווינטער האָט ער איינגעבונדן ספרים. און כאָטש זיין פּרנסה האָט ער געצויגן דער עיקר פון מאַלעריי, האָט ער דאָך זיך גערופן „איינבינדער", אויפן נאָמען פון דער פּראָפעסיע, מיט וועלכער ער האָט שטאָלצירט.

און לייזערס טאַטע — מאיר שלום דער בייגל־בעקער.

אינם דאָזיקן הויף איז לייזער געבוירן געוואָרן און מיט לייזערס קומען אויף דער וועלט איז מאיר שלום געוואָרן אַ טאַטע פון פערטן קינד, כאָטש ער איז דעמאָלט אינגאַנצן אַלט געווען קוים אַכט און צוואַנציק יאָר.

מאיר שלום — אַ הויכער און אַ דינער ווי אַ כשרער לולב, מיט אַ צאַרט בלייך פּנים, וואָס איז אַרומגעזוימט געווען מיט אַ שיטער

צווייִשפּיציק שוואַרץ בערדל, אַ פּנים פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגע־קוקט צוויי ווייכע, גוטמוטיקע, סאַמעט־ברוינע אויגן און איז באַ־קרוינט געווען מיט אַ הויכן שיינעם שטערן — איז געווען אַ יונ־גערמאַן אַ למדן, פאַר וועמען אַלע, נישט נאָר אין זיין אינדוסטריעלן הויף, נאָר אַלע אין שטעטל, אפילו דער רב אַליין אויך, האָבן גרויס דרך־ארץ געהאַט און מיט זיין וואָרט האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט אין אַלע קהלישע און רעליגיעזע ענינים.

מאיר שלום אָבער, אַליין פאַר זיך, האָט געקוקט אויף זיך מיט ביטול. די דאָזיקע מידה האָט ער מיטגעבראַכט פון „חפץ חיים"ס ישיבה אין ראַדין, וווּ ער האָט יאָרן לאַנג געלערנט און ער, מאיר שלום, האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע חשבונות מיטן רבונו של עולם און מיט דער וועלט. אים איז נישט געפעלן געווען דער גאַנצער סדר־העולם. אים האָט פאַרדראָסן דאָס תקיפות פון די רייכע, די אינזיך זיכערקייט פון די מזרחדיקע שיינע יידן און לומדים. אים האָט גע־קרענקט די ביטול־באַציאונג, דאָס אָפּחוזקן און די דערנידעריקונג מצד זיי צו די אָרימע, פּראָסטע, האָרעפּאַשנע בעל מלאכות.

מאיר שלום האָט געהאַלטן, אַז דווקא זיי, די פּראָסטע און ער־לעכע אַרבעטנדיקע מענטשן, זיי זענען עס דער שאור שבעיסה, דער עיקר פון דער וועלט, אַז אַט די בעל מלאכות וואָס פירן אַן ערלעך לעבן פון זייער שווער־פאַרהאַרעוועטער יגיעת כפים, אַז זיי דאַרף מען אָפּגעבן כבוד און אַז זיי קומט דער אויבנאָן אין מזרח. און ער, מאיר שלום, איז געווען פאַרביסן איינגעקשנט אין זיין דאָזיקער איינ־שטעלונג. אים האָט מען נישט געקאָנט איבערשפּאַרן און אַנדערש איבערצייגן, ווייל ער האָט פאַר קיינעם זיין מיינונג נישט אַרויסגע־זאָגט. ער האָט נאָר דורך שווייגן אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט קעגן דעם סדר העולם, וואָס די לייזיקגייער, לומדים און שיינע יידן, האָבן איינגעשטעלט. און אַלס פּראָטעסט האָט ער געדאַוונט דווקא אין בעלמלאכהשן ביתהמדרש, מיט אַלע פּראָסטע און פאַרהאַרעוועטע אַרבעטס מענטשן, וועמען ער האָט ברידערלעך ליב געהאַט. ער פלעגט מיט זיי לערנען, יעדן בין מנחה למעריב, חיי אָדם און משניות. און שבת ביי טאָג האָט ער געלערנט מיט זיי חומש, האָט פאַר זיי פאַר־טייטשט די סדרה פון דער וואָך, לויט פאַרשידענע פירושים. און זיי,

די מידע בעל מלאכות פּלעגן מיט גרויס אינטערעס זיך איינהערן צו מאיר שלומס טייערע און זיסע ווערטער און פּאַר מתיקות — איינדרימלען. מאיר שלום פּלעגט דאַן מיט הנאה איינקוקן זיך אין זיינע דרימלענדיקע ברידער און ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין שטימע נידעריקער, כדי נישט צו שטערן זיי, די מידע חברים, אין זייער שבתדיקער מנוחה.

לייזער איז אינגאַנצן געראָטן געווען אין זיין טאַטן, אַזוי מיט זיין אויסערלעכן אויסזען און אַזוי מיט די אינערלעכע אייגנשאַפטן. און פון זיין טאַטן האָט ער עס איבערגענומען די נייגונג צו אַרבעט און זיין ליבשאַפט צום אַרבעטער־קלאַס.

דריי געשעענישן זענען פאָרגעקומען אין לייזערס פריסטע קינ־דער־יאָרן, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט טיף אין זיין קינדערשער נשמה, האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויף זיין גאַנצן ווייטערדיקן לעבן און האָבן פאָרמירט זיין פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע גע־שטאַלטונג.

ווען לייזער איז קוים אַכט יאָר אַלט געווען האָט ער איינמאָל אין חדר געכאַפּט פון זיין רבין אַ שטאַרקן פּאַטש, אַזוי, אַז אַ באַק איז אים באַלד געשוואָלן געוואָרן. לייזער איז אַהיימגעקומען אַ פאַר־ווייינטער מיט אַן אויפגעלאָפענער באַק.

— וואָס איז, לייזער, וואָס איז געשען? — האָט אים דער טאַטע געפרעגט.

לייזער שווייגט.

מאיר שלום האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז לייזער האָט געקריגן גע־פּאַטשט פון רבין און אַז לייזער שווייגט, מסתמא איז ער גוט אין כעס. דעם פאָטער האָט עס אויך שטאַרק פאַרדראָסן: „ווי זאָל עס אַ ייד אַ בן־תורה אַזוי שלאָגן אַ קינד, אַז די באַק זאָל אַזש געשוואָלן ווערן!” און ער האָט אויך פאַר פאַרדרוס געשוויגן.

אין זיין כעסיקן שווייגן האָט זיך לייזער דערדראָפּעט צו אַזאַ מין געדאַנק:

— דער רבי האָט מיך געשלאָגן, ווייל ער איז שטאַרקער פון מיר. ווען איך וואָלט געווען שטאַרקער פון אים, וואָלט ער דאָך מורא געהאַט פאַר מיר, איז איך אַליין בין טאַקע שוואַכער פון אים,

אבער מיר אַלע אַכט תּלמידים, אַלע צוזאַמען, זענען מיר דאָך זיכער שטאַרקער פון אים. דאַרפן מיר, אַלע תּלמידים, זיך פּאַרייניקן און מאַכן יד־אחת, אַז באַלד ווי דער רבי וועט וועלן שלאָגן איינעם, זאָלן אַלע צוזאַמען זיך שטעלן אַנטקעגן.

און מערקווירדיק, באַלד ווי לייזער איז געקומען צום דאָזיקן מאָרגנעם געדאַנק, פון יד אחת, האָט אין זיין קינדישן מוחל אויפגעבליצט אַ פּייערל פון פרייד. ער האָט גלייך פאַרגעסן אָן זיין באַק, אָן זיין כעס און אָן זיין שווייגן. ער איז מיט אַמאָל געוואָרן רעדעוודיק און ער האָט דערציילט פאַרן טאַטן וועגן זיין פּלאַן, פון וועלכן מאיר שלום האָט זיך צעלאַכט.

לייזער האָט פאַרגעשלאָגן פאַר זיינע חברים זיין אידעע פון יד־אחת, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט איינצושטעלן און זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז דאָס וועט זיין אַ גענוגנדיק מיטל אויף צו צאַמען דעם בייזן רבין.

לייזער איז פון זיינע חברים געבליבן אַנטוישט, אָבער טיף אין אים האָט דער געדאַנק פון יד־אחת פּיינלעך געפּיקט און אים נישט געלאָזט רוען.

נאָך אַ געשעעניש:

איינמאַל אַ זומער פאַרנאַכט, לייזער איז דאַן אַלט געווען עלף יאָר, איז אין „אינדוסטריעלן" הויף, וואָס אויף דער באַד־גאַס, אַראָפּגעקומען משה ברוך דער פּראַצענטניק. ער האָט געשטופּט דעם גראָבן בויך פאָרויס מיט חוצפּהדיקער גדלות און מיט ווילדער רציחה איז ער אַריין אין דער קאַשע־מיל. נאָך עטלעכע מינוט געוואַלטיקע געשרייען האָט ער פון דאָרטן אַרויסגעוואָרפן פריער די צוויי שקצים, וואָס האָבן געדרייט דאָס ראָד, דערנאָך האָט ער מיט אַ ציניש חוזקשמייכל אַרויסגעשטופּט דעם באַלעבאָס אַליין, דעם בלינדן חיים יואלן. און אויף דער טיר פון שטעלכל, וו די מיל איז געשטאַנען, האָט ער אויפגעהאָנגען אַ שלאָס.

דער קאַשע־מאַכער האָט געבראָכן די הענט און געקרעכצט:

— אַזאַ רוצח! אַזאַ גזלן! צוליב פּופּציק קערבלעך גייט ער אומברענגען אַ פאַמיליע פון ניין נפשות, אַז זיי זאָלן בלייבן אָן ברויט!

און די קאַשע־מאַכערין האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות:

— אַזוי פיל מכות זאָל זיך אים זעצן אויפן לייב וויפיל ער האָט שוין ביי מיר איבערגענומען פּראָצענט. גאָט זאָל עס אים נישט מוחל זיין, זיינע קינדער זאָלן נאָך בלייבן יתומים און ארומגיין בעטן אַ שטיקל ברויט.

און דעם קאַשע־מאַכערס קינדער האָבן זיך געטוליעט אַ טייל צו דעם טאַטן און אַ טייל צו דער מאַמען און האָבן געוויינט.

די שכנים פון הויף האָבן פון ווייטנס, יעדער פאַר זיין טיר, זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער טרויעריקער סצענע. זיי האָבן באַדויערט דעם קאַשע־מאַכער נעבעך מיט זיין פאַמיליע און אינדערשטיל האָט יעדערער נאָכגעשיקט אַן אַנדער קללה אויפן קאָפּ פון משה ברוך דעם פּראָצענטניק.

מאיר שלום, לייזערס טאַטע, האָט געביסן די ליפּן פאַר כעס און האָט געשוויגן.

און לייזער האָט געטראַכט:

— דאָ אין הויף, וווינען אַזוי פיל שכנים. צי האָבן זיי נישט געקאָנט גוט אָנברעכן די ביינער אָט דעם גראָב־בייכיקן פּראָצענטניק און אַרויסוואַרפן אים פון הויף? פאַרוואָס שטייען זיי אַלע און באַקרעכצן דעם אָרימען קאַשע־מאַכער און קיינער פון זיי טוט גאָרנישט אים צו העלפן?

מיט איין יאָר שפּעטער איז אין זעלביקן הויף נאָך עפּעס געשען:

דעם וואַטע־מאַכערס ווייב איז געשטאָרבן. די חברה קדישא האָט געוואָלט צוויי הונדערט קערבלעך פאַר מקבר זיין דעם מת. זיי האָבן געטענהט, אַז דער וואַטע־מאַכער איז רייך, אַז ער האָט אַ סך געלט ליגן באַהאַלטן. צוויי טעג איז דער מת געלעגן אין שטוב און אין גאַנצן „אינדוסטריעלן" הויף האָט זיך געטון חושך: מ'האָט זיך געקריגט מ'האָט זיך געזידלט און אַלע אין הויף האָבן געשריגן, געוואָלדעוועט. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט מיט די ביטערע יללות פון דעם וואַטעמאַכערס קינדער.

דעמאָלט האָט זיך לייזער אָנגערופן צום טאַטן:

— צו וואָס דאַרף מען זיי האָבן אָט די בלוט־זויגער — די חברה קדישא, לאָמיר אַלע אין הויף אַליין נעמען דעם מת און אים מקבר זיין.

מאיר שלום האָט דורכדרינגענדיק־שאַרף אָנגעקוקט דעם זון זיינעם און גאָרנישט געענטפערט. עס איז קענטיק געווען, אַז ער איז צופרידן געווען פון לייזערס ווערטער. מיטאַמאָל האָט איבער מאיר שלומס ווייכע גוטע אויגן זיך פאַרצויגן אַ צער אַזאַ, אַ שטייגער ווי זיי זאָלן באַדויערן דעם קליינעם לייזערן, וואָס ער איז נאָך אַזוי יונג, אַזוי נאַאיוו, אומדערפאַרן און פאַרשטייט נאָך נישט דעם אומגעלומפּערט־איינגעשטעלטן סדר העולם...

ווען לייזער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, חול־המועד פּסח איז עס געווען, איז צו זיין בר־מצווה געקומען אַ גאַסט פון וואַרשע, זיין פעטער, די מאַמעס אַ ברודער.

לייזער איז געווען דאַר און הויכגעוויקסיק, פּונקט ווי זיין טאַטע, און צו דרייצן יאָר האָט ער אויסגעזען אַ סך עלטער.

דער פעטער פון וואַרשע, יאַנקל האָט ער געהייסן, האָט צוגערעדט מאיר שלומען, אַז ער זאָל דערלויבן לייזערן מיטצופאָרן מיט אים קיין וואַרשע. ער האָט צוגעזאָגט אויסצולערנען לייזערן זיין פאַך פון בראָנזירן. ער האָט שטאַרק געלויבט זיין אַרבעט, ביי וועלכער מ׳פאַרדינט זייער גוט און ער האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן פון לייזערן אַ לייט.

באַלד נאָך פּסח האָט די מאַמע אויסגעשטאַט לייזערן מיט אַלץ וואָס איז נויטיק פאַר אַ יינגל אין דער פרעמד און ער איז מיטן פעטער מיטגעפאָרן קיין וואַרשע.

די ערשטע צייט האָט לייזער זיך געפילט אין וואַרשע ווי אַ פאַרלוירענער, ווי אַ שעפּסעלע פאַרבלאָנדזשעט פון דער סטאַדע. די גרויסע אומבאַקאַנטע שטאָט האָט אים געשטיקט מיט איר קאַלטער פרעמדקייט און ער האָט געבענקט אַ היים. ער האָט געבענקט נאָכן „אינדוסטריעלן" הויף ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. ער האָט געבענקט נאָך זיינע חברים, וועלכע זענען אים געווען ברידערלעך נאָענט. ער האָט געבענקט נאָך טאַטע־מאַמע, וועמענס וואַרימקייט ער האָט נאָך געפילט אויף זיך און לייזער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל אין פרעמדן וואַרשע קאָנען פאַרבלייבן.

ליזער האָט אויך געליטן פון די שאַרפע מאַטעריאַלן, וואָס זענען באַנוצט געוואָרן צום בראַנזירן, זיי האָבן אים פאַרברענט די פינגער און אים האָט שרעקלעך געריסן די הויט, די צעווייטיקטע פאַרברענטע פינגער און די בענקשאַפט אַהיים האָבן אים שטאַרק געערגערט און פאַר ערגערניש און פאַרדרוס האָט ליזער געשוויגן.

ביסלעכוויז אָבער איז ליזער אַריין אין דער נייער אַטמאָספערע און גענומען זיך צופּאַסן צו די אומשטענדן. עס האָט אים טיילווייז צופרידנגעשטעלט די געטריישאַפט, וואָס דער פעטער מיט דער מומען האָבן אים אַרויסגעוויזן און עס האָט אים צוגעצויגן צו זיך זיין נייער חבר הערשל, אַ ייִנגל עלטער פאַר אים מיט צוויי יאָר, וועלכער האָט אויך געאַרבעט ביים פעטער. הערשל האָט ליזערן ליב געקראָגן. ער פלעגט, אין די שבתים און יום־טוב־טעג, אים אַרומפירן איבער די וואַרשעווער גאַסן און ווייזן ווי שיין וואַרשע איז. הערשל האָט אויך דערציילט ליזערן אַ סך נייע זאַכן וואָס ליזער האָט קיינמאָל נישט געהערט. ליזער האָט מיט אויפמערקזאַמקייט זיך איינגעהערט און מיט נייגיר געשלונגען יעדעם וואָרט, וואָס הערשל האָט געזאָגט און ער האָט זיך צוגעבונדן צו הערשלען מיט לייב און לעבן.

צווישן אַנדערע נייע זאַכן האָט אויך הערשל דערציילט, אַז אין וואַרשע איז דאָ אַ חברה אַזאַ פון אַרבעטער, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו באַקעמפן די גבירים און די אַלע ליידיקגייער, שיינע יידן, וואָס טוען גאָרנישט און לעבן נאָר אויפן אַרבעטערס חשבון און צו דעם האָסן זיי נאָך דעם אַרבעטער, פון וועמענס פּראַצע זיי זענען רייך געוואָרן.

ליזער האָט געהערט און געגאַפט. אין אים האָט אויפגעפלאַמט אַ פייערל, וואָס האָט געטליעט אין זיין נשמה שוין פון יאָרן צוריק און ער האָט אויסגעדריקט זיין גרויסן באַגער צו זיין אַנגעשלאָסן אָן אַזאַ חברה פון אַרבעטער.

באַלד ווי ליזער איז אַריין אין „קליינעם בונד", ערשט נאָך איין האַלב יאָר ווי ער איז געווען אין וואַרשע, האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה פון 1914.

אַ נייע וועלט האָט זיך געעפנט פאַר ליזערן, דאָרטן אינם קרייז

פון „קליינעם בונד". יעדע קליניקייט איז אים געווען אינטערעסאנט און האָט אים געהאַלטן געשפּאַנט, יעדע געוויינלעכע מינדערוויכטיקייט איז אים געוואָרן נאָענט, ליב און ווערטפול.

לייזער האָט מיט אָנגעשטרענגטער התמדה געגומען שלינגען ביכער, בראשונה און פּראָקלאַמאַציעס, אין וועלכע ער פלעגט גאַנצע נעכט זיין פאַרטיפט. יעדעס געדרוקט וואָרט וואָס האָט נאָר גערעדט וועגן פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען, פּראָלעטאַרישע אויפגאַבן, לאָקאַלע פּאָליטישע פראַגן אָדער וועגן פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, איז פאַר לייזערן געווען אַן אומבאַרירבאַרער הייליקער אמת, וועגן וועלכן מ'טאָר אפילו נישט וואַגן צו טראַכטן, אַז עס קאָן חלילה זיין נישט ריכטיק.

אויף פּאַרטייאישע פירער, כאָטש מ'האָט זיי גערופן חברים, האָט לייזער געקוקט ווי אויף מענטשן פון אַ העכערער וועלט, ריזן־פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען אומדערגרייכבאַר.

עס איז אוועק אַ צייט און דאָס בחורל, לייזער, האָט אָנגעהויבן צו ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט.

אין דער צייט פון דער דייטשער אינוואַזיע אין פּוילן, פון די יאָרן 1915—1918, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין פּוילן עפנטלעך־רעכטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייטן פון פּאַרטייען, האָט דער זיבעצניאָריקער לייזער אינטואיטיוו דערפילט אין זיך, אַז זיין צייט איז געקומען.

ביי פאַרשידענע עפנטלעכע מיטינגען, וואַל־פאַרזאַמלונגען און פּאַרטיי־דיסקוסיעס, האָט לייזער אָנגעהויבן אָנטיילצונעמען אין די דעבאַטן און באַלד אין אָנהויב פון זיין עפנטלעכן ארויסטרעטן האָט ער צוגעצויגן צו זיך און ער איז שטאַרק באַמערקבאַר געוואָרן. לייזערס שאַרפע און קלינגענדיקע שטימע, זיין אופן פון ארגומענטירן, מיט פּשוטער און געזונטער לאָגיק, דאָס קלאָרע ארויסברענגען פון געדאַנק און זיין טעאָרעטישע באַגרינדונג, וואָס איז געשטיצט געוואָרן אויף גוטן־מאַרקסיסטישן וויסן, דאָס אַלץ האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. און אין די העכערע פּאַרטיי־קרייזן האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם הויכן, דאַרן און שוואַרצן בחורל מיט די

פאַרחלומטע ברוינע אויגן, ווי אויף אַ צוקונפטיקן כוח אין דער באַ־וועגונג.

אין דער זעלביקער צייט איז פאַר לייזערן אויפגעגאַנגען נאָך אַ ליכט, וואָס האָט אים צוגעזאָגט אַ פריידיקע און גליקלעכע צוקונפט. דאָס איז געווען די צאַרטע און באַשיידענע, בלוי־אויגיקע שיינדעלע, זיין חבר הערשלס שוועסטער.

פון זיך אַליין האָט זיך עס אַזוי אויסגעוויקלט, אויף וועלכן אַלע אַרומיקע האָבן געקוקט ווי אויף אַ נאַטירלעכער זאַך, וואָס די שיינע בלאָנדע שיינדעלע, מיט אַ יאָר יינגער פון לייזערן, האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט זיך געטוליעט צו לייזערן. שיינדעלעס אויגן האָבן אַזוי מחיהדיק, סאַמעט־ווייך געגלעט און לייזער האָט אַזוי ליב געהאַט זיך צו קוויקן און צו טובלען זיך אין אירע כשרע, בלויע אויגן. און צו לייזערס גליק איז גאָרנישט געווען קיין גרענעץ.

עס איז אָבער נישט באַשערט געווען לייזערן לאַנג צו געניסן פון דעם זיסן זאַפט פון די צוויי טייערע און געשמאַקע פרוכטן — „יוגנט" און „ליבע".

לייזער איז אַריין אין זיין צוואַנציקסטן יאָר מיט שווייגן.

אַ שרעקלעכער צאָרן און ווילדער האַס האָט אין אים געברענט, דאָס בלוט אין זיינע אָדערן האָט גיפטיק געזאָטן, אַ שטורמישע אויפ־רעגונג האָט געפרעסן זיין האַרץ, אַ ווייטיקדיקער כעס האָט פון זיינע אויגן געשפריצט און לייזער האָט פאַר פראָטעסט און כעס געביסן די ליפּן און געשוויגן.

די סיבה פון דעם איז געווען זיין אינטימער און טייערסטער חבר הערשל, וועמען ער האָט מיט זיין גאַנצער נשמה און לעבן ליב געהאַט.

נאָך דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין פוילן פון 1921, איז הערשל אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פוילישער מאַכט און אַלס באַ־שולדיקטער אין קאָמוניזם און שפּיאָנאַזש פאַר רוסלאַנד, איז ער, דורך אַ קריגס־געריכט, פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און ער איז דערשאָסן געוואָרן.

חדשים לאַנג איז לייזער אַרומגעגאַנגען ווי אַ משוגענער. אים

האָט זיך אויסגעדראָכט, אַז דער באָדן פון דער וועלט האָט זיך איינגעבראָכן און זי, די וועלט, קאָן מער נישט און דאַרף מער נישט עקזיסטירן. און ער אַליין האָט אַוודאי נישט נאָך וואָס מער צו לעבן. ער האָט אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט מענטשן און נישט געוואָלט מיט קיינעם רעדן, אַפילו נישט מיט שיינדעלען, וועלכע איז אַליין געווען צעבראָכן און דערשלאָגן פון איר ברודערס טויט נישט ווינציקער פון לייזערן.

דער דאָזיקער צושטאַנד, לייזערס, האָט נאָר געדויערט בלויז עטלעכע חדשים. ביסלעכווייז איז דער ווייטיק, צאָרן און האָס אין אים, אַרויס פון כאַאָס, אָנגעהויבן זיך אויסצוקריסטאַליזירן, האָט לאַנגזאַם אָנגענומען רעאַלע פאָרמען און לייזער האָט, אַלס פּראָטעסט און פאַרביטערונג קעגן דער פּוילישער כוליגאַנישער רעגירונגס־מאַכט, זיך אָנגעשלאָסן אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

זעקס און צוואַנציק יאָר איז לייזער אַלט געווען, ווען ער איז אַרויס פון דער פּוילישער תפיסה, וווּ ער איז אָפּגעזעסן פינף יאָר פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. גרוי איז שוין לייזער געווען, אויסגעמאַטערט און פיזיש צעבראָכן, קערפּערלעך צעפּייניקט און דערשלאָגן, אָבער אינערלעך — גייסטיק שטאַרק און נשמהדיק דערהויבן. די פיזישע יסורים פון תפיסה האָבן אים געלייטערט און זיין נאַטירלעכע ריינע, ערלעכע נשמה, וועלכע האָט פון קינדרווייז אָן נישט געדולדעט קיין עוולות און זיך געבונטעוועט קעגן יעדער אומרעכט, האָט איצט, נאָך די שווערלעכע תפיסה־ענוים, זיך דערהויבן מיט איר אידעאַלער ריינקייט צו נביאישער הויך. לייזער איז אַרויס פון תפיסה מיט אַ ברענענדיקער קאַמפּס־לוסט קעגן די אַלע פאַרשקלאַפונגען, עוולות און אומרעכטן, מיט וועלכע ס'איז פול די וועלט, ביי דער היינטיקער אָרדענונג וואָס הערשט אין איר. און גלייכצייטיק האָט ער מיט זיך אַרויסגעטראָגן פון תפיסה באַגייסטערונג און אידעאַלע ליבשאַפט פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס שטעלט אויף אַ נייע וועלט־אָרדענונג, באַזירט אויף פרייהייט, ברידערלעכקייט און גלייכהייט.

אָט מיט די דאָזיקע אידעאַלן און מיט אַן אומבאַשטרייטבאַרן

גלויבן אין א בעסערער וועלט, האָט לייזער פאַרלאָזט פּוילן און איז, אין יאָר 1928, אָנגעקומען קיין מעקסיקע.

ס'איז געווען באַלד אין דער ערשטער וואָך פון זיין אָנקומען אין מעקסיקע. לייזער האָט נאָך גאָרנישט געהאַט אָנגעהויבן עפּעס צו טון. ער האָט נאָך אפילו קיין אָנונג נישט געהאַט צו וואָס פאַר אַן ארבעט ער קאָן זיך דאָ נעמען. ער האָט געזען ווי אַנדערע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן צו פּעדלען אין די גאַסן מיט זאָקן און קראַוואַטן. לייזערן האָט אויפגעשווינדערט דער געדאַנק, אַז ער זאָל אויך דאָס דאַרפן טון. ווען ער זאָל דאַרפן אפילו קערן די גאַסן, האָט ער באַשלאָסן, וועט ער עס ליבערשט טון איידער צו ווערן אַ פּעדלער.

דערווייל, שפּאַצירנדיק אַזוי איבער די גאַסן פון זוניקן מעקסיקע, איז לייזער פאַרקראָכן צו אַן אָרימער געגנט ערגעץ, אין אַ זייט שטאָט. דאָרטן אויף אַ באַנק אין אַ כלומרשטן פּאַרק, האָט ער זיך אוועקגעזעצט. לייזער האָט זיך אַזוי אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין די אָפּגעשיילטע, שמוציקע, שויבנלאָזע הייזער פון דער אומגעגנט. ער האָט באַטראַכט די אָפּגעריסענע, האַלבנאַקעטע, פאַרוואַרלאָזטע קינדער, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אויף דעם זאַמדיקן באָדן אינם פּאַרק און זיי האָבן מיט זיך אויפגעהויבן אַ שטרעקלעכן שטויב. פאַרביי אים האָבן דורכגעשלייכט אָרימע, אויסגעמאַרעטע, אויסגעדאַרטע פרויען מיט קינדער־פּעקלעך אויף די פּלייצעס. פון אַ דערביייִקער פּולקעריע האָבן זיך געריסן ווילדע שיכורע קולות־געזאַנגען. אויפן טראָטואַר איז אַ מאַן געלעגן אויסגעצויגן אין דערברייט, מיט די פיס אין רינשטאָק און געשמאַק געכראָפּעט און נעבן אים אויף אַ געלן אויסגעווערזעט־צעגאָסענעם געמויזעכץ האָבן געררויעט מיליאָנען פליגן.

לייזער האָט אַזוי פיינלעך זיך אַריינגעטראַכט אין דער דאָזיקער אָרימשאַפט . מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער ווייטיקדיק מיטגעליטן מיט אָט די דאָזיקע מענטשן, וואָס פילן אפילו נישט זייער שרעקלעכע לאַגע. מיטאַמאָל ער הויבט אויף דעם קאָפּ — נעבן אים אויף דער באַנק זיצט אַ מיליטער־מאַן, אַ נידעריקער, אַ דיקער מיט אַ טונקל־הויטיק פּנים און מיט אַ פּאָר ליבע, גוטמוטיקע, שוואַרצע אויגן.

לייזער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט נאָך פון פּוילן אַ פּחד אַזאַ פאַר יעדן מענטש, וואָס טראָגט אַ מונדיר, האָט ער לכתחילה זיך שטאַרק דערשראָקן פאַרן מיליטער־מאַן און ער האָט אינסטינקטיוו אַ ציטער געטון. דער ליבער שמייכל אָבער מיט די גוטע אויגן, מיט וועלכע יענער איז לייזערן אַנטקעגנגעקומען, האָבן אים באַרויקט. מיט אַ פריינטלעכער וואַרימקייט האָט דער מיליטער מאַן גענומען רעדן צו לייזערן:

— איך זע, אַז איר זענט נאָך אַ פרישער אין לאַנד, אַ נאָרוואָס אַנגעקומענער אימיגראַנט.

לייזער האָט מיטן פינגער געוויזן אויף די ליפּן, וואָס עס האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין שפּאַניש און אויף יידיש האָט ער דערזאָגט מיטן מויל:

— איך פאַרשטיי נישט און קען נאָך נישט רעדן קיין שפּאַניש.

איז דער מיליטערמאַן גלייך אַריבער אויף דייטש. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט נאָמען מ. און האָט צוגעגעבן:

— איך בין דאָ פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך באַמערקט אין אייך ווי איר זיצט און באַוואונדערט אָט דער דאָזיקער מיזעראַבלער אָרימ־קייט. דעריבער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט נעבן אייך און איך וויל אייך זאָגן, אַז אונזער לאַנד איז זייער רייך און האָט פאַר זיך גרויסע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. עס פעלן דאָ אינטעליגענטע כוחות פון אויסלאַנד. אָבער אַזעלכע, וועלכע זאָלן זיך באַציִען מיט ליבע צום לאַנד און צום מעקסיקאַנער פאָלק און איבערהויפּט פעלן דאָ אינטעלי־גענטע מענטשן מיט אַ סאָציאַלן חוש, וועלכע זאָלן פאַרשטיין צו באַקעמפן די אומדערטרעגלעכע אומגלייכהייט פון קלאַסן, וואָס אין מעקסיקע איז עס אַזוי שרעקלעך דיפערענצירט, אָט ווי איר זעט עס אַליין.

דער מיליטער־מאַן האָט זיך באַלד אויפגעהויבן, זיך געזעגנט מיט לייזערן. אויף שטום־לשון האָט ער מיט זיינע גוטמוטיקע אויגן געגעבן לייזערן צו פאַרשטיין, אַז ער איז אַן אייגענער מענטש... און אין דייטש האָט ער אים צוגעוווּנטשן, אַז ער זאָל דערגרייכן גרויס דערפאָלג אין מעקסיקע.

לאַנג, לאַנג האָט לייזער נאָכגעטראַכט וועגן אָט דעם האַרציקן

און ליבן מענטשן אין מיליטערישן מונדיר. ער האָט אין גערדאַנק, אַנטקעגנגעשטעלט אים, אין פאַרגלייך מיט יענע פוילישע מיליטערישע כוליגאַנעס דאָרטן און אין לייזערס האַרצן איז אויפגעגאַנגען אַ פרייד. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט גליקלעך, וואָס ער געפינט זיך אויף מעקסיקאַנער באָדן. אַ נייער מוט האָט אין אים אויפגעוואַכט, צי ווייטערדיקן אומדערמידלעכן קאַמף פאַר אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט אין אַ באַפרייטער וועלט.

אין אַ הייסן יוני־טאָג פון יאָר טויזנט ניינהונדערט צוויי און דרייסיק, אין דער הערשאַפט־צייט פון פּרעזידענט אָרטיס רוביאָ, נאָך אַ טאָג פון אָנגעשטרענגטער שווערער אַרבעט ביי אַ שניידערישער ניי־מאַשין (וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט שוין אין מעקסיקע) איז לייזער אין אָוונט אַוועק אַהיים.

ער איז צופרידן געווען, וואָס דער דאָזיקער אָוונט איז אים געבליבן אַ פרייער, אָן קיין פּאַרטיי־באַראַטונג, אָן קיין וויכטיקן ענין פון פּראָפּ. פאַריין. אַ פרייען אָוונט, אויסצורוען זיך פאַר אַ גאַנצער וואָך.

— כאָטש איינמאָל — האָט ער זיך געטראַכט — אויסשלאָפן זיך ווי עס געהער צו זיין.

עלף ביינאַכט. לייזער ליגט אין בעסטן שלאָף. פּלוצלונג מען זעצט אין דער טיר פון זיין וווינונג:

— דאָ וווינט לייזער קראַמאַרזש? אויפעפענען!

אַ גאַנצע מחנה באַוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן צו אים אין צימער און דער עלטסטער האָט אים דערקלערט, אַז ער איז אַרעסטירט.

דאָרטן, אין דער שטאָטישער תפיסה, האָט לייזער שוין געטראָפן נאָך פּאַרטיי־חברים וועמען אַלץ מ'האָט, ווי אים, אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן און אַרעסטירט אַלס קאָמוניסטן.

צוועלף מאָן זענען זיי געווען, פיר יידן און אַכט מעקסיקאַנער.

נאָך עטלעכע טעג אָפּזיצן אין דער שטאָטישער תפיסה, זענען זיי, די צוועלף פּאָליטישע אַרעסטירטע, צוזאַמען מיט גנבים, מערדער,

באנדיטן, נארקאטיקער, פארשיקט געווארן אויפן אינזל „איסלאס מאריאס".

שטארק געוואונדערט, זייער איבעראשט און טיילווייז פארדראסן האט עס די איבעריקע עלף פאליטישע ארעסטירטע אויף לייזערן. זיי האבן נישט געקאנט פארשטיין זיין רואיקייט, זיין מונטערקייט, אן קיין סימן פון פארצווייפלונג, אן קיין שפור פון מוטלאזיקייט. פארקערט גאר — ער האט די גאנצע צייט זיך געהאלטן אויפגעלעבט, מיט קוראזש, ער האט דעם גאנצן וועג געזונגען לידער און ער האט זיך אזוי גוט איינגעלעבט, געחברט, און געשטיפט אפילו מיט די איבעריקע גנבים־באנדיטן — ארעסטאנטן.

ווען די פאליטישע חברים האבן אים אויפמערקזאם געמאכט, וואס איז עס אזוי די שמחה מיט אים?!

האט לייזער געהאלטן פאר זיי א גאנצע לעקציע:

— איר זעט אט די גנבים־באנדיטן־ארעסטאנטן, זיי זענען דאס פאלק, זיי זענען עס דער באראמעטער צו זען די שטימונגען און די אמתע געפילן פון פאלק. ווען איך בין געזעסן אין דער פוילישער תפיסה, האבן די פוילישע גנבים־מערדער־ארעסטאנטן אונז, פאליטישע, ביטער געפייניקט, אנגעטון שרעקלעכע צרות, זיי האבן אונז פיינט געהאט, ווייל אזוי איז דאס פוילישע פאלק, אין זיין מערהייט, אין גרונט רעאקציאנעריש. זעט אבער דא, ווי אט דער זעלביקער קלאס ארעסטאנטן באהאנדלט אונז, זעט מיט וויפל רעספעקט און ליבשאפט זיי באציען זיך צו אונז. דאס איז א באווייז, אז דאס מעקסיקאנער פאלק איז א פרייהייט־ליבנדיק פאלק און איז דאנקבאר אלע די וואס קעמפן פאר גלייכהייט און פרייהייט. און אט דאס גיט מיר מוט. און אייך חברים דארף עס אויך מוטיקן צום וויטערדיקן קאמף, און נישט שרעקן זיך פאר גארנישט. מען וועט אונז נישט אויפעסן! סוף כל סוף וועט מען אונז באפרייען. און מיר דארפן שטאלץ זיין וואס אונז קומט אוים צו ארבעטן צווישן אזא פאלק ווי דאס מעקסיקאנישע.

אלע פאליטישע ארעסטירטע האבן אנערקענט, אז לייזער איז גערעכט.

עס איז געווען שוין נאך האלבן טאג, ווען די שיף מיט די ארעס־

טאַנטן איז ענדלעך צוגעקומען צו די ברעגעס פונם אינזל „איסלאַס מאַריאַס”.

א גיהנומדיק משחית־פייער און אַ שמוציקער אַנגעגליטער שטויב האָבן פון הימל, פון דער ערד און פון אַלע זייטן זיך אַ לאָז געטון מקבל־פּנים זיין די ניי־אָנגעקומענע געסט־אַרעסטאַנטן.

אין טיפע זאַמדן, אונטער אַ נודנעדיקער גליוועדער היץ, מיט אויסגעווייקטע קליידער פון שוויס, מיט פאַרהאַקטן אָטעם און מיט פאַרשטאָפּטע נאָז־מויל־אויגן און אויערן, האָבן די אַרעסטאַנטן זיך געשלעפּט אַ וויטן וועג, ביז צום הויפּט אָפיס פון „באַיעסטאַ” צו פאַררעגיסטרירן זיך.

אַזוי שלעפּנדיק זיך אינם דאַזיקן לאַנגן „וויאַ דאָלאָראָזאַ”, איז זיי געקומען אויפן געדאַנק, אַז מען האָט זיי פאַרשלעפּט אַהער נאָר מיטן ציל, כדי צו פאַרברענען זיי לעבעדיקערהייט.

אין אַ לאַנגער ריי, איינעם נאָך איינעם, האָט מען זיי פאַרביי־געפירט פאַרביי אַ גרויסן טיש, וווּ ס'איז געזעסן דער הויפּט־שעף מיט עטלעכע סעקרעטאַרן.

יעדנס פּאַפּירן זענען פאָרזיכטיק דורכגעקוקט געוואָרן. עס איז גוט באַטראַכט געוואָרן די אַרעסט־סיבה פון יעדן אַרעסטאַנט און אים געשיקט ווייטער.

עס איז געקומען די ריי פון לייזערן.

דער שעף, אַ נידעריקער, אַ דיקער, מיט אַ טונקל־הויטיק פּנים, און מיט שוואַרצע גוטמוטיקע אויגן, האָט אַ שאַרפן קוק געטון אויף לייזערן און צו אים פריינטלעך אַ שמייכל געטון.

לייזער האָט אים אויך באַלד דערקענט, אַז דאָס איז דרעזעלבי־קער מיליטער־מאַן, וועמען ער האָט באַגעגנט מיט פיר יאָר צוריק, באַלד אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען אין מעקסיקע.

און דער שעף האָט געפרעגט לייזערן:

— וויפל פּאָליטישע אַרעסטירטע זענט איר?

— צוועלף. — האָט לייזער געענטפערט מוטיק.

באַלד איז געקומען אַ באַפעל:

— אַלע צוועלף פּאָליטישע אַרעסטירטע אויסטיילן באַזונדער און אַריינפירן צו מיר אין קאַבינעט אויף פאַרהער.

א לאנגע פראצעדור האבן דורכגעמאכט די באמיאונגען פונם שעף פון „איסלאס מאריאס", גענעראל מ., אז מ'זאל באפרייען די צוועלף פאליטישע פארשיקטע.

פונם טאג אן, ווען ס'איז אוועק די ערשטע אפעלאציע פונם שעף ביז ס'איז ענדלעך געקומען א ספעציעלער אויספארשער פון מעקסיקע, און ביז ס'איז ענדלעך געקומען דער ארדן זיי צו באפרייען, זענען זעקס לאנגע חדשים אדורך.

אין דער דאזיקער צייט איז לייזער געווען אן אפטער אריינגייער צום שעף פונם אינזל, גענעראל מ., און דער שעף האט אים יעדעס מאל אויפגענומען נישט ווי אן ארעסטאנט, נאר ווי א חבר.

ביי אים האט לייזער, אין די גאנצע זעקס חדשים, גענומען זייער וויכטיקע ביכער צום לייענען און ביי אים,ביים שעף, האט לייזער געלערנט, אז די רעאקציע וואס בושעוועט צייטווייליק אין מעקסיקע, איז נישט קיין פראדוקט פון מעקסיקאנער פאלק, נאר זי איז אן ארויפגעצוווּנגענע פון אויסלענדישע אגענטן, וועלכע האבן א גרויסע השפעה אויפן פרעזידענט, אבער אלץ וועט איניגיכן פאריבער.

ביים געזעגענען זיך האט גענעראל מ. געזאגט לייזערן צווישן אנדערעם:

— געבענטשט זאלן זיין די הענט וואס ארבעטן פאר פרייהייט, ברידערלעכקייט און גלייכהייט און פאר דער זעלבשטענדיקער אנטוויקלונג פון מעקסיקע!

יארן לאנג איז לייזערן געשטאנען פאר די אויגן, ווי א סימבאל, אט דער קורצער און דיקער מיליטער־מאן, מיט די הארציק־ליבע, גוטמוטיקע אויגן. אט דער דאזיקער מאן האט עס לייזערן געדינט פאר א דערמוטיקונג אין די שווערסטע און אין די פארצווייפלטסטע מאמענטן פון זיין פארצווייגטער פאליטישער טעטיקייט.

אין חודש נאוועמבער פון יאר טויזנט נײַנהונדערט נײַן און דרייסיק.

עס איז שוין שפעט אין דער נאכט. אין דער קאלאניע כוארעז, וו לייזער וווינט, איז דער דרויסן איינגעהילט אין געדיכטן חושך און איז דורכגענומען מיט אומעטיקער שטילקייט. די הייזער שטייען

פארגליווערטע. יעדער סימן פון לעבן איז אויסגעלאָשן און פון דעם גאַנצן ארום לויערט אַ פּחד. צו חבר לייזער אין שטוב אָבער האָט דער נאָכטיקער דרויסן נישט געוואַגט אריינצודרינגען. דאָרט ברויזט איצט מיט געפּילדער, באַוועגונג און אויפרעגונג, דאָרט היצט מען זיך און מ׳שטורעמט מיט צאָרן קעגן שונאים, וועלכע מוזן באַקעמפט ווערן. ניין פערזאָן זענען דאָרט פאַרזאַמלט אין אַ צימער ביי חבר לייזער אין שטוב, אכט פון זיי טומלען, קאָכן זיך און שרייען, נאָר איינער זיצט פאַרטראַכט, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט, ער איז פאַרטיפט אין זיך און שווייגט.

— די קאַפּיטאַליסטישע שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד, אין דער גאַנצער וועלט, האָבן איצט געפונען אַ געלעגנהייט צו באַשמוצן דאָס איינציקע סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד.

— די שוואַרצע קליקע אונזערע, די קאַפּיטאַליסטישע משרתים, ציוניסטן, בונדיסטן און אַלערהאַנט כלי קודש, זענען ארוים פון די מייזן־לעכער און זיך פאַרייניקט צו באַקעמפן אונזערע סאָציאַליס־טישע דערגרייכונגען.

לייזער שווייגט.

— מיר מוזן אויך דאָ, אין מעקסיקע, אַזוי גוט ווי עס טון אונ־זערע חברים אומעטום, זוכן מיטלען ווי אָפּצושלאָגן די אטאַקעס, ליגנס און פאַרלוימדונגען פון דער שוואַרצער פאַרקויפטער פרעסע און מיר דאַרפן אויפדעקן פאַר די פאַרפירטע מאַסן דעם אמת וועגן ראַטנ־פאַרבאַנד.

— זאָלן די מאַסן וויסן, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד קעמפט פאַר כאַציאַליסטישער אויסשפּרייטונג און פאַר דער באַפרייאונג פון פעל־קער. די רויטע ארמיי האָט געהאָלפן פאַרניכטן דאָס רעאַקציאָנערע פוילן און זי וועט מאַרשירן פאָרויס צו באַפרייען די אונטערדריקטע פעלקער.

לייזער שווייגט.

— וואָס זאָגט איר, חבר לייזער? איר זענט דאָך אונזער לערער און וועג־ווייזער, איר האָט אונז געלערנט ליב צו האָבן דעם ראַטנפאַר־באַנד, ווו עס ווערט פאַרווירקלעכט דער אמתער מאַרקסיסטיש־לע־ניניסטישער סאָציאַליזם. איר האָט אונז געלערנט אַלע יאָרן צו באַ־

קעמפן אַן רחמנות די אַלע אַפּאַרטוניסטישע אָפּנויגן, וועלכע זענען נישט מער ווי פאַרקויפּטע קנעכט ביים קאַפּיטאַליזם. ווייזט אונז וואָס איצט צו טון, ווען אַ געפאַר פון שוואַרצע רעאַקציאָנערע כוחות לויערט אויף אונזער סאָציאַליסטיש פאַטערלאַנד.

לייזער שווייגט.

ווען מאיר שלום, לייזערס טאַטע, וואָלט געווען זען לייזערן אין דער דאָזיקער פּאָזע, ווי ער בייסט די ליפּן און שווייגט, וואָלט ער געזאָגט: „מסתמא האָט זיך געגוג פאַרביטערונג און צאָרן אָנגעזאַמלט ביי אים און ער קאָן עס שוין מער נישט איבערטראָגן, שווייגט ער פאַר כעס. מסתמא האָט די אנטוישונג ווי אַ גיפט זיך איינגעגעסן אין זיינע בלוטן, אים דערדריקט און דערשלאָגן, בייסט ער די ליפּן און שווייגט פאַר ערגערונג און קרענקונג".

אין דרויסן האָט שוין געגרויט אויף טאָג. די טומלער זענען שוין לאַנג אוועק פון לייזערס שטוב. לייזער האָט גאָרנישט באַמערקט זייער אוועקגיין, פּונקט ווי ער האָט נישט געהערט זייערע צעיושעטע געשרייען.

און לייזער זיצט נאָך אַלץ פאַרטראַכט, דעם קאָפּ פאַרזונקען אין זיינע ביידע הענט, ער איז פאַרטראַכט אין זיך און ער שווייגט.

בריליאנטן

זעקס זענען זיי געווען, וועלכע האָבן צונויפגעשטעלט דעם קליינעם יידישן ישוב אין דער מעקסיקאַנער פּראָווינץ־שטאָט ס. און מערקווירדיק — זיי, אַלע זעקס, האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום.

אַ גרויס געשעפט מיט דריי ברייטע טירן אָפן אין גאַס אַריין. דורך יעדער טיר האָט פון אינעווייניק אַרויסגעקוקט אַ שלל מיט שטאָלוואַרג־אַרטיקלען, אַלערליי רייזע־וואַליזן און ספּאָרט־מכשירים. און איבער אַלע דריי טירן איז געהאָנגען אַ גרויסער שילד, מיט רויטע אותיות אויף ווייסן גרונט, „לאַ עוראָפּעאַ". אָט דאָס איז געווען רעב מאָטיעס געשעפט.

רעב מאָטיע איז געווען אַ בחור — אַ גבר: אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ רויטן קאַרק און בלוט־פּאַרלאָפן פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר ווייכע, נאַאיווע, קינדערשע, בלויע אויגן.

געהייסן האָט ער נתן גאָרעליק, דאָס איז אָבער נאָר געווען ביז זיין 26־טן יאָר, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין ס., מיט זיין אָנקור־

מען אין דער שטאט ס. איז דער נאמען גארעליק געבליבן בלויז אין די דאקומענטן זיינע, נישט מער. מען ווייסט נישט פון וואנען, פון ווען און דורך וועלכן לץ — נתן האט זיך קונה־שם געווען אלס רעב מאטיע און אזוי איז ער פארבליבן. אלס אזעלכן האבן אים אלע מעק־סיקאנער אין דער שטאט ס. געקענט און ער אליין האט שוין באלד געהאט פארגעסן, אז ער האט אמאל געהייסן אנדערש.

שרייבן און לייענען האט רעב מאטיע נישט געקענט, אין קיין שפראך נישט. דאס זענען געווען צו איידעלע מלאכות פאר זיינעט וועגן. און אז עס פלעגן אים אנקומען בריוו מיט חשבונות, האט ער געמוזט בעטן ביים צווייטן ייד, דעם שכן זיינעם, אז יענער זאל עס אים איבערלייענען און רעב מאטיע האט זיך געמאכט זיינע אייגענע סימנים אויפן חשבון, כדי צו דערקענען דעם נאמען פון יעדן ארטיקל.

זיין גאנצע פאנטאזיע איז געווען חתונה צו האבן מיט א „געביל־דעט מיידל", מיט אזעלכער וואס קען לייענען און שרייבן, כדי ער זאל שוין מער נישט דארפן אנקומען צו טובות פון פרעמדע מענטשן.

רעב מאטיעס בעסטער פריינט, שרייבער, לייענער און בעל יועץ איז געווען דער שכן זיינער בערל לאזינסקי, וועלכער האט געהאט נעבן אים, אויף דער זעלביקער גאס, א שוך־געשעפט.

אן איינגעדארט יידל, אין די פערציקער יארן, מיט א הויכער פלייצע, מיט א צעקנייטשט פנים און צעקארבטן שטערן, פון יעדן קנייטש האט ארויסגעקוקט א בארג מיט צרות און אין די אויגן האט ארומגעבלאנדזשעט אן אומעט — אט דאס איז געווען בערל לאזינ־סקי. ער אליין האט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיך און זיין פארגאנ־גענהייט, פונדעסטוועגן האט מען געוווסט, אז ער האט יארן לאנג געוווינט אין די שטאטן און צוליב א ווייב א מרשעת האט ער גע־מוזט פון דארטן אנטלויפן און קומען קיין מעקסיקע.

רעב מאטיען האט לאזינסקי ליב געהאט, פאר זיין נאטירלעכער פשוטקייט און ערלעכער אפנבארקייט. ער האט זיך געפילט אין רעב מאטיעס קעגנווארט ווי א שטאט־מענטש ווען ער איז אין פעלד אדער אין וואלד, ער ווארפט דאן אראפ פון זיך אלע דאגות און בא־העפט זיך מיט דער פרייער נאטור. רעב מאטיע האט געקוקט מיט דרך־ארצדיקער הכנעה אויף לאזינסקין און ער האט אים שטארק

מקנא געווען מיט זיין „געלערנטקייט", מער ווי מיט דער גרעסטער עשירות. גלייכצייטיק האט ער זייער באדויערט זיין פריינט, וואס אזא געלערנטער מענטש דארף זיין א שוך־קרעמער אויף דער פראַ־ווינץ. און ער האט זיך פארגעשטעלט, אז ווען ער וואלט געווען אויף לאזינסקיס ארט, וואלט ער גאר אנדערש געווען, כאטש באשטימט וואס דער „אנדערש" וואלט געווען, האט ער אליין קיין קלארן באגריף נישט געהאט.

אינם רויטן צווייששטאקיקן הויז, אויף דער מארק־גאס, אין דער פראווינץ־שטאט ס. געפינט זיך פון קדמונים אן א קאנטינע (שענק) צוזאמען מיט א ביליארד־זאל, וו עס זענען איינגעשטעלט פיר ביליארד־טישן.

די דאזיקע קאנטינע־ביליארד איז אין פארלויף פון יארן אריבער צו פארשידענע באלעבאטים. זי האט זיך יארן לאנג אזוי געקייקלט פון האנט צו האנט, פון איין באלעבאס צו א צווייטן, ביז זי איז צום סוף ארייננגעפאלן צום ליטוואק סליימע (שלמה) הארוויץ.

סליימע, א בלאנדער מיט א שמאל און לענגלעך געזיכט, א באב־רילטער, מיט א לאנגער אדלער־נאז, האט שטענדיק געהאלטן פארריסן דעם קאפ און געבלאזן פון זיך מיט גאווה. ער האט נישט געקענט פארגעסן, אז ער האט אמאל געענדיקט א תרבות־גימנאזיע אין ליטע, אז ער איז אנגעלייענט אין דער העברעאישער ליטעראטור און האט אויך אייגענע אנגעשריבענע העבראישע שירים. ער האט געוואלט, אז די גאנצע וועלט זאל וויסן ווער ער, סליימע, איז, פארשטיין ווי אים אפצושאצן און וויסן ווי מ'דארף אים רעספעקטירן. אבער וואס מער ער האט געפאמפעט גאווה און געריסן כבוד פאר זיך, אלץ מער האט מען אים אויסגעשפאט און פון אים אפגעחוזקט.

דער שטענדיק ערנסטער לאזינסקי, אז ער פלעגט דערזען סליי־מען, האט זיך נישט געקאנט איינהאלטן פון א חוזק־שמייכל, האט אים באטראכט ווי א צעדרייטן און אים א נאמען געגעבן „דאקטאר ביליארד".

און רעב מאטיע, כאטש ער האט געהאט שטארק דרך־ארץ פאר געלערנטע מענטשן, האט ער אבער סליימען נישט ליב געהאט. ער

האָט זיך באַצויגן צו אים מיטן זעלביקן געפיל וואָס עס האָט אַן אָרי־כאַן צו אַ קאַרגן גביר, וועלכער בלאָזט פון זיך מיט זיין רייכקייט און קיינער האָט דערפון קיין הנאה נישט. און רעב מאָטיע פלעגט אויס־דריקן זיין שפּאָט און פאַראַכטונג צו סליימען מיט דעם, וואָס ער האָט אים גערופן, הינטער די אויגן, „ליטוואַק חזיר".

סליימע ווידער פלעגט זיך באַציען מיט ביטול צו לאַזינסקין און רעב מאָטיען, ווי צו מענטשן מינדערווערטיקע, פון וועמען עס לוינט זיך נישט צו מאַכן קיין ווערן און מיט וועמענס ווערטער ס'איז נישט כדאי זיך צו רעכענען.

די איינציקע פּערזאָן, מיט וועמען סליימע האָט זיך גערעכנט און אין וועמען ער איז זיכער געווען, אַז זי פאַרשטייט אַפּצושאַצן אים, איז געווען די פרוי פרומטשע שניידער.

ווייט פון שטאָט־טומל, אין אַ זייטיקער גאַס, שוין ביים עק שטאָט, אין אַ ווייס־געפאַרבט הייזל, וואָס איז געשטאַנען טיף אין אַ גאָרטן, דאָרט האָט געוווינט די פאַמיליע שניידער.

באַלד ווי מ'איז אַריין אין ערשטן סאַלאָן־צימער פונם דאָזיקן הויז האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן צוויי זאַכן, וועלכע האָבן גע־קענט שאַפן אַ פאַרשטעלונג וועגן דער אינטעליגענץ און דערציאונג פון די דאָרטיקע איינוווינער.

די ברייטע ביכער־שאַנק, וועלכע איז געווען אָנגעפּאַקט מיט דורכאויס יידישע ביכער, אָריגינעלע און איבערזעצונגען, האָט בולט געצייגט, אַז דאָ וווינט אַ יידישער פאָלקס־אינטעליגענט. און ווידער די דריי גרויסע בילדער, פון מערעם, גראָסער און מיכאַלעוויטש, וואָס האָבן געהאָנגען אויף דער וואַנט, קעגנאיבער דער ביכער־שאַנק, האָבן קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז דער איינוווינער פון דעם הויז איז אַ דער־צויגענער פונם בונדישן חדר.

מענדל שניידער, אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, אַ נידעריקער, אַ טונקלהויטיקער, מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, און מיט אַ פּנים וואָס דריקט אויס ענערגיע און אַנטשלאָסנ־קייט, איז אין דער אַלטער היים, אין פּוילן, געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער און אונטער דעם איינפלוס פון „בונד", צו וועלכן ער האָט אָנגעהערט, איז ער דערצויגן געוואָרן מיט ליבע צו דער יידישער

שפראך און יידישער ליטעראטור. די דאזיקע ליבע צום יידישן וואָרט האָט מענדל מיטגעבראכט אויך קיין מעקסיקע.

אין דער מעקסיקאנער פראווינץ שטאָט ס. איז מענדל שניידער געוואָרן אַן אבאַנער: האָט פארקויפט אין שטאָט און אין דער אומ־געגנט קליידונג, שיך און מעבל אויף אויסצוצאָלן אין ראטעס.

די אַרבעט פון ארומגיין פארקויפן און דערנאָך גיין קאַברירן (איינמאָנען די חובות) איז זייער אַן אָנגעשטרענגטע און פאַרמאַטערנ־דיקע, אַזוי אַז זי לאָזט כמעט נישט קיין פרייע צייט פאַר עפּעס אַנדערש גייסטיקעס. פונדעסטוועגן האָט מענדל שטענדיק געפונען צייט אויף צו לייענען יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. דאָס לייענען איז ביי אים געווען אַ טייל פון זיין לעבן, פון וועלכן ער האָט אויף קיין פאַל זיך נישט געקאָנט אָפּגעוויינען. און מענדלס שטוביקע ביבליאָטעק איז אויך אין דער מעקסיקאַנער פּראָווינץ יע־דעס מאָל פארגרעסערט געוואָרן מיט נייע יידישע ביכער, וואָס זע־נען נאָר ערגעץ ווו דערשינען.

די פרוי, פרומטשע שניידער, אַ סך יינגער פון מאַן, אַ שיינע בלאָנדינקע, אַ מיטלוווקסיקע, מיט אַ פול, קיילעכדיק און נאַריש פּנים, האָט אין ווארשע געענדיקט אַ פּוילישע גימנאַזיע און ווען זי האָט געזען, אַז דאָס העלפט גאָרנישט אויף צו קריגן אַ חתן, איז זי אריין אין „חלוץ". דאָרט האָט זי זיך אויסגעלערנט רעדן העברעאיש מיט אַ ספרדישן אקצענט, וואָס איר פאָטער, אַ ייד אַ משכיל, האָט גע־מיינט, אַז זי רעדט טערקיש.

נאָכן אָפּזיין אַ יאָר צייט אויף „הכשרה" איז פרומטשע גע־זעסן און געוואַרט אויף איינס פון די דריי זאַכן: אָדער צו קריגן אַ סערטיפיקאַט אויף צו פאָרן קיין ארץ ישראל, אָדער קריגן אַ חתן אויפן אָרט, אָדער גאָר צו באַקומען אויספאָדערונגס־פּפירן פון ברו־דער אירן אין מעקסיקע. און אויפן לעצטן האָט זי זיך אמפריערסטן דערוואָרט.

חתונה געהאַט האָט זי מיט מענדלען שוין אין מעקסיקע און ערשט נאָך דער חתונה האָט איר מענדל אויסגעלערנט שרייבן און לייענען יידיש.

די דריטע פּערזאָן אין דער פאַמיליע שניידער איז געווען די

קליינע דריי־יאַריקע טאָכטער מלכהלע. זי איז געווען דער שטאָלץ פונם טאַטן. פאַר יעדערן, אַפילו פאַר מעקסיקאַנער, האָט מענדל פאַרגע־שטעלט זיין טאָכטער, ווי שיין און קאָרעקט זי רעדט די שפּראַך פון יידישן פאָלק — יידיש.

אין הויז פון דער פאַמיליע שניידער איז געווען דער צענטער פון יידישן ישוב אין ס. דאָרטן איז געווען דער פּלאַץ ווו מ׳פּלעגט זיך צוזאַמענקומען אין יעדער פרייער צייט. אהין פלעגט קומען לאָזינ־סקי לייענען ציימונגען. רעב מאָטיע פלעגט קומען הערן וואָס לאָ־זינסקי לייענט און דער אַנגעבלאָזענער סלאַיימע האַראָוויץ פלעגט קו־מען כאַפּן אַ שמועס מיט דער שיינער באַלעבאָסטע אויף העברעאיש. און גערעדט האָט ער מיט געשרייען און געוואָלטן כדי די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, אַז ער יכולט... און נישט נאָר גלאַט סתם, עפּעס אַזוי, ווי אַ חלוץ דאָרט, נאָר ער, סליימע, קען העברעאיש, ווייל ער האָט געענדיקט אַ תרבות־גימנאַזיע אין ליטע.

אין הויז פון דער פאַמיליע שניידער האָט יעדער ייד פון ס. דערפילט ווי ער שליידערט אַראָפּ פון זיך די איינזאַמקייט, וואָס האָט זיך צו יעדערן פון זיי אַנגעקלעפּט אין דער גויאישער אַטמאָס־פערע פון שטאָט, און ער ווערט ווידער אַ קינד פון אַן אייגענער משפּחה.

מיט איין מאָל, גאָר אומגעריכט, איז דאָס יידישע געזינדל אין ס. פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַ נייעם מיטגליד.

און געשען איז דאָס אַזוי:

אין איינעם אַ פאַרנאַכט פון אַ שיינעם מאַי־טאָג איז צום הויז פון מענדל שניידער צוגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל און פון דאָרט איז אויסגעשטיגן אַ שיינער הדרת־פּנימדיקער ייד, פון די טיפּן יידן וואָס זענען שוין אַ זעלטנהייט אומעטום, בפרט אין מעקסיקע: אַ מאַן עטוואָס העכער פון מיטלוווקס, מיט אַ שיינער, ברייטצעקעמטער שוואַרצער, זיידענער באָרד, וועלכע האָט אַרומגעקראַנצט זיין ליכטיק־ווייס איידל פּנים און מיט אַ פּאָר קלוגע שוואַרצע אויגן פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט די דריי אייגנשאַפטן פון אַן אמתן תלמיד־חכם: תורה, חכמה און מידות.

ביי מענדלען אין שטוב האָט דער דאָזיקער ייד זיך פאַרגע־

שטעלט מיטן נאָמען דוד שאַרפשטיין און דערביי האָט ער דער־לאַנגט א בריוו, וואָס ער האָט געבראַכט פון מענדלס שוועסטער און שוואָגער פון פּאַריז.

און דערדאַזיקער ייד, דוד שאַרפשטיין, האָט מיט פולן צוטרוי און פשוטער אָפנהאַרציקייט דערקלערט פאַר מענדלען און פרומטשען, נאָר בתנאי, אז עס זאָל בלייבן א סוד, אז ער איז א בריליאַנטן־סוחר פון אַנטווערפּן און דער הויפּט־האַנדל זיינער איז א געשמוגלטער, דירעקט פון אַנטווערפּן קיין ניו־יאָרק. אָבער דער דאָזיקער וועג איז קאַליע געוואָרן... ווייל ער איצט אָנהויבן צו פירן בריליאַנטן דורך מעקסיקע קיין סאַן־אַנטאָניאָ און לאָס־אַנדזשעלעס. און ער האָט דערקלערט, אז ער איז זייער רייך, אז ער דאַרף, חלילה, צו קיינעם נישט אָנקומען. אַלץ וואָס ער ווינטשט איז צו האָבן א באַקאַנט יידיש הויז, פון אָרנטלעכע מענטשן, וווהין ער זאָל קאָנען אריינקומען.

צי עס איז געווען צוליב דעם בריוו, וואָס מענדל האָט באַקומען פון זיין שוואָגער אין פּאַריז, אין וועלכן מ'האָט רעקאָמענדירט ר' דוד שאַרפשטיין, אלס הויפּט־ערלעכע פּערזאָן, צי צוליב שאַרפשטיינס פיינעם אויסזען, וואָס איז אַליין פאַר זיך געווען א גענוג גוטע רעקאָ־מענדאַציע, אָדער נאָר צוליב דעם וואָס שאַרפשטיין האָט דערקלערט, אז ער איז זייער רייך... און מעגלעך, אז ס'איז געווען צוליב אַלע דריי זאַכן צוזאַמען. אַלנפאַלס — באַלד פון דעם ערשטן מאָמענט אָן האָט דוד שאַרפשטיין שטאַרק נושא־חן געווען ביי מענדל שניידער און זיין ווייב. און זיי זענען גרייט געווען צו טון פאַר אים אַלץ, וואָס עס זאָל נאָר מעגלעך זיין.

מיט גרוים מי איז מענדלען מיט פרומטשען געלונגען צו פועלן ביי שאַרפשטיינען, אז ער זאָל בלייבן ביי זיי וווינען, ווייל זיי האָבן גענוג פרייע צימערן, וואָס זיי זענען גרייט מיט פאַרגעניגן אָפּצו־טרעטן פאַר אים. אָבער אז ער זאָל בלייבן ביי זיי עסן, דאָס האָט מען, באין אופן, נישט געקאָנט פועלן ביי אים, ווייל ער עסט נישט קיין טריפה. וויפל פרומטשע האָט אים צוגעזאָגט, אז זי וועט קויפן ספּעציעל נייע כלים און קאָכן פאַר אים עקסטרע כשרס, האָט שאַרפשטיין זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. מיט אַלץ קאָן ער האָבן צוטרוי צו זיי — האָט ער געטענהט — אפילו מיט זיין גאַנצן קאַפּיטאַל, אָבער נישט

מיט דער נשמה. און שארפשטיין איז געבליבן ביי זיינס, אז ער פירט מיט זיך א פרימוס־מאשינקע און אייגענע כלים, וועט ער אליין פאר זיך צוגרייטן די מאכלים, וואס ער מעג עסן על פי דין.

אינם קליינם יידישן קרייז פון ס. האט שארפשטיינס אנקומען אריינגעבראכט די זעלביקע שטימונג, ווי ביים אריינקום פון א טאטן אין א צעלאזענער פאמיליע.

ביי יעדער דיסקוסיע, ביי יעדער פראגע און ביי יעדער האנד־לונג האט מען געקוקט אויף שארפשטיינען, וואס ער וועט וועגן דעם זאגן און זיין ווארט וועט דעצידירן. האט מען געוואלט וואס טון אדער אין עפעס שפילן, האט מען זיך אליין פריער געפרעגט, צי וועט עס שארפשטיינען געפעלן ווערן. און צי וועט עס, חלילה, אים נישט זיין דערווידער. אפילו סליימע הארוויץ, וואס האט געמיינט, אז אלע דארפן האבן פאר אים דרך־ארץ, אפילו ער איז נכנע געווארן אונטער שארפשטיינס ווארט און ער האט זיך דערפילט נישטיק, ווען שארפ־שטיין האט אויף אים א שארפן קוק געטון.

אין אכט טעג ארום נאך זיין קומען אין ס., שוין שפעט אין אוונט איז עס געווען, האט שארפשטיין פארבעטן מענדלען צו זיך אין צימער. לויט דער ערנסטקייט פון שארפשטיינס פנים האט מענדל דערקענט, אז עס האנדלט זיך וועגן זייער א וויכטיקן ענין. ער האט אנגעשפיצט מויל נאז און אויערן און מיט גרוים נייגיר געקוקט אויף שארפשטיינען, געווארט אומגעדולדיק, אז ער זאל שוין אנהייבן. יענער האט א שארפן קוק געווארפן אויף מענדלען ווי א שטייגער ער זאל אים באטראכטן, צי איז ער עס ווערט, אז מען זאל אים מגלה סוד זיין. דערנאך איז ער לאנגזאם, מיט א פרומער מינע און מיט א הייליקער כוונה אזא, צו צו זיין וואליז, פאמעלעך אויפגעשלאסן און פון דארטן ארויסגענומען אזא לענגלעך לעדערן שאכטל, אזוי ווי פון א חלף אדער מוהל־מעסער. ער האט דאס אוועקגעלייגט אויפן טיש, ארויפגעלייגט אויף דעםביידע הענט און מיט א פרומען שמייכל, ווי אן ארויסשטראל פון א העכערער וועלט, האט ער גענומען קוקן אויף מענדלען... די דאזיקע לאנגע צערעמאניע האט געוועבט ארום מענדלען א מיסטישע שטימונג און ער האט אנגעהויבן מורא צו קריגן פאר עפעס, כאטש ער האט אליין נישט געוווסט פארוואס. מיטאמאל

האט שארפשטיין אן עפן געטון דאס דעקל פון דעם שאכטל, האט ארויפגעצויגן א ווייס סאמעטל און פאר די אויגן האבן א פינקל געטון צוויי רייען בליאסקענדיקע פינטעלעך, וואס זענען אויף שווארצן סאמעט אויסגעזעצט געווען. מענדל האט דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן געזען אזוי פיל בריאלנטן און, אומבאוווסטזיניק, האט זיין רעספעקט צו שארפשטיינען גענומען וואקסן.

שארפשטיין האט, מיט א געלאסנקייט פון א גוטן לערער ווען ער רעדט צו א שילער, געגעבן מענדלען צו פארשטיין:

— איר זעט, הער שניידער, דא זענען פאראן צוויי און צוואנציק בריליאנטן פון פארשידענער גרויס און פון פארשידענער ווערט. מארגן אי״ה אינדערפרי פאר איך אפ קיין לאס־אנדזשעלעס. איך נעם מיט זיך בלויז נאר אכט שטיק און אז דער וואס לעבט אייביק וועט העלפן און אלץ וועט אדורך בשלום, וועל איך אי״ה מאכן ביי די אכט בריליאנטן א טויזנט דאלאר ריינעם ריווח. די איבעריקע פערצן בריליאנטן־לאז איך איבער ביי אייך. איך גיב זיי אייך צו דער האנט און איך בין זיכער, מיטן פולסטן צוטרוי, אז איך לאז זיי אין ערלעכע הענט.

מענדל שניידער האט געהערט און געזען און ער האט נישט געוואלט גלויבן נישט זיינע אויערן און נישט זיינע אויגן. אים האט זיך געדאכט, אז ער לייענט עס א לעגענדאריש מעשהלע אזא און אז דאס אלץ איז נישט אין דער ווירקלעכקייט. נאר ווען שארפשטיין האט אים געפרעגט:

— נו?

האט זיך מענדל ווי אויפגעכאפט. פאר איבערראשונג און צעמישטקייט האט ער נישט געקאנט ארויסרעדן קיין ווארט, נאר אין די אויגן האבן זיך אים געשטעלט טרערן פון דאנקבארקייט, פאר אזא גרויסן צוטרוי, וואס מ׳האט אים ארויסגעוויזן.

אז שארפשטיין איז אפגעפארן, האט מענדלען אנגעהויבן צו ברענען אין מוח האלוצינאציעס פון עשירות. ער האט זיך גענומען ארומטראגן מיט קנאה־געפילן, מיט געפליגלטע געדאנקען און פאנטאזיעס פון שנעל רייך ווערן: „אט ווי מענטשן פארשטייען ווי אזוי צו מאכן געלט", „אין איינע צען טעג — פארדינען טויזנט דאלאר",

„טויזנט דאָלאַר אין בלויז צען טעג!” און זיין קאָפּ האָט שוין גע־אַרבעט אויף מיליאָנען, אויף מיליאַרדן, אויף מילי־מיליאַרדן...

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער האָט פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירן צייטונגען מיט זשורנאַלן און אַז עס זענען פאַראַן יידישע ביכער צו לייענען. מענדל איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ תם, ווי אַ מענטש פון אַ צווייטער וועלט. נישט ער האָט געקאָנט שלאָפן, נישט ער האָט געוווסט וואָס ער עסט און נישט ער האָט געפילט צי ער לעבט. אַלע זיינע חושים זענען געווען פאַרנומען מיט פאַנטאַזיעס, איינע העכער פון דער צווייטער און אַלע מיט איין ציל — שנעל רייך צו ווערן.

קוים שוין ווי מענדל האָט זיך דערוואַרט אויף שאַרפשטיינס צוריקקומען און באַלד, אינם זעלביקן טאָג, האָט מענדל אים פאַר־טרויט אַ סוד, אַז ער פאַרמאָגט אַפּגעשפּאַרטע פּופּצן טויזנט פּעזעס און אויב ער וועט דאַרפן, קאָן ער קריגן אַ פּאָר טויזנט פּעזעס צו באָרגן אויך. צי וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן פאַר אים צו קויפן אַביסל בריליאַנטן און אַוועקפירן אין די שטאַטן?

שאַרפשטיין האָט אים רואיק אויסגעהערט און דערנאָך, מיט פּאַטערלעכער צערטלעכקייט, אים געענטפערט:

— איך זע, אַז איר פאַרשטייט געשעפט, מיין טייערער פריינט. אייער פאָרשלאָג איז זייער אַ פּראַקטישער. איך פאַרשטיי אייך און פיל אייך זייער גוט. יאָ, עס איז טאַקע אמת, אַז ביי בריליאַנטן קאָן מען מאַכן קאָלאָסאַלע ריווחים, אָבער — ער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווייל ווי ער זאָל זוכן וואָס אים צו זאָגן — עס פאָדערט זיך דערביי שטאַרק געניטע פאַך־קענטעניש. דאָס איז אַן אַרטיקל, וואָס מען דאַרף צו דעם האָבן יאָרן־לאַנגע פּראַקטיק. מ׳קאָן טאַקע דערביי גוט פאַרדינען, מ׳קאָן אָבער אויך דערביי גוט ברעכן דעם קאָפּ.

שאַרפשטיין איז שטיל געבליבן און דורכדרינגענדיק געקוקט אויף מענדלען, צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט. און מיטאַמאָל האָט ער צו אים אַ זאָג געטון:

— ווייסט איר גאָר וואָס, ליבער פריינט, איר האָט איצט אַ גוטע געלעגנהייט. אין דער צייט וואָס איך בין ביי אייך, וועל איך אייך צולערנען און ווייזן, ווי אַזוי מ׳דאַרף באַקוקן אַ בריליאַנט, וואָס

איז א דעפעקט, ווי אזוי מעסט מען א בריליאנט און ווי אזוי שאצט מען זיין ווערט. אט די אלע זאכן וועל איך אייך ביסלעכווייז צוווייזן און דערווייל קאנט איר פארדינען, נישט צו דארפן ריזיקירן און נישט ארײנלייגן קיין אייגן געלט. איר קאנט פארן אין די שטאטן מיט מיינע בריליאנטן, איך וועל אייך שוין זאגן ווו זיי צו פארקויפן און דעם גאנצן ריווח נעמט פאר אייך געזונטערהייט.

מענדל איז אזוי איבעראשט געווארן פון שארפשטיינס פאר־שלאג, אז ער האט אנגעכאפט שארפשטיינס האנט און זי שטארק געדריקט. ווען ער וואלט זיך נישט געווען שעמען, וואלט ער אים ארומגעכאפט און געקושט.

אין צוויי וואכן ארום נאכן דאזיקן געשפרעך, האט שארפשטיין אויסגעשטאט מענדלען מיט פינף בריליאנטן, זיי איינגענייט אין פארשידענע פלעצער פון זיינע מלבושים און אים אוועקגעשיקט קיין לאס־אנדזשעלעס. נאענט פארן אוועקפארן האט שארפשטיין אים שטרענג אנגעזאגט, אז ער זאל דארט אויף קיין פאל נישט זאגן, אז ער, שארפשטיין, האט אים געשיקט. הגם מענדל האט עס מיט זיין פשוטן שכל נישט פארשטאנען, פארוואס ער טאר נישט זאגן ווער עס האט אים געשיקט. דער שכל איז דאך מחייב, אז עס וואלט בעסער געווען ווען ער זאגט יא. מענדל האט אבער געגלויבט, אז אויב שארפ־שטיין זאגט אזוי, מסתמא דארף זיין אזוי.

נאך מענדל שניידערס אפפארן האט זיך צעשפילט א נייגערי־קייט ביי אלע דריי יידן פון ס. צו וויסן, וואס שניידער האט צו טון אין די שטאטן. אמשטארקסטן האט געברענט סליימע הארוויץ. ער האט נישט געקאנט רוען, עס איז אים געגאנגען פשוט אין לעבן צו דערגיין נאכוואס שניידער איז געפארן. סליימע האט אנגעהויבן אפ־טער צו קומען צו שניידערן אין שטוב און ביי פרומטשען געגומען פארשן נאכוואס מענדל איז אוועקגעפארן. אבער זי האט זיך געהאלטן ביי איינס, אז זי ווייסט נישט, אז זי מישט זיך נישט אין איר מאנס געשעפטן. ווען ער האט געזען, אז ביי איר וועט ער גארנישט דערגיין, האט ער אנגעהויבן דורך זייטיקע וועגן צו פרובירן עס דער־גיין ביי שארפשטיינען. איינמאל איז סליימע אריין צו שארפשטיינען און מיט אזא כלומרשטן באדויערן האט ער אנגעהויבן:

— איי, א שאַד, וואָס כ׳האָב נישט געוווסט, אַז שניידער פּאָרט אין די שטאָטן. ווען איך זאָל געווען וויסן, וואָלט איך אים געבעטן עפּעס צו ברענגען פאַר מיר, וואָס איך דאַרף נויטיק צו האָבן.

שאַרפשטיין האָט געשמייכלט אין דער שוואַרצער באָרד אַריין, ווי עס זאָל הייסן: „ברודערקע, ביסט צו שפּעט געקומען" און ער האָט געענטפערט אַזוי בתמימות:

— יאָ, טאַקע באמת א שאַד, וואָס איר האָט נישט געוווסט.

— און נאָך וואָס איז ער געפאָרן, שניידער, אין די שטאָטן? אויב ס׳איז מיר דערווּליבט צו וויסן? — האָט סליימע מיטאַמאָל אַריינגעזאָגט מיט אַזאַ טאָן ווי עס זאָל הייסן, אַזוי דרך־אגבדיק געפרעגט, אָן קיין באַזונדערן אינטערעס.

— פאַרוואָס זאָלט איר עס נישט קאָנען וויסן, עס איז נישטאָ קיין שום סודות דערבײַ. ער איז געפאָרן זען א חתן פאַר זיין טאָכטער.

— הערט שוין אויף צו שפּאַסן, הער שאַרפשטיין, איך מיין אויף אַן אמת, וואָס דענקט ער, שניידער, דאָרט צו טון אין די שטאָטן, ער איז געפאָרן עפּעס ברענגען פון דאָרט?

— נו, יונגערמאַן, אַז איר רעדט יאָ ערנסט — האָט שאַרפשטיין געמאַכט אַזאַ שטרענגע מינע און שטעכעדיק אָנגעקוקט סליימען — אויב איר ווילט טאַקע אויף אַן אמת וויסן און איר מוזט עס וויסן, וועל איך אייך זאָגן. הער שניידער איז געפאָרן אין די שטאָטן צו ברענגען מאַשינען אויף צו מאַכן שופרות. אַזוי ווי דאָ זענען פאַראַן א סך בהמות און זיי האָבן נישט וואָהין צו טון זייערע הערנער. וועט ה׳ שניידער אויסאַרבעטן פון די אַלע הערנער שופרות און זיי פאַנאַנדערשיקן איבער דער גאַנצער וועלט. ווי מיינט איר, יונגערמאַן, עס וועט זיין א גוט געשעפט?

סליימע האָט זיך דערפילט ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער פונם דאַזיקן ענטפער און ער איז אַוועק פון שאַרפשטיינען אָן אָנגעברוגזטער.

צופעליק האָבן זיי זיך, אַלע דריי ס.־ער יידן, באַגעגנט ביי לאַזינסקין אין שוך־געשעפט. סליימע האָט דערציילט וועגן דעם געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט שאַרפשטיינען און וואָס יענער האָט אים געענטפערט. האָט דער ערשטער זיך אָפּגערופן רעב מאַטיע:

— איר וועט זען, אַז שניידער וועט נאָך ווערן אַ מיליאָנער. אַט דער שאַרפשטיין וועט אים מאַכן פאַר אַ ליַיט. וואָס דען, צו אַלץ דאַרף מען האָבן מזל.

לאַזינסקי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַזאַ נעבעכדיקן באַדויערן האָט ער געזאָגט:

— הלוואי זאָל איך ליגנט זאָגן, שניידער וועט נאָך דאַנקען גאָט, אַז ער וועט בלייבן ביי אייגענע תחתונים.

סליימע אָבער איז נישט צופרידן געווען מיטביידנס מיינונגען און ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב מורא, אַז ביידע, שניידער מיט שאַרפשטיינען, פירן צוזאַמען לינקע געשעפטן. — און די אויגן האָבן ביי אים געברענט פון נייגעריקייט, צו וויסן וואָס פאַר אַ געשעפטן דאָס זענען.

מענדל שניידער איז צוריקגעקומען פון לאָס־אַנדזשעלעס אַ שייַנענדיקער. יעדעס גליד אין אים, פון קאָפּ ביז די פיס, האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז איבערפולט מיט גליק. ער האָט טאַקע נישט פאַרקויפט צו דעם דאָזיקן הויכן פּרייז, וואָס שאַרפשטיין האָט אים געהייסן, אָבער אפילו אויף דעם פּרייז, וואָס ער האָט גענומען, איז אויך געבליבן ריינער ריווח דריי הונדערט דאָלאַר.

מענדל האָט שוין נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן... באַלד ביי זיין אַהיימקומען האָט ער פאָרגעשלאָגן שאַרפשטיינען זיין פּלאַן וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אין דער גאַנצער צייט פון זיין צוריקרייזע. מענדל האָט פאָרגעלייגט אָפּצוקויפן די איבעריקע ניין בריליאַנטן און שאַרפשטיין זאָל באַלד פאָרן אין איירָאָפּע ברענגען נייע סחורה.

שאַרפשטיין, ווי זיין שטייגער, האָט זיך נישט געאיילט. ער דאַרף זיך איבערלייגן, מישב זיין, זיך דורכטראַכטן. און וואָס מער מענדל האָט געפּיבערט פון אומגעדולד, אַלץ מער האָט שאַרפשטיין זיך געישובט. מיט סטאָישער רואיקייט האָט ער אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן צווייטן צו געבן אַ קלאָרן ענטפער.

ערשט אויפן פערטן טאָג איז דאָס געשעפט געשלאָסן געוואָרן: מענדל שניידער האָט אָפּגעקויפט ביי שאַרפשטיינען די ניין בריליאַנטן פאַר ניינצן טויזנט פעזעס. אויף דעם האָט ער איינגעצאָלט אין

מזומן זיבעצן טויזנט פּעזעס און צוויי טויזנט פּעזעס געלאָזט שטיין אַ חוב.

נאָך אינם זעלביקן טאָג איז שאַרפּשטיין אַפּגעפאָרן קיין וועראַ־קרוז אויפן וועג קיין אַנטווערפּן.

אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין אַ גרויס צירונג־געשעפט, דאָרטן אין אַ הינטער־צימער איז ביי זיין שרייב־טיש געזעסן דער אייגנטימער פון געשעפט און אַנטקעגן איבער אים, ביי דער צווייטער זייט טיש, איז געזעסן מענדל שניידער.

דער אייגנטימער, אַ דיקער ייד מיט אַ הייזעריקער באַס־שטימע, דורך וועלכער יעדע „ריש״ קומט אַרויס ווי אַ „כאָף״, האַלט אין האַנט די בריליאַנטן, וואָס שניידער האָט געבראַכט. ער קוקט אויף די „בריליאַנטן״ און קוקט אויף שניידערן, ווי ער זאָל טראַכטן אויף וועמען עס איז פאַראַן מער זיך צו וווּנדערן. מיטאַמאָל גיט ער אַ פרעג:

— פּעטער, ווער האָט עס אייך פאַרקויפט די מציאה?...

— דער זעלביקער, וואָס האָט מיר פאַרקויפט יענע בריליאַנטן, וואָס איך האָב פריערדיקס מאָל געבראַכט.

דער סוחר האָט געקוקט אויף מענדלען מיט רחמנות און אים געפרעגט:

— קענט איר מיר נישט זאָגן, מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך אין דער היים?

מענדל האָט אָנגעהויבן צו ווערן אומרואיק. ער האָט דערקענט אין סוחרס רעדן, אַז אַן אומגליק איז געשען. מיט שרעק אין די אויגן און מיט אַ ציטערנדיקער שטימע האָט מענדל געזאָגט, אַז ער פאַר־קויפט פאַרשידענע סחורות אויף אויסצאָלעכץ.

— פאַרוואָס זשע האָט איר גענומען פּלוצלונג האַנדלען מיט בריליאַנטן?

— מיינער אַ פריינט פון אַנטווערפּן האָט מיר דאָס רעקאָמענ־דירט.

און מענדל האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי ער איז צוגעקומען צו בריליאַנטן.

— קענט איר מיר אפשר זאָגן ווי עס הייסט אַט דער נייער פריינט אייערער און ווי ער זעט אויס?

מענדל האָט עס אים געזאָגט.

— זאָלט איר וויסן זיין, פעטער — האָט דער צירונג־סוחר גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און באַדויערנדיק געזעגנט צו מענדלען, — אַז מ׳האָט אייך מיאוס אַריינגעפּרייערט. און דער דאָזיקער פריינט אייער ערער מיט דער ראַבאַנישער באָרד הייסט נישט שאַרפּשטיין, ער האָט יתרום נעמען און ער איז אַ גוט באַקאַנטער שווינדלער. עס איז מיר אַ רחמנות אויף אייך, וואָס איר זענט נעבעך געפאַלן אַ קרבן פון זיין האַנט. אַט די ניין „בריליאַנטן" אייערע, זאָלט איר וויסן, זענען אַלע צוזאַמען ווערט אפשר צען סענט — — — — — — — — — — —

— —

מער האָט דער ייד שוין נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן. מענדל שניידער איז געפאַלן אין חלשות.

בליץ־שנעל האָט זיך אין דער גאַנצער שטאָט ס. פּאַרשפּרייט די ידיעה פונם גרויסן אומגליק, וואָס האָט שניידערן געטראָפן.

די דאָרטיקע איינוווינער, מעקסיקאַנער, האָבן אַלע אים באַ־דויערט. אַלע האָבן מענדלען ליב געהאַט פאַר זיין ערלעכקייט און אָרנטלעכקייט. זיינע קונים און פריינט זענען צו אים געקומען, האָבן אים געטרייסט, אַז ער זאָל זיך נישט נעמען צום האַרצן, אַז יעדערן קאָן טרעפן אַן אומגליק, מ׳דאַרף נישט ווערן ביי זיך געפאַלן. און זיי האָבן אים צוגעזאָגט צו העלפן, ווידער זיך צו שטעלן אויף די פיס.

די דריי יידן (ווי איובס פריינט) זענען אויך געקומען, אים זאָגן מוסר און זיך אָפּצורעדן פון האַרץ...

רעב מאָטיע האָט געזאָגט:

— אבי איך האָב אים שוין מקנא געווען און געמיינט, אַז ער ווערט שוין אַ מיליאָנער.

לאָזינסקי האָט געזאָגט:

— איך בין אַן אַמעריקאַנער. מיר וואָלט מען נישט אָפּגע־בלאָפט, איך וויים ווי מ׳דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט אַט „די לייט".

און סליימע האָט געזאָגט:

— איך האָב אָבער געזען, אַז עס פּירט זיך עפּעס אַ לינק גע־שעפט. אַט די רבנישע באָרד איז מיר באַלד פון ערשטן טאָג אָן נישט געפעלן געוואָרן.

און יעדער איינער פון די דריי איז טיף אין זיך געווען צופרידן און הארציק הנאה געהאַט, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט...

נאך א ריי יארן

I.

עס האט זיך אים געדאכט, אשרן, אז שוין איז געקומען די צייט צו געזעגענען זיך מיט זיין פארגאנגענהייט און אז שוין האט זיך זיין לעבן ווי געהעריק איינגעשטעלט — א רואיק, נארמאל, גע־זעצמעסיק לעבן, ווי ביי אלע אנדערע מענטשן. איז אבער אומגע־ריכט אים אונטערגעקומען א שטורעם, וואס האט פונאנדערגעריסן יארן און אנגעמאכט א צעטרייסלונג און אויפשוידער אין זיין נשמה.

דאס איז געקומען אין פארעם פון א קליינער נאטיץ אין די צייטונגען.

אן אומשולדיקע נאטיץ, ווינציק מענטשן האבן אויף איר אכט געלייגט. אים אבער, אשרן, האט זי צערודערט, צענומען און אים האט זיך אויסגעוויזן, אז זי וועט צעברעכן אלץ, וואס ער האט פאר די לעצטע צוויי צענטליק יאר, אזוי אנגעשטרענגט, זיך באמיט אויפצובויען.

אין די צייטונגען איז אזוי געווען געמאלדן:

„אינגיכן קומט קיין מעקסיקע, אנצופירן מיט אן אקציע לטובת — — — —, דער בארימטער יידישער געלערנטער און קולטור־טוער פון פוילן, ה׳ זלמן סימכאוויטש, וועלכער געפינט זיך לעצטנס, אלס פליט, אין די פאראייניקטע שטאטן".

אַ סך מאָל האָט אָשר לערמאַן געליִיענט דער דאַזיקער נאָטיץ און מיט יעדן מאָל לייענען זענען פאַר אים די ווערטער אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן. די אותיות פון „זלמן סימכאָוויטש" זענען אויסגעוואַקסן צו ריזיקע פיגורן און יעדע פיגור האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ הויכן דאַרן בחור, מיט שוואַרצע פלאַם־פייערדיקע אויגן און די דאַזיקע ברענענדיקע אויגן האָבן אַריינגעקוקט צו אים, צו אָשרן, מיט אַנגעגליטע שפּיזיקע בליקן גלייך אין דער נשמה אַריין; און האָבן דאָרטן אַ שריפה און חורבן אָנגעמאַכט.

עטלעכע טעג איז אָשר לערמאַן געווען אַזוי צעשרויפט, צעטראָגן און צערודערט פון דער דאַזיקער נאָטיץ אין די צייטונגען, אַז ער האָט געמיינט, ער וועט פון זינען אַראָפּ.

נאָך די ערשטע טעג פונם פּלוצלונגדיקן שטורעם, ווי נאָר אָשר האָט זיך עטוואָס באַרואיקט פון דער אומגעריכטער, ספּאַנטאַנער אויפטרייסלונג און ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער געשאַפענער סיטואַציע מיט מער ניכטערנעם פאַרשטאַנד, האָט אים זיין ערשטער קלאָרער געדאַנק דיקטירט: „אוועקשיקן אסתרן מיט די קינדער".

נאָכדעם ווי אסתר מיט די קינדער זענען אוועקגעפאָרן צוגאַסט קיין סאַלטיאַ, צו זייערס אַ פריינט דאָרט, און אָשר איז געבליבן אײנגאַנצן אַליין מיט זיך, האָבן — אין די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט — זיך גענומען פאַרבייטראָגן פאַר זיינע אויגן, ווי לעבעדיקע קינאָ־בילדער, די גאַנצע צוויי־און־פופציק יאָר פון זיין שטורמיש־אַוואַנטוריסטישן לעבן.

און אָט וואָס אָשר האָט געזען:

אין דער פּוילישער שטאָט שעדלעץ האָט געוווינט אַ רייכער ייד, אַ נידעריקער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ ברייטצעקעמטער, בלאָנדער באָרד און מיט אָפענע, קלאָרע, ליכטיק־בלויע אויגן, פון וועלכע ס'האָט אַרויסגעשטראַלט אַ ליבע, מילדע וואַרימקייט. נתן לערמאַן האָט דער ייד געהייסן. געווען איז ער, דער דאָזיקער נתן לערמאַן, אַ בעל־מלאכה, אַ שלאָסער־מעכאַניק און האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסן שלאָסער־וואַרשטאַט, אין וועלכן ס'האָבן געאַרבעט עטלעכע און צוואַנציק שלאָסער־אַרבעטער.

אין גאנץ פוילן און נאך ווייטער, אפילו ביז אין רוסלאנד, זע־נען בארימט געווען נתן שלאסערס אייזערנע פייער־קאסעס, וועלכע האבן געהאט אזעלכע וואנדערלעכע, טעכניש־קינסטלערישע, איינגע־פאסטע טירן און שלעסער, מיט געהיימע אופנים אויף צו עפענען זיי, וואס נאר די געציילטע, וועמען נתן האט אויסגעלערנט די געהיימע־נישן, האבן געקאנט דער קאסע עפענען.

עס איז כמעט נישט געווען קיין באנק, אדער אזוי א גרויס רייך געשעפט אין פוילן און נאך ווייטער, וווּ עס זאל נישט געווען זיין איינגעשטעלט נתן לערמאנס אן אייזערנע פארזיכערונג־קאסע.

און דערפון איז נתן שטארק רייך געווארן.

אבער דאס רייכקייט זיינס האט נתנען נישט צעקאליעטשעט זיין מענטשלעכקייט, ווי דער שטייגער איז ביי גבירים.

געווען איז נתן לערמאן נישט קיין פראסטער מענטש. מען האט אים געהאלטן פאר א ייד א יודע־ספר און דאס איבעריקע וואלט ער שוין, דורך זיין רייכקייט, געקאנט זיך שטופן אין די מזרח־קרייזן פון זיידענע זשופיצעס, גבירים, שיינע יידן, מיוחסים, בני תורה, — האט אבער נתן לערמאן דאווקע ליב געהאט צו חברן זיך מיט עמך — איינגענע מענטשן: פראסטע יידן, הארעפאשניקעס, בעלי מלאכות. מיט זיי האט ער זיך אפגעגעבן און צו זיי האט ער זיך געטוליעט.

און פאר זיי, די פראסטע ארימע יידן, איז נתן שלאסער גע־ווען ווי אן אייגענער טאטע.

ער און אזוי זיין ווייב, שיינע ביילה, האבן אין זינען געהאט וועד עס דארף אויפן ווינטער האלץ און קוילן, וועד — אווארעם מלבוש, וועמען מ'דארף ארײנשיקן א פאר קערץ קארטאפליעס, פאר וועמען מ'דארף איינצאלן מלמד־געלט פאר די קינדער, וועד עס דארף חתונה מאכן א טאכטער און וועמען מ'דארף, סתם אזוי, ארײנשיקן אויף שבת.

און אלץ איז געטון געווארן אויף א בכבודיקן אופן, יענעם חלילה נישט צו פארשעמען און נישט צו ווארטן ביז יענער זאל צו זיי קומען מיט אן הכנעהדיק געמיט און געבויגענעם קאפ, שטיין און בעטן, כעני בפתח, ווי פאר גבירים.

נתנען האט עס געאיבלט און געעקלט, אז א מענטש פאר א

מענטש זאָל זיך קנעכטיש מאַכן צוליב דער נישטיקער הילף, וואָס ער דאַרף ביי אים בעטן.

נתן האָט נישט דערלאָזט, אַז דער וואָס דאַרף צו אים אָנ־קומען זאָל זיך פילן געפאַלן און דערנידעריקט. פאַרקערט — ער פלעגט נאָך יענעם מוטיקן, מונטערן און איינטענהן מיט אים:

— זיי נישט געפאַלן ביי זיך, גוטער ברודער, היינט האָב איך העלף איך דיר, מאָרגן וועסטו האָבן, וועסטו מיר העלפן. און וואָס? דאָס געלט איז דען מיינס? איך בין דאָך נאָר אַ שומר, צופעליק האָט עס דער רבונו של עולם געגעבן מיר פאַר דיינעטוועגן. דאָס זעלביקע האָט געקאָנט זיין פאַרקערט.

דערביי פלעגט מען שטעלן כיבוד פאַר דעם מקבל, פונקט ווי ער וואָלט זיין דער גרעסטער גביר. און מ'האָט יענעם געגעבן צו פילן, אַז ער איז זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין הויז.

אָט אַזאַ מענטש איז געווען דער גביר נתן לערמאַן. אָט אַזאַ האַרציק־מענטשלעך־וואַרימע אַטמאָספערע האָט באַהערשט זיין גאַנ־צער שטוב און אָט אין דער דאָזיקער שטוב איז געבוירן געוואָרן זיין בן־יחיד אָשר.

על פי שכל און סיי לויט אַלע מאָדערנע טעאָריעס און סיי לויטן אַלטן יידישן פאָלקס אויסדרוק, אַז „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פוןביימעלע", — וואָלט אָשר באַדאַרפט זיין געראָטן אין זיינע עלטערן. קומט אָבער די ווירקלעכקייט און לאַכט זיך אויס פון אַלע אָנגעשריבענע געזעצן און פון אַלע לאָגיקס. זי, די ווירקלעכקייט, שטעלט אַרויס אַ פייג אַלע און אַלעמען און ווייזט אַזעלכע משונה־דיקע קאַפּריזן, וואָס מאַכן שטוינען דער גאַנצער וועלט.

אַזוי איז עס אויך געשען מיט נתן לערמאַנס בן־יחיד.

נאָך ביי דער ברוסט פלעגט אָשר אַפּט אַזאַ שטאַרקן בים געבן דער מוטער, אַז יענע איז אַזש פאַרגאַנגען אין ספּאַזמעס פון ווייטיק. שוין דעמאָלט פלעגט זי, די מוטער זיינע, מיט איר פּראָסט־יידישן, פּרימיטיוון חוש, זיך דערטראַכטן צום געדאַנק: „ווער ווייסט, צי פון איר בן־יחיד וועט אַמאָל זיין אַ לייט".

און אַ מאַמעס האַרץ איז אַ נביא...

די דאָזיקע נייגונג, צו פייניקן יענעם, איז מיט אָשרן מיטגע־

וואקסן און האָט די עלטערן זיינע אַ סך צער און פאַרדרוס פאַר־שאַפט.

ווען דער „קליינער משחית" — ווי די מאַמע האָט אים גערופן — איז נאָך געקראָכן אויף אַלע פיר, האָט קיין גאַנצע זאַך פאַר זיינע אויגן נישט געטאָרט זיך געפינען. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז גע־ווען צו רייסן, פליקן און ברעכן אַלץ וואָס איז אים אונטערגעקומען. וויפל ער האָט נישט געקריגן געהאַקט איבער די הענטלעך פאַר דעם, האָט עס אַלץ נישט געהאָלפן.

דעם ערגסטן סוף האָט ביי אים געהאַט די גרויע קאַץ, וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין שטוב, ווי אַן אייגענע, נאָך פון איידער אשר איז געבוירן געוואָרן. איז אים געלונגען צו כאַפּן די קאַץ, האָט ער פון איר געריסן לעבעדיקע שטיקער און זי געפּייניקט מיט אַ סאַ־דיסטיש־ווילדער הנאה. ערשט ווען די קאַץ האָט אים איינמאָל צע־דראַפּעט די הענט מיטן פנים אַזש ביז בלוט, האָט מען גמיינט, אַז ער וועט שוין מורא האָבן צו טשעפּען זיך מיט איר, אָבער — ווי קיינמאָל גאָרנישט. אפילו דאָס האָט אים נישט אָנגעלערנט.

איין עפּיזאָד איז געשען, ווען דער „קליינער משחית" איז נאָך קיין גאַנצע דריי יאָר נישט אַלט געווען, וועלכן נתן לערמאַן האָט עס אין זיין גאַנצן לעבן נישט געקאָנט פאַרגעסן.

עס איז געווען אין דער נאַכט פאַר ערב יום־כיפור. די עופות־כפרות זענען געלעגן אין פאַרהויז אָפּגעשלאָגענע און געבונדענע און געוואַרט אויף רב איטשע מאיר שוחט, וועלכער פלעגט, ווי זיין מנהג איז געווען, קומען צו נתן לערמאַן, ווי צו אַנדערע גבירים, שעכטן די כפרות. נתן איז געזעסן אין עס־צימער און אריינגעקוקט אין אַ ספר. שיינה ביילה איז געווען פאַרפאַרעט אין קיך. אינמיטן — מ'דערהערט ווי דער גרויסער האָן — נתנס כפרה, מאַכט עפּעס מאָדנע געוואַלטן. ביידע, נתן און שיינה ביילה, זענען אָנגעלאָפן מיט איין מאָל. מ'גיט אַ קוק — — — — דער „קליינער משחית" שטייט זיך רואיק אויף די קני, מיט אַ מעסער אין האַנט, שניידט דעם האַלז פון האָן און אַ שטראָם בלוט זעצט פון האָן גלייך אויף אשרן. נתן איז אויפן מאָמענט אַזוי צעקאָכט געוואָרן און דערלאַנגט דעם קליינעם אַזאַ פּליאַסק, אַז דאָס גאַנצע פנים איז אים באַלד מאָמענטאַל געשוואָלן געוואָרן. נתן

האָט זיך דערנאָך צעוויינט ווי אַ קינד. עס האָט אים געאַרט פאַר־וואָס ער איז פאַר יום כיפּור אַזוי אין כעס געוואָרן; עס האָט אים ווייִ געטון פאַרן קינד — פאַרט אַ טאַטע; עס האָט אים געשראָקן אַז אַבערגלויבן, אַז עס איז נישט קיין גוטער סימן אויפן נייעם יאָר. וואָס זיין כפּרה האָט נישט געהאַט קיין כשרע שחיטה און — אַ פּיינלעכער פאַרגעפיל האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז פון אָשרן וועט קיין גוטס נישט אַרויס...

אינם זעלביקן הויף, ווו אָשרס עלטערן האָבן געוווינט, האָבן אַלע קינדער, אין זיין עלטער, פאַר אָשרן מורא געהאַט, זענען אַנט־לאָפן פון אים און אים אויסגעמיטן.

די איינזאַמקייט האָט אָשרן פאַרביטערט. און דאָס האָט נאָכ־מער געררייצט זיינע ווילדע, סאַדיסטישע נייגונגען. פלעגט ער כאַפּן אַ קינד, האָט ער אים צעביסן ביז בלוט און דערביי האָט ער אַרויס־געוויזן אַזאַ ווילדע הנאה, מער ווי פון גרעסטן פאַרגעניגן־שפּיל.

עס האָבן נישט געהאָלפן די קלעפּ וואָס דער פאָטער זיינער פלעגט אין אים אריינקאַטעווען דערפאַר. אָשר האָט די קלעפּ מיט פאַרביסנקייט צוגענומען און איז ווייטער געבליבן דער זעלביקער.

ערשט אין די חדר־יאָרן האָבן די עלטערן געהאַט אויסצושטיין פון אָשרן די אמתע צרות.

נישט זעלטן פלעגן די מלמדים קומען זיך קלאָגן פאַר נתנען, אַז עס איז אוממעגלעך אויסצוהאַלטן פון אָשרן: ער צעשניידט און צערייסט די קינדערס מלבושימלעך, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַר־וואָן; ער נעמט די פּעקלעך עסן וואָס די קינדער ברענגען מיט פון דערהיים און וואַרפט זיי אַרויס דורכן פענסטער; ער שלאָגט און פּיי־ניקט די קינדער און בכלל — טוט ער אָן שאָדנס, ווו נאָר עס לאָזט זיך.

יעדעס מאָל, נאָך אַזעלכע מסירות, פלעגט נתן אָן רחמנות צע־קאַטעווען דעם בן־יחיד זיינעם אַזוי, אַז ער איז געבליבן ליגן נישט צו רירן זיך פון אָרט.

אָשר האָט די קלעפּ צוגענומען מיט פאַרקריצטע ציין, אָן אַ גע־שריי אפילו, און ער איז ווייטער געבליבן דער זעלביקער.

אַזוי איז אָשר געוואַקסן ביז זיין ניינטן יאָר.

עס איז געווען אין איינעם אַ נאָכמיטאָג פון חול המועד פסח. ביי נתן לערמאַן אין עס־צימער האָט די גבירישקייט זיך צעלייגט מיט גלאַנציקער רחבות. די ווענט — אין זייער פרישער געפאַרבטקייט — האָבן אַראָפּגעקוקט מיט יומטובדיקער אויפגעהייטערטקייט. די נייע קרעם־ווייסע פאָרהאַנגען אויף די פענסטער האָבן געבלאָזן פון זיך מיט גבירישער גאווה. דאָס פסחדיקע גלאָזוואַרג האָט שמייכלדיק אַרויסגעבליאַסקעט פון די ברייטע גלעזערנע שאַפעס, אין וועלכע ס'האָבן זיך שטיפעריש געשפּילט מילדע, ליבע, פרילינג־שטראַלן, וואָס האָבן זיך דורך די פענסטער און פאָרהאַנגען דורכגעשניטן. פון אַ צווייט ווינקל אין צימער האָט פריציש־בנעימותדיק אַרויסגעקוקט אַ גלאָז־שאַפע מיט צעשטעלטער פסחדיקער זילבערוואַרג. אַרום און אַרום האָט אַ מנוחהדיקע זאָרגלאָזיקייט געשפּרייט אירע פליגלען און מיט זיך פול געמאַכט יעדעס ווינקעלע פון שטוב.

אַרום דעם גרויסן טיש אין עס־צימער, ביי צעשטעלטע גלעזער טיי און פסחדיקן כיבוד, זענען געזעסן: דער בעל הבית — נתן לערמאַן, די בעל־הביתטע — שיינה ביילה, דער נייניאַריקער בן־יחיד — אָשר און דער גרויסער רב וואָלף — אָשרס מלמד.

גערעדט האָט מען וועגן נייעם אָנקומענדיקן זמן, וועגן באַנייען דעם אָפּמאַך מיט אָשרס מלמד, וועגן די אויסזיכטן פאַר אָשרן צו בעסערן זיך אין זיין אויפפירונג און צו שטייגן אין לערנען, און בכלל — וועגן די מעלות און חסרונות פון פאַרשידענע קינדער — אָשרס חברים, וואָס לערנען אויך ביים גרויסן רב וואָלפן, ווי אַזוי יעדעס קינד פירט זיך אויף און ווי עס האַלט אין לערנען.

דער שמועס איז געגאַנגען אַ געמיטלעכער, באַגלייט מיט שבחים, לויב־ווערטער און מיט אַ קאַפּיטשקע חניפה, פונם בעל־הבית צום מלמד ,רב וואָלף, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן למדן, און פון רב וואָלפן צו די בעלי־הבתים, די לערמאַנס, פאַר זייער ברייטהאַרציקייט און נדיבות, „וואָס האָט אַ נאָמען איבער דער גאַנצער וועלט...״

אינדעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יידענע, אַ מיטליאָריקע פרוי, אָרים געקליידט און מיט אַ געפאַלנקייט צעלייגט איבער איר גאַנצן וועזן. מיט איר איז מיטגעגאַנגען אַ ייִנגל ווי פון

אַ יאָר 8—9. דאַר און בלייך איז דאָס ייִנגל געווען און ער האָט געצויגן אויף זיך אויפמערקזאַמקייט מיט זיינע פייערדיקע שוואַרצע אויגן, מיט דער איידלקייט פון זיין אויסזען און מיט דעם צאַרטן חן, וואָס האָט פון אים אַראָפּגעשיינט.

נתן לערמאַן, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט צום אַלעם ערשטן געבעטן דער פרוי מיטן ייִנגל צום טיש, געהייסן מען זאָל זיי דערלאַנגען טיי און ער האָט אַרויסגעוויזן צו זיי, מיט דער פולער מאָס, פריינטלעכקייט, כדי זיי זאָלן זיך פילן היימיש ביי אים אין שטוב. ערשט דערנאָך האָט ער געפרעגט דער פרוי, צי זי האָט עפּעס אַ פאַרלאַנג צו אים, אָדער אפשר וויל זי גאָר רעדן מיט אים אַזעלכעס, אַז קיינער זאָל נישט הערן, וועט ער מיט איר אַריינגיין אין אַ צווייטן צימער.

די געפאַלנקייט איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער נאָר־וואָס אַריינגעקומענער פרעמדער פרוי. דאָס וואָס זי האָט דערפילט אַרום זיך פריינטלעכקייט און היימישע געמיטלעכקייט האָט איר אויפגעבונדן די צונג און גאַנץ פריי האָט זי גענומען פאַרלייגן דעם בעל־הבית, אַז זי וויל איר ייִנגל, זלמנען, אָפּגעבן אויף דער לער, אַלס שלאָסער. זי איז אַן אָרימע אלמנה — האָט זי דערקלערט — זי קאָן זיך קוים דערנערן פון דעם, וואָס זי האַנדלט מיט פעדערן, מוז זי זען עפּעס אַ תכלית פאַר איר קינד, אים מאַכן פאַר אַ בעל־מלאכה.

די גאַנצע צייט וואָס די פרעמדע פרוי האָט גערעדט, האָט אָשר זיך איינגעגעסן מיט אַלע חושים אין דער אלמנהס ייִנגל, זלמן. ער, אָשר, האָט עפּעס דערפילט ווי אַ ליבשאַפט וועקט זיך אין אים צום דאָזיקן ייִנגל־יתום. אַ געפיל, וואָס דער קליינער אָשר האָט עס נאָך אין זיין לעבן נישט פאַרמאָגט. און דאָס פאַרטיפטע איינקוקן זיך אין זלמנען האָט אָשרן ווי פאַרשיכורט, האָט אים אַזוי זיס פאַרוויגט און אים פאַרטראָגן ערגעץ אין אַ צווייטער וועלט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אומבאַוווּסטזיניקער פאַרחלומטקייט ערשט דאַן, ווען ער האָט דערהערט אַ שטאַרקן געשריי פון זיין רבין, רב וואָלפן:

— וואָס טוט זיך מיט אייך, ייִדענע! אייער ייִנגל פאַר אַ בעל־מלאכה! ווי מעגט איר דאָס טון! עס קלינגט דאָך מיט אים די גאַנ־

צע שטאָט. ער האָט דאָך אַ נאָמען פאַר גאָר אַן עילווישן קאָפּ. ער איז דאָך ראוי — שמועסט מען — אויסצוּוואַקסן אַ גרויסער רב בישראל. ווילט איר גאָר מאַכן פון אים אַ בעל־מלאכה! ניין, עס טאָר נישט דערלאָזט ווערן!

די אָרימע אלמנה האָט רב וואָלפן גאָרנישט געקאָנט באַרואיקן. וויפל זי האָט געטענהט, אַז זי איז געצוווּנגען, קענגן איר ווילן, אים אָפּצוּגעבן פאַר אַ בעל מלאכה, האָט עס אַלץ נישט געהאָלפן. רב וואָלף האָט זיך געהיצט, זיך געבּעסט און געשריגן, אַז עס איז פּשוט אַ חילול השם, צו נעמען און צעברעכן בידים אַזאַ גילדערנע כלי, ווי עס איז דער קליינער זלמן.

די גאַנצע צייט, וואָס רב וואָלף האָט זיך געבּייזערט און געשריגן און די אלמנה האָט אויסגעגאָסן איר ביטער הארץ, איז דער בעל הבית, נתן לערמאַן, געזעסן שטיל, געקוקט אַמאָל אויף דער אלמנה, אַמאָל אויף איר יינגל, אַמאָל אויף רב וואָלפן און אַמאָל אויף זיין אייגענעם בן־יחיד, אָשרן, און באַטראַכט ווי אָשר לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון דער אלמנהס יינגל. נתן האָט געקנייטשט דעם שטערן, האָט געביסן די שפּיצן פון זיין באָרד און ס'איז קענטיק געווען, אַז עפּעס פּיקט זיך אין זיין קאָפּ אַ פּלאַן.

מיטאַמאָל האָט נתן לערמאַן איבערגעריסן זיין שטילשווייגן און געבעטן דער אלמנה מיטן יינגל, אַז זיי זאָלן קומען צו אים מאָרגן אין דער זעלביקער צייט.

צומאָרגנס — אין דער זעלביקער חול־המועדיקער אַטמאָספערע, ביים זעלביקן טיש און אין דער זעלביקער רחבותדיק־גבירישער געמיטלעכקייט — האָט נתן לערמאַן דערקלערט דער אלמנה, אַז ער האָט באַשלאָסן צו נעמען איר יינגל צו זיך אויף דער לער, אָבער נישט אַלס לערן־יינגל פון שלאָסעריי, נאָר אַלס לערן־יינגל פון דער הייליקער תורה.

— איך האָב גערעדט מיט זלמנס מלמד, רב ישראל פּרוזשינער, און איך האָב זיך אויך דערוווּסט פון אַנדערע — האָט נתן איר געגעבן צו פאַרשטיין — אַז אייער יינגל האָט גאָר אַ ווויל קעפּל צום לערנען און ער איז פּעאיק אויסצוּוואַקסן גאָר אַ גרויסער מענטש. האָב איך איינגעזען, אַז צוליב דעם וואָס איר זענט נעבעך אָרים דאַרף

די תורה הקדושה נישט ליידן און אייער גערעטן קינד — אויך נישט. איך האָב דעריבער באַשלאָסן, אַז אייער קינד זאָל ווערן מיין אשרס חבר. זיי זאָלן לערנען צוזאַמען. פונקט ווי מיין אייגן קינד וועט אויך אייער קינד זיין ביי מיר אין שטוב און אי״ה וועט אים ביי מיר גאָרנישט פעלן. נו, זענט איר מסכים?

אַנשטאָט אַן ענטפער האָט זלמנס מאַמע זיך צעוויינט פאַר פרייד און קוים וואָס זי האָט געקאָנט אַרויסברענגען די ווערטער:

— גאָט זאָל אייך באַצאָלן פאַר דעם חסד, וואָס איר וועט טון מיט אַן אָרימען יתום.

אַ נייַ לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר ביידע ייִנגלעך, פאַר אשרן און זלמנען, דורך זייער חברשאַפט. יעדער איינער האָט מיט זיך אַרייַנגעבראַכט אין צווייטן אַן עפּעס־נייַעס, וואָס יענעם האָט עס געפעלט. אין ביידן האָט זיך, דורך דעם, דערהויבן אַ פולקאָמענהייט, וואָס האָט אין זיי — אין אונטערבאַוווסטזיין — אַנטוויקלט אַ געוואַלטיקע צופרידנקייט. זייער חברשאַפט איז צוליב דעם געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער, שטאַרקער, צוגעבונדענער און מיט דער צייט, געמאַכט זיי כמעט אָפּהענגיק איינעם פון צווייטן.

אשר — אַ בלאָנדער, אַ דיקלעכער מיט נישט־הימלעכע בלויע אויגן, וואָס פאַרדעקן עפּעס אַ באַהאַלטענס הינטער זיך, מיט אַ קייַלעכדיק אויסגעפולט פּנים פון געררויטלטע בעקלעך, בלוט און מילך — איז אינגאַנצן געווען איין שטיק פלעגמאַט. אין זיינע באַוועגונגען, אין זיין טראַכטן, אין זיין רעדן, אין זיינע מעשים — אויף אַלץ איז געלעגן אַ געלאַסענע פלעגמאַטישע רואיקייט, אַ גענעצדיקע, גבירישע, זאָרגלאָזע פאַמעלעכדיקייט. זיין גאַנץ וועזן האָט, ווי אַ שטייגער, פון אים אַרויסגערעדט:

— צו וואָס אַליין באַמיען זיך און טראַכטן, אַליין באַמיען זיך און רעדן, אַליין באַמיען זיך און טון, אַז אַנדערע טוען עס שוין פאַר מיר.

זלמן — אַ שוואַרצהאָריקער, מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, אַ דאַרער, מיט אַ בלייך־אויסגעצערט פּנים — איז אינגאַנצן געווען איין שטיק דינאַמיט. ער האָט רואיק נישט געקאָנט איינשטיין אויף

איין אָרט. האָט ער געלערנט. האָבן הענט און פיס מיט אים מיטגע־
לערנט. האָט ער עפּעס געטון, האָט אַ מאָטאָר זיך באַוועגט. האָט ער
גערעדט, איז עס געווען מיט פייער און פלאַם. און גערעדט האָט
נישט נאָר דאָס מויל, נאָר יעדעס אבר אין אים האָט מיטגערעדט.
פון אַלץ אין אים האָט ווי אַראָפּגעשריגן:

— שנעלער, שנעלער, מ׳דאַרף אַריינכאַפּן, וואָרן טאָמער חלילה
גייט די וועלט אונטער, איידער איך וועל נאָך באַוויזן צו ענדיקן!

אין נתן לערמאַנס שטוב בכלל, האָט זלמן אַריינגעבראַכט אַ
נייעם אופן פון רירן זיך, אַ נייעם אופן פון באַוועגן זיך, מיט טעמ־
פּעראַמענט, מיט אימפּעט, מיט ענערגיע, צו וועלכן מ׳איז עס פון
פריער גאַרנישט געוווינט געווען, און דערמיט האָט ער, זלמן, זיך
ביי אַלע באַליבט געמאַכט.

נתן לערמאַן האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס די השגחה אליין —
אַזוי האָט ער געגומען טראַכטן — האָט אים אַריינגעגעבן אַ געדאַנק
צו נעמען זלמנען צו זיך. ערשטנס — איז עס דאָך איינע פון די
גרעסטע מצוות: „תלמוד תורה כנגד כולם". עפּעס אַ קלייניקייט —
אַזאַ גאונישן קאָפּ, ווי עס האָט זלמן, האָט ער דערהאַלטן ביי דער
תורה און נישט געלאָזט פאַרפאַלן ווערן, חלילה, אין „שאול תחתיה"
און צווייטנס — האָט ער, נתן, געזען בפועל ממש, ווי זינט זלמן חברט
זיך מיט אשרן איז אשר גאָר אַן אַנדער ייִנגל געוואָרן. ער האָט שוין
נישט יענע נייגונגען, צו וועלן אַנדערע שלעכטס טון, צו שלאָגן און
פּייניקן אַנדערע קינדער, ווי ער האָט געהאַט פריער. און ווי רב וואָלף
גיט אים איבער, האָט אשר געקראָגן אויך מער חשק צום לערנען. און
בכלל — זעט ער, נתן, ווי אשר איז געוואָרן רירעוודיקער, לעבעדיקער
און עפּער רעדט ער גאָר אַנדערש, פאַרשטענדלעכער, מענטשלעכער.
און דאָס אַלץ — האָט נתן געוווסט — איז נאָר צו פאַרדאַנקען
זלמנען.

אַכט יאָר צייט האָט זלמן געלעבט ביי נתן לערמאַן אין שטוב
ווי פולשטענדיק אַן אייגן־געבוירן קינד און באַהאַנדלט איז ער גע־
וואָרן, אין אַ סך הינזיכטן, מיט מער אויפמערקזאַמקייט איידער זייער
אייגענער בן־יחיד, אשר.

אין דעם דאָזיקן פּאַרלויף איז זלמן אויסגעוואַקסן אַ זעלטן שיי־נער בחור.

אין דער זעלביקער צייט, וואָס אשר איז געבליבן אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער מיט די זעלביקע העל בלויע אויגן, וואָס האָבן נישט־דרייסט אַנגעקוקט אַ צווייטן און וואָס האָבן ווי עפּעס באַהאַלטן הינ־טער זיך, איז זלמן אויסגעוואַקסן אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לענג־לעך פּנים, הויכן שטערן און מיט אַ געדיכטן קאָפּ פּעך־שוואַרצע האָר. איידעלע, צאַרטע און אינטעליגענטע געזיכט־שטריכן זענען אַזוי הנעוודיק צעלייגט געווען איבער זיין פּנים און זיי האָבן געצויגן אויף זיך רעספּעקט און ליבשאַפט צוזאַמען. זלמנס אָפענע, קלוגע, שוואַר־צע אויגן האָבן אַזוי דרייסט און גוטמוטיק־פייערדיק אַריינגעקוקט גלייך אין דעם מיטרעדערס אויגן, אַז יענער האָט, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, געמוזט נכנע ווערן אונטער זלמנס בליק און וואָרט.

איינמאָל, אין אַ שבתצונאַכטס, זלמן איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אין אַכצנטן יאָר, איז אַ שדכן געקומען צו נתן לערמאַן און געמאָלדן, אַז דער באַרימטער גביר, בערל כהנא, האָט אים געשיקט פאַרצולייגן, אַז ער וויל זלמנען פאַר אַ חתן. ער איז גרייט איינצולייגן מזומן געלט צען טויזנט קערבלעך נדן, קעסט ווי לאַנג נאָר ער, זלמן, וועט וועלן און חוץ דעם — אַזוי ווי דער רב זאָל לעבן האָט אים איבערגעגעבן, דאַרף אינגיכן זלמן קריגן סמיכות אויף רבנות — איז ער, בערל כהנא, גרייט צו לאָזן זיך קאָסטן וויפל עס זאָל נישט זיין, כדי איינ־ציאָרדענען זלמנען, אויב ער וועט וועלן, אַלס רב אין אַ שטאָט. און אויב ער וועט נישט וועלן זיין קיין רב, וועט ער, בערל כהנא, אים צונעמען פאַר אַ שותף צו זיינע וואַלד־ און האָלץ־מסחרים.

נתן שלאָסער, כאָטש אַליין אויך אַ ייד אַ גביר, איז געבליבן מיט אַ מיש אין קאָפּ פון דער דאָזיקער אומגעריכטער און אומגלויב־לעכער בשורה. בערל כהנא אַליין וויל זיך מיט אים משדך זיין. אַ קלייניקייט — בערל כהנא פאַר אַ מחותן! איין מחותן — דער גערער רבי, אַ צווייטער מחותן — דער לוקאָווער רב און ער, נתן שלאָסער, דער דריטער מחותן... נתן האָט עס זיינע אייגענע אויערן נישט גע־וואָלט גלויבן. און כאָטש זלמן איז נישט געווען זיין אייגן קינד, האָט

זיך נתן אזוי צוגעווינט צו אים און אים אזוי ליב געהאט, אז ער האט זלמנען נישט אנדערש געפילט, נאר ווי אן אייגנלייבלעך קינד און אלס אזעלכן האט נתן שטאלצירט מיט אים.

איבעראשט, דערשטוינט און פארציטערט איז נתן געבליבן ווען זלמן האט אים אפן, פראסט און פשוט געזאגט, אז ער וויל נישט דעם שידוך. און נישט נאר דאס אליין, נאר — אז ער וויל בכלל נאכנישט ווערן קיין חתן. און נישט נאר דאס, נאר — אז ער וויל שוין בכלל נישט מער זיצן און לערנען, קוועטשן די באנק און ווארטן אויף א רייכער כלה. און זלמן האט פייערלעך דערקלערט, אז ער האט באשלאסן צו לערנען זיך א מלאכה און זיך מפרנס זיין פון יגיע כפו... און צוליב דעם וויל ער אוועקפארן קיין ווארשע.

מער האט זלמן קיין ווארט נישט געוואלט זאגן.

וויפל נתן האט זיך צוגעזעצט צו אים, אז ער זאל אים דערציילן און אויפקלערן וואס איז אזוינס געשען פלוצלונג, וואס איז אזעלכעס מיטאמאל פארגעקומען מיט אים וואס עס האט אים, זלמנען, צוגע־בראכט צו אזא ווילדן באשלוס און ווער איז עס דער יעניקער, וואס האט געהאט אויף אים אזא שעדלעכן איינפלוס, — זלמן האט גע־שוויגן ווי די וואנט. אבער דאס ארויסגעזאגטע און דאס שווייגן זיינס איז געווען מיט אזויפיל אנטשלאסנקייט, מיט אזויפיל עקשנות און פעסטקייט, אז נתן האט געזען, אז עס איז „אין להשיב" און ער האט עס שוין באטראכט ווי א פארפאלענע גזירה מן השמים.

צוויי וואכן צייט האט זיך געצויגן איין גרויסער „תשעה באב" ביי נתן לערמאן אין שטוב. אלץ איז ארומגעגאנגען דערשלאגן, פאר־טרויערט און אין שטומע אבילות איינגעהילט, ווי נאך א געשטאר־בענעם, וואס איז אזוי ליב און טייער געווען. נתן האט פון צייט צו צייט איבערגעריסן דעם שטילן טרויער און ארויסגעלאזט א שווערן זיפץ: „אזא גילדערנע כלי!", „אזא גילדערנע כלי!". שיינהביילה האט געווישט די נאז מיטן פארטוך און געקרעכצט: „מען האט אונז געגעבן א גוט אויג!" אשר איז ארומגעגאנגען א יענע־וועלטיקער און גע־האלטן אין איין וויינען. זלמן, וואס האט אשרן באמת ליב געהאט, האט געהאט אן ארבעט אים צו טרייסטן. ווי א פאטער נעמט איין

א צעפיעשטשעט קינד, האט ער אשרן איינגענומען מיט גוטע רייד און ער האט אים געמוזט צוזאגן, אז זיי וועלן איינגיכן נאך ווידער זיין צוזאמען און ווידעראמאל ברידערלעך לעבן צוזאמען און נישט צעשיידן זיך מער קיינמאל. אזוי צוביסלעך האט זלמן אשרן בארויקט.

ענדלעך איז זלמן אוועק קיין ווארשע, מיט גענוג געלט וואס נתן האט אים מיטגעגעבן, צו האבן אויף דער ערשטער צייט צום לעבן און מיט א רעקאמענדאציע־בריוו פון נתנען צו זיינעם א יוגנט־חבר, אויך א שלאסער־מייסטער, ווו ער בעט אים, אז ער זאל זלמנען לערנען דאס שלאסעריי־פאך און למעה"ש ער זאל זלמנען באהאנדלען ווי ער וואלט געווען נתנס אן אייגן קינד.

נישט קיין צופאל איז עס געווען, וואס צוזאמען מיט זלמנס אוועק קיין ווארשע, איז אויך פארשוואונדן געווארן די שיינע, אכצניאריקע אסתר שאפירא, די טאכטער פונם באקאנטע גביר, משכיל־העברעאיסט און אפיקורס, פאבריקאנט פון פאפיראסן־גילזעס — חיים שאפירא.

ביים גאנצן טומל, וואס האט זיך אויפגעהויבן אין שטאט, ווען זלמנס נתפקר ווערן, וועגן דעם חילול הקודש וואס ער האט אפגעטון — ער האט פארלאזט די תורה, ביי וועלכער אים איז פארגעשטאנען אזא גלענצענדיקע צוקונפט און איז גאר אוועק ווערן א פראסטער בעל־מלאכה, האט אויך שטאט נישט פארגעסן צו זען אין דעם אלעמען א שייכות מיט אסתר שאפיראס פארשווינדן ווערן. בלויז נאר אוים מורא פאר חיים שאפירא, וועלכער איז געווען א קרוב למלכות... א גאנצער יש ביים גובערנאטאר, האט שטאט אנגענומען א מויל מיט וואסער און געשוויגן.

מיט זעקס חדשים שפעטער, אז נתן לערמאן איז געקומען קיין ווארשע און זיך געטראפן מיט זלמנען, איז אים לכתחילה קשה געווען דריי זאכן: איינס — פארוואס האט זלמן מיטאמאל געענדערט זיין באשלוס, אנשטאט צו לערנען א מלאכה, ווי ער האט געזאגט, אז ער וויל לעבן נאר מיגיע כפו, זיצט ער גאר ערגעץ אויף א בוידעם־שטיבל, איבער גויישקע ביכלעך, און לערנט מיט התמדה, פונקט ווי פריער, להבדיל, ביי דער גמרא. באשר בכן, ער האט זיך מישב געווען און וויל ווערן א דאקטאר, א דאקטאר־מעדיצין וויל ער ווערן.

צווייטנס — האָט נתנען געאַרט, וואָס שוין, איידער וואָס ווען, דאָס איי איז נאָך אויפן בוידעם, דער דאָקטאָר איז נאָך אויפן שפּיץ דאַך; אָבער דעם דאָקטאָרס גויישקייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן: שוין האָט זלמן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די יידישע בגדים און זיך אָנגעטון ווי אַ גוי, מיט אַ קורץ רעקל און מיט אַ קאַפּעלוש. אמת טאַקע — האָט נתן אין זיך געטראַכט — אַז זלמן זעט אויס אַ סך שענער אין זיין נייער קליידונג, אָבער וואָס קומט אַרויס — פאַרט אַ גוי. דריטנס — האָט נתן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנעט נעמט זלמן אויף צום לעבן: עסן, קליידונג, דירה און אַנדערע זאַכן, וואָס אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף צו האָבן. און צו לערנען די אַלע גויישקע זאַכן קאָסט דאָך עפּעס אַ מאַיאָנטעק מיט געלט. מילאַ די תורה איז בחינם, אָבער פאַר גויישקייט דאַרף מען דאָך באַצאָלן, איז פון וואַנעט זשע נעמט זלמן געלט?

ערשט אין איינעם אַן אָוונט, ווען נתן האָט געטראָפן ביי זלמנען אין צימער חיים שאַפּיראָס טאָכטער און געוועזן איז זי דאָרט נישט ווי אַ גאַסט, נאָר ווי גאָר אַן אייגענע, גאָר אַ נאָענטע, — האָט נתן געגעבן זיך אַ קלאַפּ אין שטערן און צו זיך אַליין געזאָגט:

— דו פערדאַטש איינער וואָס דו ביסט, האָסט דען באַלד נישט געקאָנט זען וועמענס האַנט עס פירט אַן מיט זלמנען...? אָבער — האָט ער אַליין צו זיך גערעדט — מילאַ, ווי איינער בעט זיך, אַזוי שלאָפט ער. יעדער איינער טוט נאָר זיך אַליין...

נתן האָט זיך געזעגנט מיט זלמנען אַ ברוגזער און מיט בייזע, אָבער דאָך וואַרימע, פאָטערלעכע ווערטער, האָט ער אים באַמערקט:

— געדענק, זלמן, כ'האָב מורא, אַז דו וועסט אַמאָל חרטה האָבן אויף דיין פאַרקריכן אינם דאַזיקן בלאָטיקן און שלעכטן וועג. אָבער עס וועט שוין זיין צו שפּעט.

נאָך זלמנס אָפּפאָרן פון שעדלעץ האָט אַשר זיך דערפילט מיטאַמאָל שרעקלעך פאַראיינזאַמט. וואָכן לאַנג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ מרה־שחורהדיקער, אַ פאַראומערטער, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גע־רעדט, מיט קיינעם נישט געוואָלט זיך באַגעגענען און אין זיין נשמה האָבן אָנגעהויבן יויערן געפילן פון שנאה און צאָרן צו דער גאַנצער

וועלט. אַלץ וואָס די אויגן האָבן געזען און צו אַלץ, צוואָס די הענט האָבן זיך צוגערירט האָבן זיי זיך געריסן צו צעשמעטערן, צעברעכן, צעשטערן און פאַרניכטן.

קיינער האָט נישט געוווּסט ווו אשר איז פּלוצלונג אַהינגעקומען. ער איז אין איין שיינעם טאָג מיטאַמאָל פאַרפאַלן געוואָרן און — ווי אין וואַסער אַריין.

מיט אַ צייט שפּעטער האָבן זיך צו זלמנען, קיין וואַרשע, דער־טראָגן ידיעות, אַז אשר פאָרט אַרום אויף די באַנען, ערגעץ אין רוס־לאַנד, מיט אַ באַנדע גנבים — קאָרטן־שפּילער.

זלמנען האָט זייער ווייַ געטון פאַר אשרן, וועמען ער האָט האַר־ציק־ברידערלעך ליב געהאַט און עס האָט אים נאָכמער ווייַ געטון פאַר אשרס עלטערן, צו וועמען ער איז געווען מיט דער גאַנצער נשמה צוגעבונדן, ווי צו אייגענע, ליבע עלטערן.

זלמן האָט אָנגעהויבן זוכן פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי צו דער־גרייכן צו אשרס געוויסן. ער האָט געזוכט אַלערליי געלעגנהייטן ווי אַזוי צו געפינען אשרן, אים ברענגען צו זיך קיין וואַרשע און דורך זיין איינפלוס אים „מחזיר למוטב" זיין.

עס זענען אַוועק יאָרן און זלמן האָט שוין כמעט אויפגעגעבן די האָפענונג צו זען אַמאָל אשרן. ביז איינמאָל נאָר אומגעריכט האָט ער, זלמן, דערהאַלטן אַ בריוו, אַ גאַנצע ווידוי, פון אשרן. ער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן, קלאַפּט זיך „על חטא" פאַרן שלעכטן וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך פאַרנומען און ער בעט זלמנען, ווי אַן איי־גענעם ברודער, אַז ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן, אים העלפן אַרויסקריכן פון זומפּ אין וועלכן ער איז אַריין און ער זאָל אים ווייזן, ווי אַזוי צוריק אַרויפצוגיין אויפן „דרך הישר".

דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט האָט זלמן זיך גע־פילט, ווען ער האָט שוין דערלעבט צו זען אשרן לעבן זיך.

מיט דער גרעסטער פּעדאַגאָגישער פאָרזיכטיקייט האָט זלמן אָנ־געהויבן צוצוגרייטן אשרן צו דריי זאַכן מיט איינמאָל.

דאָס ערשטע — האָט זלמן געפּלאַנט — דאַרף מען זען מאַכן

פון אים, אשרן, אן ארנטלעכן, אנשטענדיקן מענטש. דאס צווייטע — א ניצלעכן מענטש פאר זיך אליין. און דאס דריטע — ער זאל מיט דער צייט זיין צוגעפאסט און ניצלעך פארן סטודענטיש־רעוואלוציאנערן קרייז, אין וועלכן ער, זלמן, איז געווען טעטיק.

אשרן זענען אבער די אלע מעשה׳ס, וואס זלמן האט אנגעהויבן אין אים ארײנקנעלן, דורך איין אויער אריין און דורכן צווייטן ארויס. אשרס קאפ איז שוין לאנג נישט פעאיק געווען פאר אזעלכע אײדעלע טעאטריעס און „יאלדישע זאכן"...

דא איז אבער אונטערגעקומען א צווייטער פאקטאר, וועלכער האט אים, אשרן, געבויגן, אונטערטעניק געמאכט און געצוווּנגען צו זיין געהארכזאם.

דער פאקטאר איז געווען — די שיינע אסתר שאפירא.

זי איז געווען א סטודענטין פון היסטאריש־פילאזאפישן פאקולטעט אין ווארשע און גלייכצייטיק איינע פון די אקטיווסטע אינם סטודענטיש־רעוואלוציאנערן קרייז.

א פול און לענגלעך, טונקל־הויטיק ,קינדיש פנים; א קאפ געדיכטע און געקרייזלטע קאשטאנברוינע האר, וועלכע זענען פארקעמט געווען מיט א מיטן־שרונט און מיט צוויי פארפלאכטענע צעפ אראפגעלאזט; צוויי קײלעכדיקע, גרויסע, טונקל־ברוינע, ליכטיקע אויגן, וועלכע האבן פון איר ארויסגעשמייכלט מיט א צניעותדיקער פארטרוימטער בענקשאפט; א קליין מאנדלדיק־אויפגעשניטן מײלעכל, מיט אן עטוואס אראפגעלאזטער אונטערשטער ליפ; אן עלאסטיש־שלאנקער קערפער, אביסל העכער פון מיטלוווקס; אין יעדן בויג פון קערפער אירן איז באהאלטן געווען א צעלאזענער רייצנדיקער חן און גלייכצייטיק — נאיווע צניעות.

אט אזוי האט אויסגעזען די איינאונצוואנציק יאריקע אסתר שאפירא, ווען איר בן־עיר, אשר לערמאן, האט זי געטראפן אין ווארשע.

פון דער ערשטער מינוט אן, באלד ווי אשר האט זי דערזען, האט ער פולשטענדיק פארלוירן זיין אייגענעם פארשטאנד, זיין זעלבשטענדיקייט, זיין אייגענעם ווילן און איז געווארן א בלינדער געהארכזאמער שקלאף ביי דער דאזיקער רייצנדיקער אסתר שאפירא. נישט נאר איז ער גרייט געווען צו אנהויבן לערנען און זיך פירן לויט איר ווילן,

נאָר אַפילו פאַרבערענט צו ווערן אויף קויל, ווען נאָר זי, אסתר, זאָל עס פאַרלאַנגען.

אָן איבערגעגעבענער טרייער חבר איז אָשר געוואָרן אינם סטו־דענטיש־רעוואָלוציאָנערן קרייז. אויף די געפערלעכסטע אַרבעטן האָט אָשר זיך געריסן און ממש מיט מסירות נפש האָט ער אַלץ אין בעסטן אָרדענונג דורכגעפירט און אַלץ — מיט דער ליידנשאַפטלעכער אויס־רעכענונג, געפעלן צו ווערן און אויסצונעמען ביי אסתרן.

אַזוי איז אָשר געווען זינלאָז פאַרליירן און שקלאַפיש פאַר־בלענדט אַ פעליק יאָר צייט. ערשט נאָך אַ יאָר, האָט אָשר זיך אויס־געריבן די אויגן און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז אַלץ איז אומזיסט און אַרויסגעוואָרפן. ער האָט געזען, אַז אסתר איז גרענעצלאָז פאַר־ליבט אין זלמנען און ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז קיינמאָל אין לעבן וועט ער, אָשר, זלמנס פלאַץ ביי אסתרן נישט קאָנען פאַרנעמען.

דאָ איז ער געקומען אויף דעם טייוולאָנישן פּלאַן: אָדער — אָדער...

אין איינעם אַ פראַסטיקן ווינטער־אָוונט, די גאַנצע וועלט איז פאַרצויגן געווען מיט בלענדענדיקער ווייסער אומשולד, זענען אסתר מיט אָשרן געזעסן אין אַ קינאָ. געוויזן האָט מען קליינע הומאָריסטי־שע בילדלעך און ביידע האָבן, ווי קינדער געקייכט פון געלעכטער. זיי האָבן פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע אָן די שווער־ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס דער גורל האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, האָבן פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט מיט אירע איבלען, פון וועלכע מ׳מוז דער מענטש־הייט באַפרייען, און ווי נאַיווע אומשולדיקע קינדער, זענען זיי צו־זאַמען פאַרגאַנגען אין געלעכטער ביז טרערן.

אין דער דאַזיקער טונקעלער און געמיטלעך־זאָרגלאָזער אַטמאָס־פערע פון קינאָ און אין דעם נאָענטן און געמיינזאַם־שטיפערישן צו־זאַמענלאַכן, האָט אָשר זיך אָנגענומען מיט מוט און ער האָט אָפּגע־פרעסט אסתרן דעם ערשטן קוש.

ערשט איצט האָט אָשר דערפילט, אַז אסתר איז גאָרנישט אַזוי גלייכגילטיק צו אים, ווי ער האָט זיך די גאַנצע צייט פאַרגעשטעלט...

אַרויסגייענדיק פון קינאָ איז צו זיי צוגעקומען אַ יונגער בחור,

אַן אומבאַקאַנטער, אָבער מיט יענעם פּלאַם אין די אויגן, וואָס איז זיי שוין גאָר גוט באַקאַנט געווען, און גאָרנישט פרעגנדיק האָט ער זיי אריינגערוקט אין האַנט אַ געשריבן צעטעלע, וואָס האָט זיך געלייענט אזוי:

„אַנטלויפט וואָס שנעלער. אַלץ איז געמאַסערט. זלמן סימכאָוויטש מיט נאָך זעקס — ארעסטירט. פייער געפּערלעך. ראַטעוועט זיך".

אסתר שאַפּיראָ איז אויפן מאָמענט אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז זי האָט נישט פאַרשטאַנען ווו זי געפינט זיך, נישט געוווסט וואָס זי טוט דאָ און ווי קומט צו איר אין האַנט אריין דאָס צעטעלע.

באַלד האָט זי דערפילט ווי די פיס האַקן זיך איר אונטער און ארום די אויגן נעמען זיך דרייען פייערדיקע רעדער —

ווען אסתר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר באַוווסטלאָזן צושטאַנד האָט זי זיך געפונען ערגעץ אין אַ פרעמדער, שמוציקער, דאָרפישער כאַטע, וועלכע איז קוים באַלויכטן געווען פון אַ חלבן ליכטל.

ווי נאָר אָבער זי האָט געעפנט די אויגן, איידער זי האָט נאָך באַוויזן אַרומצוקוקן זיך און זען ווו זי געפינט זיך ערגעץ אין דער וועלט, איז זי פאַרגאַנגען אין שרעקלעכע ספּאַזמעס און האָט ארויסגעלאָזט אַ ווילדן, היסטערישן געשריי:

— ז — ל — מ — ן !

און איז ווידער געפאַלן אין חלשות...

מיט יאָרן שפּעטער, שוין אין פראַנקרייך, איז צו אסתרן דערגאַנגען „אַ באַגלויבטע ידיעה", אַז זלמן איז געשטאָרבן אין סיבירער פאַרשיקונג.

ערשט דעמאָלט, נאָך שווערע צייטן פון טרויער, מוטלאָזיקייט, גייסטיקער דערדריקונג און אַנטוישונג, האָט אסתר שאַפּירא ענדלעך חתונה געהאַט מיט אָשר לערמאַן.

II.

מיטן אָנקום פון חיים שאַפּירא אין שערלעץ האָט אַ נייע תקופה זיך אָנגעהויבן אינם גייסטיקן לעבן פון דער יוגנט, און טיילווייז

אויך פון די עלטערע, אין דער דאָזיקער פּוילישער שטאָט.

אינם גרויסן שטאָטישן פּאַרק, „דעם גובערנאַטאָרס פּאַרק", ווי מ'האָט אים גערופן, האָט מען אָנגעהויבן צו באַמערקן, ווי חסידי־שע יונגע לייט, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און שוואַרץ־טוכענע, קליינע, פּויליש־חסידישע היטעלעך, שפּאַצירן אַרום אין די דאָרטיקע שטילע, טונקעלע אַלייען און זענען אַריינגעטון, מיט אַלע זייערע חושים, אין העברעאישע ביכלעך, ווערק פון העברעאישע שרייבער. אויף די ביכלעך איז געווען אַ שטעמפּל: „ספריה עברית של ח. שאַפּיראָ".

און די צאָל פון די דאָזיקע יונגעלייט איז געוואַקסן, וואָס אַמאָל, אַלץ מער און מער.

אַ יונגער מענטש פון אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר אינגאַנצן, איז דיים שאַפּיראָ אַלט געווען, ווען ער איז אָנגעקומען פון גראָדנע, פּאַר אַן איידעם צום שעדלעצער גביר און משכיל, נחום וויינטרויב.

אַ הויכער איז ער געווען, מיט אַ פול בלייך געזיכט, וואָס איז איינגעראָמט געווען אין די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ שוואַרץ בערדל. אַ באַיאָרטע ערנסט איז צעלייגט געווען אויף זיין מאָטן פּנים און הויכן שטערן און אַ צאַרטער אומעט האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע פאַרחלומטע, ברוינע אויגן. געגאַנגען איז ער מיט באַזאַכטע, גע־מאָסטענע טריט און גערעדט האָט ער לאַנגזאַם, דייטלעך און שאַרף, ווי אַ שטייגער ער זאָל ציילן די ווערטער וואָס גייען אַרויס פון מויל. און מיטן זעלביקן אופן האָט ער פריי גערעדט אויף עטלעכע שפּראַכן.

צוויי זכותן זענען חיים שאַפּיראָן בייגעשטאַנען, וואָס אין אַזאַ חסידיש־פרומער שטאָט, ווי שעדלעץ, זאָל מען אים מוזן דולדן מיט זיינע „פירעכצן"; מיט זיין „גוישקער" קליידונג, וואָס איז באַשטאַ־נען פון אַ קורץ רעקל מיט אַ קאַפּעלוש, און מ'זאָל מוזן פאַרנעמען מיט צאַרנדיקן שווייגן זיינע נייע „פּאַראַנדקעס", וואָס ער האָט אָנ געהויבן איינצופירן אין שטאָט.

דער ערשטער זכות איז געווען, וואָס ער איז אָנגעקומען פּאַר אַן איידעם צום גרויסן גביר, נחום וויינטרויב, מיט וועמען שטאָט האָט מורא געהאַט זיך אָנצוהויבן; אָבער נאָכמער ווי דאָס, איז שאַפּיראָן בייגעשטאַנען דער רעקאָמענדאַציע־בריוו, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט

פון זיין היים־שטאָט, גראָדנע, פונם דאָרטיקן גובערנאַטאָר, צום שער־לעצער גובערנאַטאָר.

א לאַנגע צייט האָט שטאָט געטומלט וועגן דאָזיקן בריוו, פאַר־שידענע ווערסיעס זענען אַרומגעגאַנגען וועגן דעם אינהאַלט פונם בריוו און דאָס האָט געהויבן חיים שאַפּיראָס אָנזען און פּרעסטיזש אין די אויגן פון שטאָטישע רעדל־פירער, באַלד פון זיין אָנקומען אַן און עס האָט זיי געצווונגען צו באַציען זיך צו אים מיט דרך־ארץ, ווייניקסטנס אין זיין קעגנוואַרט. כאָטש הינטער די אויגן האָט מען ביי יעדער צרהדיקער געלעגנהייט זיך אויסגערדיקט: „צו חיים שאַ־פּיראָס קאָפּ זאָל עס מיר אויסגיין" און דערביי האָט מען אַרומגע־קוקט זיך, צי האָט עס אַמאָל אַ „פּרעמד אויער" נישט געהערט.

חיים שאַפּירא איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבראַכט די נייעם קיין שעדלעץ, אַז ערגעץ אין דער שטאָט ווין, דאָרטן ווו דער אוהב ישראל פראַנץ יאָזעף איז אַ קייסער, איז פאַראַן אַ יידישער דאָקטאָר מיטן נאָמען טעאָדאָר הערצל און דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט אויף זיך גענומען, אַז ער מוז אויסלייזן די יידן פון גלות און זיי ברענגען צוריק אינם אַלטן לאַנד פון די אבות — ארץ ישראל, וואָס מ'וועט אָפּקויפן ביים טערקישן סולטאַן און מ'וועט שאַפן דאָרט אַן אייגענע יידישע מלוכה.

צו דעם צוועק האָט חיים שאַפּירא געגרינדעט אין שעדלעץ אַן „אגודה" פון „ציונים". די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער „אגודה" איז געווען, מיטצוהעלפן, מאָראַליש און מאַטעריעליש, דעם ווינער דאָקטאָר אין זיין שווערער, גרויסער און הייליקער אַרבעט.

און גאָר אַ מאָדנע נייע זאַך האָט חיים שאַפּירא אַראָפּגעבראַכט: ער האָט איינגעפירט אין שעדלעץ אַ נייעם מין חדר, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „חדר מתוקן". דאָרטן האָט מען געלערנט „עברית בעברית" און מ'האָט געזונגען העברעאישע לידער. דער ציל פון נייעם חדר איז געווען — צוצוגרייטן יידישע קינדער, פון זייער פרים־טער יוגנט אָן, אַלס בירגער פון אייגענעם פאָטערלאַנד, אויף דער שפּראַך פון דער צוקונפטיקער יידישער מלוכה — העברעאיש.

מיט, בערך, אַ פופצן יאָר שפּעטער האָט חיים שאַפּירא עטלעכע

מאָל באַגעגנט דעם יונגן בחורל, זלמן סימכאָוויטש, ביי נתן לערמאַן אין שטוב, ווו ער, זלמן, האָט זיך אויפגעהאַלטן.

באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן האָט חיים שאַפּיראָ זייער שטאַרק ליב געקראָגן זלמנען.

— זיין איידל געשטאַלט, זיינע שיינע אויגן און זיין נאַטירלעכע אינטעליגענץ לאָזן מיך נישט רוען. — אַזוי האָט חיים שאַפּיראָ עטלעכע מאָל איבערגערעדט ביי זיך אין שטוב. — דאָס דאָזיקע בחורל איז אויסערגעוויינלעך סימפּאַטיש, פון זיינע אויגן שפּיגלט אַרויס אַ צאַרטע נשמה און ער איז אַזוי גניאַל, מיט אַזאַ קלאָרן פאַרשטאַנד און געזונטן שכל הישר, אַז עס איז פשוט אַ פאַרגעניגן צו רעדן מיט אים. ס'איז נאָר אַ שאָד — האָט שאַפּיראָ באַדויערט — וואָס אַזאַ קינד זאָל פאַרלירן ווערן צווישן די פאַרשימלטע בלעטער פון דער גמרא און זיין צוקונפט זאָל דאַרפן זיין, אין בעסטן פאַל, אָדער אַ רבל ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, אָדער אַ מלמד אין אַ גרויסער שטאָט.

חיים שאַפּיראָ האָט אין זיינע מחשבות צוגעטראַכט פאַר זלמנען אַ פיל שענערע, רעאַלערע און מער מענטשלעכערע צוקונפט. און אפשר — האָט אין שאַפּיראָן אויפגעלויכטן אַ געדאַנק — אפשר וועט זיך איינעגבן גאָר צו פאַרבונדן זלמנס צוקונפט צוזאַמען מיט דער צוקונפט פון זיין עלטסטער טאָכטער אסתר...

ער האָט אָנגעהויבן זוכן וועגן און געמומען אָנווענדן מיטלען, ווי אַזוי מקרב צו זיין זלמנען, אים צוציען צו זיך און צונעמען אָט דעם גניאַלן בחורל אונטער זיין השפעה. לאַנגזאַם, מיט געוווינענע און געמאָסטענע טריט, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט חיים שאַפּיראָ געפירט מיט זיין אָנגעצייכנטן פּלאַן פאַר זלמנען און שוין האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלץ גייט אין בעסטן אָרדענונג און זיין אויפטו איז אים פולשטענדיק געלונגען, אָבער — ווי זאָגט אַ ווערטל: „דער מענטש טראַכט און דער טייוול לאַכט"...

אין טורמע, זיצנדיק אין אַן איינצל־קאַמער, נישט מער ווי ער מיט זיך אַליין, האָט זלמן סימכאָוויטש דער רעוואָלוציאָנער אָנגעהויבן צו דערקענען זיך אַליין און — ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר

זיינע געדאַנקען און געפילן, וועלכע האָבן, וואָס אַמאָל מער, זיך איינ־געגעסן און איינגעבירגערט אין אים. און אַזוי פאַרשעמטערהייט, איז ער, אין גרונט, דאָך געווען מיט זיי צופרידן.

זלמן האָט זיך דערפילט מיטאַמאָל, ווי איינער וואָס איז אָפּגע־גאַנגען אַ לאַנגן, שווערן און פאַרמאַטערנדיקן וועג און ענדלעך, דערגרייענדיק צום ציל, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערע משא, מיט וועלכער ער איז אַזוי לאַנג באַלאַסטעט געווען און ער האָט אָפּגעאָטעמט מנוחהדיק־פריי.

ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען — זלמן האָט אין טורמע זיך דערפילט פריי. צווישן די שמוציקע און שוואַרצע טורמע־ווענט פון זיין קעמערל, האָט אין זלמנען ווידער אויפגעוואַכט זיין איינגעבוירענע נייגונג צו לערנען און פאָרשן, צו גריבלען זיך אין ספרים און ביכער, צו וועלן דערגרונטעווען דורך טויטע ווערטער צו פרישע און לעבעדיקע געדאַנקען־קוואַלן. אַ נייגונג, וואָס איז מיט זלמנען מיטגעוואַקסן פון קינדוויז אָן און איז איינגעגעסן געווען אין אַלע זיינע רמ״ח אברים.

אויף דער פריי האָבן די רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעטן, אין וועלכע ער איז אַריינגעצויגן געווען, אים עקספּלאָאַטירט און באַ־רויבט אים פון זיין גרויסן פאַרגעניגן, צו זיצן רואיק און לערנען. זלמן האָט דערפון שטאַרק געליטן און ער האָט געפילט, אַז ער ברענגט דערמיט זייער אַ גרויסן קרבן אויפן מזבח פון דער רעוואָלו־ציע.

דאָ אָבער, אין דער פאַרהאַקטער און פאַרשפּאַרטער אָפּגעזונ־דערטקייט, האָט זלמן דערפילט, ווי אין דער דאָזיקער גרויער איינ־זאַמקייט קומט ער צוריק צו זיך, ער איז ווידער אַ פרייער מענטש אַליין, אין זיין אייגענעם גייסטיקן רשות און דאָס האָט אים — כאָטש ער האָט זיך געשעמט פאַרן געדאַנק — צופרידנגעשטעלט.

ער האָט הנאהדיק זיך צעלייגט אויף דער שמוציקער נאַרע און מיט אַ לאַנג פאַרבענקטער התמדה האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין אייגענער וועלט, אין דער וועלט פון ביכער.

איבערגעריסן זלמנס „צופרידנקייט" האָט נאָר די זאָרג פאַר אסתרן מיט אַשרן.

אַז זיי זענען אויך אַרעסטירט, אין דעם האָט ער גאָר קיין צווייפל נישט געהאַט, וואָרן ווען זיי זאָלן זיין אויף דער פריי — האָט ער געהאַט דעם בעסטן באַווייז — וואָלטן זיי דאָך געלאָזט זיך הערן צו אים.

— וואָס איז געוואָרן מיט זיי? ווו געפינען זיי זיך? אין וועלכע טורמע זיצן זיי? און צי וועט עס אסתר, אַזאַ איידעלע, קאָנען איבער־טראָגן, אַזאַ שרעקלעך טורמע־לעבן?

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים שרעקלעך געפייניקט און צורו נישט געלאָזט. די זאָרג פאַר אסתרן מיט אָשרן האָט אים געמאַטערט און נישט געלאָזט באַקומען די „פרייהייט" זיינע אינם ענגן טורמע־קעמערל.

זייער שנעל זענען פאַר זלמנען אַריבערגעלאָפן די זעקס חדשים, וואָס ער איז געזעסן אינם איינצל־קעמערל ביז זיין פּראָצעס.

ערשט נאָכן פּראָצעס, ווען מ'האָט אים, זלמנען, איבערגעפירט אין אַן אַלגעמיין־קאַמער, צוזאַמען מיט נאָך פּאָליטישע אַרעסטיר־טע, ערשט דעמאָלט האָט ער דערפילט, אַז ער האָט אין דערווירק־לעכקייט פאַרלוירן די פרייהייט און אַז ער זיצט אויף אַן אמת אין תפיסה.

די צוויי חדשים, וואָס זלמן איז געזעסן נאָכן פּראָצעס און גע־וואַרט, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע, אויף דער צייט ווען מ'האָט אים באַדאַרפט אָפּשיקן אין סיביר — אָט די דאָזיקע צוויי חדשים האָבן זיך פאַר אים געצויגן ווי אַ גיהנומדיקע אייביקייט.

אין אָט דער צייט האָט זלמן שרעקלעך געוויייטיקט און מוראדיק געליטן פאַרן גורל פון אסתרן מיט אָשרן. ער האָט אויף קיין אופן נישט געקאָנט דערגיין, ווו זיי זענען אַהינגעקומען. דורך פאַרשי־דענע אומוועגן האָט זלמן זיך אָנגעשטרענגט צו דערגיין עפּעס וועגן זיי, אָבער — אומזיסט. קיינער האָט נישט געוווּסט און נישט גע־קאָנט אויף קיין אופן זיך דערוויסן דעם מינדסטן שפּור פון אסתרן מיט אָשרן.

פיינלעכע מחשבות, איינע שרעקלעכער פאַר דער אַנדערער, האָבן זלמנען געמאַטערט און צעפּרעסן זיין נשמה, געזונט און לעבן.

— ווער ווייסט צי לעבן זיי נאָך?! און ווער ווייסט, אויף וואָס

פאר אן אופן און מיט וואס פאר א טויט זיי זענען אומגעקומען...?!

און זלמנען האט זיך געדאכט, אז ער, און נאר ער, איז שולדיק אין דעם, וואס זייערע יונגע לעבנס זענען אזוי גרויזאם פארשניטן געווארן אין בעסטן בליענדיקן עלטער...

און זלמן פלעגט היסטעריש צוזאמענברעכן יעדעס מאל, ווען ער האט געטראכט וועגן דעם.

* *

*

צייט איז דער שטארקסטער קינסטלער־מייסטער אויף איבער־צופארמירן, איבערצוזאנדערשן און איבערצומאכן נייגונגען, כאראק־טערן, איינגעשאפטן און איינשטעלונגען פון מענטשן, סיי פון איינ־צעלנע און סיי פון גאנצע גרופעס אפילו.

אזוי האט אויך דא די צייט זיך ארייגעמישט מיט איר שטאר־קער מייסטער־האנט און זי האט אינגאנצן איבערגעביטן די ראלן פון אסתר שאפרא און אשר לערמאן.

אנשטאט ער זאל ווערן אסתר שאפיראס א געהארכזאמער תלמיד, צו וואס אשר לערמאן האט פריער געשטרעבט, איז ער גע־ווארן גאר אירער א שטרענגער רבי. און געלערנט האט ער מיט איר גאר נייע תורות, אזעלכע וואס נישט ביי איר טאטן, נישט ביי איר געליבטן, זלמנען, און נישט אינם סטודענטיש־רעוואלוציאנערן קרייז אין ווארשע, ווו זי האט יארן לאנג געלעבט, האט זי אזעלכעס ווען געהערט.

אנקומענדיק אין פראנקרייך האט אשר לערמאן אנגעהויבן איינ־צוקנעלן מיט אסתרן, אז קיין אלגעמיינער גליק קאן גאר אויף דער וועלט נישט זיין. זינט די וועלט איז באשאפן איז זי אזוי אוועקגע־שטעלט געווארן, אז איינעמס גליק מוז זיין פארבונדן מיטן צווייטנס אומגליק.

— אויב אזוי — האט ער איינגעטענהט — אויב איינער מוז זיין אן אומגליקלעכער, כדי דער צווייטער זאל זיין א גליקלעכער, וויל איך בעסער זיין דער צווייטער. יעדער דארף טראכטן נאר פאר זיך, צום ערשטן קום איך, נאר איך און נאר פאר זיך אליין. מ'דארף

נישט זיך זאָרגן פאַרן צווייטן, וואָרן ווער עס זאָרגט זיך פאַרן צווייטן איז אַ שלימזל, אַ גאָרנישט, וואָס טויג זיך נישט אויס צו גאָרנישט און איז נישט ניצלעך נישט פאַר זיך און נישט פאַר יענעם.

זייער שווער און זייער לאַנג האָט עס אים, אָשרן, גענומען ביז צו אסתרן האָט זיך געקאָנט צוקלעפּן זיינע „ווילדע טעאָריעס", ווי זי האָט זיי גערופן, מיט די „אומגעלומפּערטע אַרגומענטן", מיט וועלכע ער האָט זיינע טעאָריעס באַגרינדעט.

דער שטאַרקסטער און ווירקזאַמסטער אַרגומענט זיינער, אָבער, איז געווען — די רעאַלע פאַרווירקלעכונג...

אויף איינער פון די רייכסטע גאַסן אין מאַרסעל (פראַנקרייך), אין אַ פּראַכטפול־לוקסוסדיק הויז, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַלאַץ פון אַ פירשטן־פאַמיליע, איז אויף דעם טויער פון גאָרטן, וואָס איז געווען פאַרן הויז, צוגעקלאַפּט געווען אַ בליאַסקענדיק מעשן שילדל, מיט פאַלגנדיקע שוואַרץ־געמאַלירטע ווערטער:

אָ ס ק אַ ר ל ע ר מ אַ ן

הויפּט-פּאַרטנער פון דער דייטשער פירמע

פון מעדיצין-אויסאַרבעטונג „לינאָס"

פונם דאָזיקן רייכן הויז פלעגן אָפט גיין אוניפאָרמירטע לאַ־קייען, מיט שיין־פאַרפּאַקטע מתנות־פּעקלעך, צו דער מאַדמואַזעל אסתר שאַפּירא, וועלכע האָט אויך געוווינט אין דער זעלביקער שטאָט מאַרסעל, ווו זי איז געווען אַן אָרימע לערערין.

און צווישן די מתנות־פּעקלעך האָבן זיך געפונען: טייערע קליי־דער, קאָסטבאַרע פוטערס, וווּנדערלעכע לוקסוסדיקע צירונגען מיט טייערע בריליאַנטן איינגעפּאַסט.

לאַנגע צייטן האָבן די זעלביקע לאַקייען געמוזט זיך אומקערן מיט די פּעקלעך צוריק, ווייל די מאַדמואַזעל שאַפּירא האָט זיי נישט נאָר נישט געוואָלט צונעמען, נאָר זי האָט אפילו איבער דער שוועל פון איר שטוב די לאַקייען נישט אַריינגעלאָזט.

אָבער, ווי זאָגט אַ פאָלקס וואָרט: „אפילו טראָפּנס וואַסער, ווען זיי פאַלן כסדר אויף איין אָרט, לעכערן זיי זאָגאַר אַ שטיין", בפרט—

א מיידליש הארץ. און באזונדער, ווען דאס מיידלישע הארץ איז שוין סיי ווי געווען א צעבראכנס און דערשלאגנס.

און די צייט איז געקומען... די אוניפארמירטע לאקייען פונם „רייכן פירשטן־הויז" האבן אנגעהויבן צו גיין צוריק פון דער מאד־מואזעל אסתר שאפירא שוין ליידיק...

א שווערע און פיינלעכע פראגע האט אבער נישט אויפגעהערט צו פיקן אין אסתרס מוח: פונקען פון פארדאכט און פארנעפלטן חשד האבן זיך אריינגעריסן צו איר אין הארצן און קעגן איר ווילן האט פון זיך אליין די פראגע געפלאנטערט איר געדאנק: „צי איז עס טאקע מעגלעך אז בלויז פון א מעדיצין־פארטרעטונג זאל מען קאנען אזוי שנעל און אזוי שטארק רייך ווערן?!"...

נאך האט אסתרן געוווּנדערט: פון וואנען האט זיך גענומען צו אשרן — וועמען זי קען פון קינדוווייז אן און האט זיינע עלטערן גוט געקענט — מיטאמאל אזוי פיל קרובים? און אלע עפעס אזעלכע אנטיפאטישע און מגושמדיקע פארשוינען!

אט איז ביי אשרן געווען, א לאנגע צייט, א פעטער און א מומע פון פארטוגאל, ביידע אזעלכע אומגעלומפערט־דיקע און ביידע — באהאנגענע, אויף אזא ווולגארן אופן, מיט אזויפיל קאסאבארע צירונגען און טייערע ברילאנטן. אז זיי זענען אוועק, זענען באלד געקומען צו אים צוגאסט צוויי מומעס פון בעלגיע, אויכעט אזעלכע ברייטע צעגאסענע ווייבער, אזעלכע אנטיפאטיש אפשטויסנדיקע, מיט אזעלכע מאדנע, פרעכע, מגושמדיקע פנימער און זיי זענען אויכעט געווען באהאנגען פון קאפ ביז די פיס מיט גאלד און ברי־ליאנטן.

אסתר האט די אלע פעטערס און מומעס שטארק נישט געליטן, נישט זייער אויסזען, נישט זייער קליידונג, נישט זייער צירונג. נישט זייער אופן פון רעדן און נישט זייערע אויגן, וואס ווינקען עפעס אזוי מאדנע פרעך, א שטייגער ווי..., זי האט זיך געשעמט צו ברענגען דאס ווארט אויפן געדאנק.

אבער דער כוח פון אשרס רייכקייט, פון זיין ברייטן פארנעם און איבערהויפט, פון זיין נאכאנאנדיקן קלעפן זיך צו איר מיט אזוי

פיל ליבע און פאַרהערלעכונג האָט סוף כל סוף גובר געווען אַלע שטרויכלונגען, וואָס זענען איר, אסתרן, געשטאַנען אין וועג.

און ווען אַשר לערמאַן האָט ענדלעך פאַרגעשלאָגן אסתר שאַ־פיראָן חתונה צו האָבן מיט אים, האָט זי דעם פאָרשלאָג אָנגענו־מען, נאָר מיט אַ באַדינג, אַז זיי זאָלן אַוועק וווינען אין פּאַריז.

פאַרוואָס זי האָט אַזאַ באַדינג געשטעלט, האָט זי אַליין דעמאָלט נישט געקאָנט זיך אָפּגעבן קיין רעכערונג. מעגלעך, אַז עס איז ביי איר נישט געווען מער ווי אַ מיידלישער קאַפּריז אַזאַ, צו ווייזן, אַז איר ווילן איז נישט געבראָכן קעגן אַשרן. עס קאָן אויך זיין, אַז דורך דער שנאה וואָס זי האָט געטראָגן אויף די אַלע פעטערס, מומעס, קוזינס און קוזינקעס, וועלכע פלעגן קומען אַזוי אָפט צו אַשרן צו גאַסט פון אַלע עקן וועלט, האָט זי, כדי פּטור צו ווערן פון זיי, גע־דענקט, אַז אין פּאַריז, ווו זי וועט שוין זיין די באַלעבאָסטע וועלן זיי נישט וואַגן צו קומען צו איר אין הויז.

באַלד נאָך דער חתונה, קוים דריי חדשים נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין פּאַריז, האָט אַשר געמוזט, צוליב גע־שעפט, זייער נויטיק אָפּפאָרן קיין אַרגענטינע אויף אַ קורצער צייט.

אָבער — די קורצע צייט האָט געדויערט גאַנצע פינף יאָר.

עס האָט אויסגעבראָכן די אייראָפּעאישע מלחמה פון 1914 און אַשר לערמאַן האָט שוין צוריק אַהיים פון אַרגענטינע נישט געקאָנט פאָרן.

ערשט אין יאָר 1919 איז ער אָנגעקומען צוריק אין פּאַריז.

באַלד ווי נאָר ער איז אָנגעקומען, האָט אַשר זיך אַריינגע־וואָרפן, מיט זיין גאַנצער ענערגיע און לאַנג־יאָריקער פּראַקטיק, אָנ־צוקניפּן ווידער באַציאונגען מיט דער ברייטער וועלט און ער האָט זיך גענומען ווידער צו באַנייען זיינע פריערדיקע געשעפטן... גלייכ־צייטיק, מיטן זעלביקן ברען, האָט ער אָנגעהויבן אוועקשטעלן זיין היים אויפן רייכן לוקסוסדיקן און ברייטן פאַרנעם, ווי ער האָט עס תמיד ליב געהאַט.

אַזוי זענען אַוועק זעקס חדשים.

איינמאָל אין אַן אָוונט פון חודש אַפּריל אין יאָר 1920, איז אַשר לערמאַן אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין אַ בלאַסער, אַ פאַרצי־

טערטער און דערשראָקענער, נישט טויט נישט לעבעדיק, אינגאַנצן האָט ער זיך געוואָרפן ווי אין פיבער און קוים וואָס ער האָט געקאָנט אַרויסרעדן די ווערטער:

— אסתר, קום שנעל! לאָז אַלץ איבער! מיר מוזן אַנטלויפן וואָס שנעלער! מיר מוזן שוין פאָרן אין בולאָן און דאָרטן וועלן מיר אויפזיצן אויף אַ שיף. פרעג גאָרנישט. מיר ווערן פאַרפאָלגט פון פּאָליציי.

אסתר האָט געזעסן אין איר מאַנס אויגן, אַז אַ גרויסע געפאַר לויערט אויף זיי. זי האָט אָבער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט בלייבן בלינד און שטום אינם דאָזיקן פאַרצווייפלטן מאָמענט און זי האָט דערשראָקן געפרעגט:

— וואָס איז געשען אַזוי פּלוצלונג?

— דו געדענקסט, אסתר, יענע נאַכט, אין פּוילן, ווען מיר האָבן געמוזט אַנטלויפן? איצט ווידער. מיר מוזן אַנטלויפן. אויב נישט, פאַלן מיר אַריין אין טורמע. מיר אַרט נישט פאַר זיך, נאָר פאַר דיר.

אסתר האָט עס אָבער פאָרט נישט געקאָנט פאַרשטיין: סטייטש — פראַנקרייך איז דאָך נישט דאָס טיראַנישע רוסלאַנד! און צווייטנס — שוין אַזוי פיל יאָרן ווי זיי פאַרנעמען זיך נישט מיט קיין פּאָליטיק!

אָבער קוקנדיק אויף איר מאַן, ווי ער שטייט שוואַרץ ווי קויל און וואַרפט זיך פאַר מורא, האָט זי נישט געהאַט קיין האַרץ צו מאַטערן אים מיט פראַגעס אין אַזאַ מאָמענט. אַליין האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגעשטעקט מיט טונקעלער שרעק, כאָטש נישט וויסנדיק פאַרוואָס און, ווי אַמאָל פון פּוילן, האָט זי אויך דאָס מאָל געלאָזט זיך פירן בלינד פון אשרן.

אין מאַי, 1920, זענען זיי אָנגעקומען אין מעקסיקע.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, נאָך דער ערשטער נאָטיץ וועגן זלמן סימכאָוויטש, איז אין די יידישע צייטונגען פון מעקסיקע געווען איבערגעדרוקט אַ בריוו, וואָס די געזעלשאַפט — — — פון ניו־יאָרק האָט צוגעשיקט אין די יידישע רעדאַקציעס פון מעקסיקע, ווו עס זאָגט זיך, אַז צוליב דעם וואָס דער גרויסער יידישער געלערנטער,

זלמן סימכאָוויטש, באַגעגנט שטאַרקע שוועריקייטן מצד דער מעק־סיקאַנער רעגירונג, אויף אַריינצוקומען אין מעקסיקע, וועט אויף זיין אָרט קומען אַ צווייטער, דורכצופירן די אַקציע אין מעקסיקע לטובת — — —

אַשר לערמאַן, לייענענדיק דאָס אין די צייטונגען, האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט דערפילט מיטאַמאָל ווי אַ שווערער באַרג איז אים פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן.

פאַר גרויס פרייד האָט ער, טאַנצנדיק, געריבן איין האַנט אין דער צווייטער און ווויל־יונגעריש אויסגעשריגן צו זיך אַליין:

— אַך, ווי גוט, אַך, ווי גוט!

און מיט אַ נחתדיקער צופרידנקייט האָט ער צו זיך אַליין גע־טענהט:

— ווער דאַרף אים דאָ צו האָבן, דעם יאָלד!

אַשר לערמאַן איז גליקלעך־צופרידן געווען, וואָס אַלץ איז אויס־געגאַנגען נישט מער ווי צו שרעק און צו אַביסל האַרצווייטיק און ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָרן „עס האָט, חלילה, געקאָנט זיין זייער שלעכט".

צופרידן איז ער אויך געווען צו קאָנען שטאָלצירן און זיך באַ־רימען, פאַר זיך אַליין, אַז זיין פּראָטעקציע אין די הויכע פענסטער איז גאָר אַ גרויסע...

פונדעסטוועגן — נאָך זיין גאַנצער פרייד מיט דעם, וואָס אים איז סוף כל סוף געלונגען צו שטערן זלמנס קומען קיין מעקסיקע — האָט דאָך פון באַהאַלטענע ווינקעלעך געלויערט אויף אַשרן אַ פּחד. פון ערגעץ אַ מיסטעריעזער פאַרהוילעניש האָט אַ געהיימע האַנט געוואָרפן אויף אים שרעק און צעטומלונג.

דער מעקסיקאַנער גביר און פּאַרנעס, אַשר לערמאַן, איז ביי זיין גאַנצער צופרידנקייט דאָך געבליבן שטאַרק אומרואיק...

מיטן גלח׳ס כוח

באלד אין ערשטן טאג, ווי ער איז אנגעקומען אין מעקסיקע, האט אים דאס נייע לאנד באשאנקען מיט א קאטער. האט ער וואכן לאנג זיך ארומגעטראגן מיט דער דאזיקער מתנה, צוזאמען מיט די פעק זאקן און קראוואטן, מיט וועלכע ער איז געווען באלאדן פון קאפ ביז די פיס.

דאס דאזיקע ארומגיין שטענדיק מיט רויטע פארטרערטע אויגן, מיט א רויטער נאסער נאז, וואס מ׳דארף האלטן אין איין ווישן און מיט אן אפטן, פליעסקעדיק־שרייענדיקן ניסן, וואלט אויף א צווייטן אפגעשטעמפלט א דערשלאגנקייט און א דערדריקט געמיט, אבער נישט אויף גרשונען. אויף אים האט מען נישט דערקענט, אז עס זאל אים ארן. עס האט גארנישט נישט אויסגעזען אפילו, אז ער זאל זיך גאר מאכן א וועזן פון דעם.

גרשון קליין, א צוואנציק־יאריקער בחור פון פלאצק (פוילן), א נידעריקער, א דיקלעכער, איז פון נאטור אויס געווען א געלא־סענער, רואיקער און זארגלאזער. ער האט נישט צוגעלאזט צו זיך קיין עגמת נפש און פון קיין סיטואציע נישט גענומען זיך צום

האַרצן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויפגערעגט און פון קיין זאַך נישט איבערראַשט געוואָרן. אַלץ האָט ער אויפגענומען מיט אַ רואיקן שמייכל און מיט אַ קאַלטן לונג־און־לעבער. אַזוי איז ער געווען פון קינדוויז אָן. אינדערהיים האָט מען אים גערופן: „דער קאַלטער גזלן״. אין מעקסיקע האָבן אים די חברים, די שיפס־ברידער און מיטפּעדלער אַ נאָמען געגעבן: „גרשון באָק״.

אַז מ׳האָט געקוקט אַזוי אויבנאויפיק אויף גרשונען, אויף זיין קאַלטער רואיקייט און פלעגמאַטישער געלאַסנקייט, האָט זיך געקאָנט אויסדראַכטן, אַז דער דאָזיקער מענטש טראַכט גאָרנישט, פאַרלאַנגט גאָרנישט, האָט נישט קיין שטרעבונגען און קיין אַמביציעס. אין דער אמתן אָבער איז ער גאָר אַנדערש געווען און ווי ער האָט זיך געוויזן אויסערלעך. גרשון איז געווען שטאַרק אַן אַמביציעזער. ער איז גרייט געווען אויף אַלץ, כדי צו דערגרייכן זיינע שטרעבונגען. ער איז אָבער נישט געווען קיין אימפּעטיקער, ער האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט געגלויבט אין זיך און פאַרמאָגט די פעסטע זיכערקייט, אַז זיינס וועט ער, סוף כל סוף, דערגרייכן.

דאָס ערשטע וואָס גרשון האָט געוואָלט דערגרייכן אין מעקסיקע איז געווען די שפּאַנישע שפּראַך. „דאָס איז דער שליסל צום ערשטן טויער — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט — זאָל איך נאָר אַריין אינעווייניק, וועל איך דערנאָך לייכטער שוין אַריינדרינגען ווייטער״. כאָטש פון וואָס דער „ווייטער״ באַשטייט, האָט ער אַליין דעמאָלט נאָך קיין קלאָרן באַגריף נישט געהאַט.

און כדי צו קענען שפּאַניש, איז גרשון געפאַלן אויף אַ פּשוטער המצאה: ער האָט געקויפט צוויי תנ״כן, איינעם אויף שפּאַניש, אַ צווייטן אויף העברעאיש און גאַנצע נעכט, אין זיין פּיצעניוניקן פאַרשטיקט צימערל, ערגעץ אויף אַ בוידעם, האָט ער דאָרט, ביי דער באַלייכטונג פון אַ סטעאַרין־ליכט, געלערנט מיט התמדה דעם שפּאַנישן תנ״ך, פּסוק ביי פּסוק מיטן העברעאישן אָריגינאַל.

אפילו בייטאָג, אָרומשלעפּנדיק זיך איבער די גאַסן, אַ באַלאָדענער פון קאָפּ ביז פיס מיט זאָקן און קראַוואַטן און געקלאַפּט אין די טירן, האָט ער אינצווישן די געשרייען „ביליק, זאָקן, קראַוואַטן,

דירעקט פון פאבריק, ביליק!" אינדערשטיל איינגעחזרט אויף אויסנ־ווייניק גאנצע פסוקים און זאצן פון תנ"ך אויף שפאניש.

איינמאל אין א דעצעמבער־טאג, אין דרויסן איז שוין געווען קאלט, און גרשון האט שוין אנגעהויבן מיטצונעמען אין גאס אריין אויך סוועטערס צו פארקויפן, האט ער אזוי, מיט זיין גאנצער קראם אויף זיך, מיט זיין קאטער, וועלכער האט אין די קעלט זיך נאכמער פארשטארקט און מיט שפאנישע תנ"ך־פסוקים אויף די ליפן — אנגעקלאפט אין א טיר פון א הויז, וואס האט אויסגעזען ווי באַ־וווינט פון פארמעגלעכע מענטשן.

געעפנט די טיר האט אן עלטערע פרוי, א הויכע מיט א בכבור־דיקן אינטעליגענטן אויסזען. זי האט מיט א העפלעכן און גוטמוטיקן שמייכל אריינגעבעטן גרשונען אינעווייניק. גרשון האט געוואלט ענט־פערן מיט א דאנק־שמייכל, אבער צוליב דעם קאטער איז דער שמייכל זיינער ארויסגעקומען א פארוויינטער. דאס האט דערוועקט גרויס מיטלייד ביי דער פרוי צום „פאברע עקסטראנכערא" נעבעך.

אינעווייניק, אינם קליינעם, באשיידענעם, אבער זייער ציכטיקן כאלאן־צימער האט די פרוי פארגעשטעלט פאר גרשונען אירע צוויי מיידלעך: איינע, די עלטערע, ווי פון א יאר זיבעצן־אכצן און די יינגערע, ווי פון א יאר דרייצן־פערצן.

אויף דיביידע מיידלעך איז געלעגן אויסגעגאסן אזא צניעות־דיקער חן, מיט א נאאיווער קינדערשקייט און אינגאנצן ווי באַ־הויכט מיט א פרימארגנדיקער פעלד־פרישקייט אין פרילינג.

לאנג האבן זיי, די דריי פרויען, פארבראכט, אין יענעם קאלטן דעצעמבער־טאג, מיט גרשונען. מיט ווייבערישער נייגעריקייט האבן זיי זיך נאכגעפרעגט ביי אים וועגן איינצלהייטן פון זיין היימלאנד, פון זיין אייגן לעבן, פון זיינע עלטערן, פאמיליע און פארוואס ער האט פארלאזט זיין פאטערלאנד און געקומען קיין מעקסיקע.

דאס ערשטע מאל אין מעקסיקע, ווי גרשון האט זיך דערפילט אין א היימיש־ווארימער און ליבער סביבה. ער האט אין א תנ"כישן שפאניש אפגערעדט זיך פון הארצן און אפנהארציק דערציילט פאר די דריי ווייבער אלץ, וואס זיי האבן געוואלט פון אים וויסן. ער

האָט זיי אויך דערציילט וועגן זיין ציל, וואָס ער שטרעבט צו דער־גרייכן אין מעקסיקע. עס איז פאַר אים אַליין ערשט דעמאָלט, אין פאַרלויף פון געשפּרעך, קלאָר געוואָרן דאָס, וואָס מיט איין שעה פריער איז עס נאָך פאַר אים פאַרנעפּלט געווען.

נאָכן גאַנצן געשפּרעך און נאָכן איינקויפן ביי אים פאַרשידע־נע זאַכן, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי אוועקגיין, האָט די באַלע־באָסטע אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל זיך אַריינציען צו זיי וווינען, אַז סיי ווי שטייט ביי זיי אַ צימער ליידיק, און נאָכמער האָט זי אים פאַרגעשלאָגן, אַז ער וועט נאָר דאַרפן צאָלן פאַרן צימער ווען ער וועט קאָנען און אויב נישט — מעג ער ווױנען דערווייל אומ־זיסט.

אַז גרשון איז פון דאָרטן אוועק, איז ער געוואָר געוואָרן פיר זאַכן: איינס, אַז די מעקסיקאַנער זענען זייער גוטע מענטשן. צוויי, אַז אויף שפּאַניש דאַרף ער, גרשון, הייסן גרעגאָריאָ. דריי, אַז דאָס עלטערע מיידל, מאַריאַ־לואיסאַ, איז זייער אַ שיינע און סימפּאַטישע. און פיר, אַז פון היינט אָן וועט ער האָבן אַ פיינע אָנשטענדיקע וווי־נונג, מיט אַ צוגאָב — אַן אומזיסטע לערערין אויף שפּאַניש, טאַקע די באַלעבאָסטע אַליין, וואָס איז געווען אַ לערערין פון פאַך.

פון יענעם טאָג אָן האָט גרעגאָריאָ קליין גאָר אויפגעלעבט. ער איז מיטאַמאָל אַריין אין אַ מלכות: צו זיין רשות איז געווען אַ ליכ־טיק, געראַמיק און ציכטיק צימער, פיין געמעבלירט, אַ פריינטלעכע פאַמיליארע באַדינונג, מיט אַ וואַרימער ליבער באַהאַנדלונג און צו דעם אַלעמען, אַ צוגאָב, דריי מאָל אין וואָך שפּאַנישע לעקציעס פון אַ געניטער לערערין. דאָס אַלץ האָט גרעגאָריאָ באַקומען אָן צו דאַרפן צאָלן דערפאַר מיט געלט, בלויז נאָר מיט לעקציעס אין דייטש, וואָס ער האָט געגעבן צו די ביידע מיידלעך, צו דער עלטערער — מאַריאַ־לואיסאַ און צו דער יינגערער — אַמאַדאַ.

ערשט איצט, אין רחבות, האָט גרעגאָריאָ דערפילט ווי דער קאַטער דערקוטשעט אים, ווי נישט אָנגענעם עס איז צו דאַרפן אָפּט ווישן די נאָז, וואָס פון דעם אַליין איז אים די נאָז געוואָרן רויטער און אויסגעצויגענער. ערשט איצט האָט ער דערזען ווי מיאוס עס

איז, בעתן רעדן מיט מענטשן, בפרט מיט מאַריאַ־לואיסאַן, צו געבן אַ פליעסק אַריין אינמיטן דערינען מיט אַ פאַרקאַטערטן ניסן. גרעגאָריאָ האָט אָנגעהויבן צו קורירן זיך מיט מעדיצינישע מיטלען, וואָס מ'האָט אים געגעבן ערגעץ אין אַן אַפטייק און מיט היימישע רפואות וואָס ס'האָט פאַר אים צונויפגעשטעלט די באַלעבאָסטע אַליין, די דאָניאַ כאַוויטאַ.

אָבער, נאָך עטלעכע וואָכן קורירן זיך, און גראָד דעמאָלט, ווען עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט אָט איז ער שוין פטור געוואָרן פון דער קאַטער־פּלאָג, פונקט דעמאָלט האָט ער זיך אַוועקגעלייגט קראַנק מיט היץ און דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס איז אַ גריפע, וואָס איז אים געקומען פון אַ פאַרלאָזטן קאַטער.

מיט גרעגאָריאָס קראַנק ווערן איז אַן איבערקערעניש געקומען אין דער שטילער און אידילישער פאַמיליע פון דער דאָניאַ כאַוויטאַ מיט אירע צוויי טעכטער. אַלע זענען זיי ארומגעגאַנגען פאַרזאָרגט און צעטראָגן. די אַלטע האָט אָפט געהאַלטן אַ טיכעלע ביי די אויגן. מאַריאַ לואיסאַ פלעגט מיט פאַרהאַקטע ציין דערשטיקן אינזיך דעם וויטיק, וואָס האָט זיך געריסן צו היסטערישן אויסברוך. די קליינע אַמאַדאַ פלעגט שטילערהייט אַפּלעקן מיט דער צונג די טרערן, וואָס זענען איר געקראָכן אין מויל אַריין און די דינסט אפילו, קוקנדיק אויף זיי, האָט אויך געמאַכט פיסקעס און געווישט די אויגן. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערע פון זיי זיך צוגעכאַפּט צום הייליקן גוואַדאַלופּע־בילד, צי צום הייליקן מאַמע־בילד אָדער גאָר צו גאָטס זון אַליין, געקניט און געבעטן רחמים פאַר גרעגאָריאָס געזונט.

אָבער ווי אויף צולהכעיס האָבן זיי אַלע הייליקע, פאַרשטאָפּט די אויערן, נישט געוואָלט זיך צוהערן צו קיינעמס געבעט און גרעגאָריאָ איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג.

מאַריאַ־לואיסאַ, וועלכע איז נישט אָפּגעטראָטן פון קראַנקנס בעט, איז ענדלעך געפאַלן אויף אַן המצאה, ווי אַזוי פאַרט צו ווירקן אויף דער הייליקער מאַמען, אַז עס זאָל זיך אין איר דערוועקן רחמנות: מאַריאַ־לואיסאַ האָט אויפגעהאָנגען דער „מ אַ מ ע ס" בילד איבער גרעגאָריאָס בעט. אַזוי — האָט זי געדענקט — אַז זי וועט בעטן

ביי דער „מאַמען" אין גרעגאַריאַס אַנוועזנהייט, וועלן זיכער די תּפי־לות אָנגענומען ווערן.

אָבער, צו איר גרויסן צער, האָט אפילו דאָס אויך נישט גע־האָלפֿן.

איינמאָל אין אַ נאַכט, שוין שפּעט אין דער נאַכט איז עס געווען. אַלע אין שטוב זענען שוין געשלאָפֿן, נאָר בלויז זי איינע, מאַריאַ־לואיסאַ, האָט געוואַכט ביים קראַנקנס בעט. זי איז געשטאַ־נען אויף דער קני, געהאַלטן גרעגאַריאַס רעכטע האַנט אין אירעביידע הענט, מיט פאַרדביקותדיקע אויגן, פול מיט טרערן, האָט זי אַרויפֿ־געגלאָצט צו דער הייליקער מאַמען און שטיל געשעפּטשעט רחמים־תּפילות פאַר גרעגאַריאַס געזונט. און אַזוי בעטנדיק איז זי אַנט־שלאָפֿן געוואָרן. באַלד האָט איר פאַרוויגט אַ זיסער חלום: אַז זי איז פאַר גרעגאַריאַן אַ כּלה געוואָרן, האָט מיט אים חתונה געהאַט און ער האָט זי אַזוי ליב און זי איז איבערפולט מיט גליק.

אינדעם האָט זי זיך אויפגעכאַפּט. מאַריאַ לואיסאַ טוט אַ קוק אויפן קראַנקן... עפּעס איז איר נישט געפעלן געווען זיין מראה... זי רופט אים ביים נאָמען, טרייסלט אים, אָבער ער באַוועגט זיך נישט. באַהערשט פון אַ שוידערלעכן, פיינלעכן און מוראדיקן געפיל, זענען די אויגן אירע ווי פאַרגלייזט געוואָרן און איר קערפּער האָט זיך גענומען וואַרפן ווי אין פיבער. שנעל איז זי אַריין צו דער מוטער און האָט זי אויפגעוועקט. ביידע, מאַריאַ־לואיסאַ מיט דער מאַמען, האָבן, מיט פאַרקלעמטע הערצער און מיט שרעק אין די אויגן, גענו־מען שטאַרק טרייסלען דעם קראַנקן, אָבער — — — ער איז טויט.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צו בלויען אויף טאָג און צו־זאַמען מיט דער בלויקייט האָט דורכן פענסטער אַריינגעוואונקען צו גרעגאַריאַן אין צימער אַ מאַנסטרואישער פּחד, וועלכער האָט גע־האַלטן די צוויי פרויען דאָרט אין ציטערנדיקער שרעק און אין הילפֿ־לאָזער פאַרלוירנקייט. מיטאַמאָל האָט געגעבן אַ פּלאַץ אַרויס פון זיי אַן אויסברוך פון היסטערישע געוויינען און פאַרצווייפלטע געשרייען, אויף וועלכע עס זענען זיך אָנגעלאָפן שכנים. מען איז אַוועק רופן דעם גלח און אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז געקומען פריער און האָט פעסטגעשטעלט, אַז גרעגאַריאַ איז טויט. נישט לאַנג נאָכן דאָקטאָרס

אוועקגיין איז אריין דער גלח, אן עלטערער מענטש מיט אן איינגע־דארט און גערינצלט פנים, פון וועלכן ס'האט אראפגעשיינט א ליב־הארציקע גוטסקייט; און מיט א פאר מילדע קלוגע אויגן, וועלכע האבן געגלעט און געטרייסט בלויז מיט זייער בליק. באלד ווי ער איז אריין האט ער מיט דורכדרינגענדיקע בליקן זיך ארומגעקוקט אינם קראנקנס צימער, שארף באטראכט דארט יעדע זאך און אלע אנוועזנ־דיקע. דערנאך האט ער זיך אריבערגעבויגן איבערן קראנקנס קער־פער, הארט צוגעדריקט זיין פנים צו גרעגאריאס טויטן פנים. מיט־אמאל האט ער זיך אויפגעשטעלט, ווידער באטראכט אלע אנוועזנדיקע און פלוצלונג א פרעג געטון:

— ווער האט די לעצטע נאכט געוואכט ביים קראנקן?

מען האט אריינגעפירט מאריא־לואיסאן. זי אליין איז געווען שוין א האלב־טויטע און האט זיך קוים געהאלטן אויף די פיס. זי איז געפאלן אויף די קני, געקושט דעם גלח די האנט און שלוכצענ־דיק, מיט א דערשלאגן געמיט און ציטערנדיקער שטים, האט זי אנ־געהויבן צו דערציילן:

— איך האב א גאנצע נאכט געוואכט ביי זיין בעט און כ'האב געבעטן צו דער הייליקער מאמען פאר זיין געזונט, אבער אינמיטן —

דער גלח האט איר נישט געלאזט רעדן ווייטער, ער האט ארויפ־געלייגט זיין האנט אויף איר מויל און געזאגט:

— מ'דארף נישט, מ'דארף נישט, רעד נישט מער.

באלד האט דער גלח געהייסן אלע פרעמדע אוועקגיין און דער באלעבאסטע, דאניא כאוויטאן, האט ער געהייסן צושטעלן וואסער צו קאכן, א סך, א סך וואסער, וואס מעגלעך מערער. און דאס גע־קאכטע וואסער אריינברענגען צו אים.

ווען דער גלח איז געבליבן אין צימער אליין מיט מאריא־לואי־סאן, האט ער איר געפרעגט:

— זאג מיר, טאכטער, האט זיך דיר אין דער לעצטער נאכט עפעס געחלומט?

זי האט זיך צעכליפעט און דערציילט וואס עס האט זיך איר געחלומט, אז גרעגאריא האט מיט איר חתונה געהאט...

דער גלח האָט מיט זיין טיכל אויסגעווישט מאַריאַ־לואיסאַן די אויגן, געגלעט זי איבערן קאָפּ און צו איר געזאָגט:

— וויין נישט, טאָכטער, דאָס וואָס ס'האָט זיך דיר געחלומט, וועט מקוים ווערן.

מאַריאַ לואיסאַ האָט אויסגעגלאָצט אויפן פּאַטער אַ פּאָר גרויסע דאַנקבאַרע אויגן, וועלכע האָבן מיטאַמאָל אויפגעשטראַלט פון גליק, אָבער גלייכצייטיק האָט פון זיי אַרויסגעקוקט פאַרווונדערונג און צווייפלענדיקע אומגלויביקייט.

אַז מ'האָט אַריינגעבראַכט דאָס קאָכעדיקע וואַסער, האָט דער גלח אויסגעטון זיינע אויבערשטע בגדים, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל פון העמד און זיך גענומען צו דער אַרבעט: ער האָט געטונקען האַנטוכער אין דעם קאָכעדיקן וואַסער און די דאַזיקע הייסע קאָמפּרעסן האָט ער אַרומגעלייגט אַרום גאַנצן נאַקעטן קערפּער פונם טויטן. אַזוי האָט דער גלח אָפּגעאַרבעט איבער אַ האַלבער שעה, איין קאָמפּרעס אַראָפּ, דעם צווייטן אַרויף און כסדר נאָכאַנאַנד באַדעקט גרעגאָריאָס קערפּער מיט קאָכעדיקע קאָמפּרעסן, ביז מ'האָט באַמערקט ווי דער „טויטער" באַוועגט זיך. מאַריאַ־לואיסאַ, אַז זי האָט עס דערזען, האָט געגעבן אַ ווילדן היסטערישן געשריי, אָבער דער גלח האָט צו איר געמאַכט אַ שטרענגן צייכן צו שווייגן.

גרעגאָריאָס צימער איז מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן פון די פרייליכע בליקן, וואָס האָבן גענומען אַרויסלייכטן פון יעדנס אויגן, וואָס האָבן זיך אין צימער געפונען און צו דער גליקלעכער פאַרווונדערונג פון אַלע אַרומיקע, האָבן זיי דערזען, ווי דער „טויטער" האָט געעפנט די אויגן. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן צו קריגן קאָלירן אין פּנים און דאָס ערשטע וואָרט, וואָס ער האָט באַוויזן אַרויסצוברענגען, איז געווען: מאַריאַ לואיסאַ.

דאַן האָט דער גלח אָנגענומען מאַריאַ־לואיסאַס האַנט און זי צונויפגעבראַכט מיט גרעגאָריאָס האַנט, אויף ביידנס הענט האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע, דערנאָך האָט ער פרום פאַרגלאָצט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— זייט געבענטשט פון גאָטס זון און פון הייליקן גייסט. פון אַלע הימלען זאָל אויף אייך טריפן גאָטס גענאָד. איר זענט אַ זיווג

מן השמים. זייט אויף אייביק גליקלעך, לרצון די הימלען און דער הייליקער קירכע, אמן.

* *
*

אין א שטעטל אין איסטמא (געגנט אין מעקסיקע), איז אין א מיטן זומער אנגעקומען א רייזנדער־אגענט, פארטרעטער פון א גרויסער דייטשישער פירמע, פון שטאלווארג, אין מעקסיקע. א נידעריקער איז ער געווען דער אגענט, א דיקלעכער, מיט העל־בלויע אויגן און בלאנדע האר, און אין גאנצן אויסזען — א טיפישער יעקע.

עס איז געווען פרייטיק אין אוונט, ווען דער דאזיקער אגענט איז אריין מיט זיין „מועסטראריא" צום דארטיקן יידישן שטאל־ווארג־סוחר קאפעלעוויטש. ער האט זיך פארגעשטעלט: „גרעגאריא קליין, פארטרעטער פון דער פירמע ק. ב.". א היפשע צייט האט געדויערט ביז קאפעלעוויטש האט אפגעקליבן די ארטיקלען, וואס זענען אים נויטיק געווען און געמאכט זיין באשטעלונג. דערווייל, אין צווישנצייט, האט קאפעלעוויטש פארפירט פארשידענע שמועסן מיטן אגענט וועגן פאליטיק, וועגן ארטיקע שטעטלישע ענינים און וועגן היימישע פאמיליע־אנגעלעגנהייטן. די שמועסן האבן אזוי, ביסלעכווייז, דערנענטערט א פריינטלעכקייט צווישן זיי ביידע און אזוי רעדנדיק האט קאפעלעוויטש פארבעטן דעם אגענט אויף אוונט־עסן.

— עס איז פרייטיקצונאכטס — האט קאפעלעוויטש דערקלערט — מ'קאכט ביי אונז געפילטע פיש, יידישע פיש און ס'האבן כל הטעמים די פרייטיקצונאכטיקע יידישע פיש, אפילו קריסטן קאנען הנאה האבן פון אונזערע געפילטע פיש.

און דער דייטשישער אגענט האט זיך געלאזט איבעררעדן.

ביי קאפעלעוויטשן אין שטוב האט שוין דער שבת קודש ארויסגעשיינט פון יעדן ווינקעלע. אויף א בלאנקענדיק־ווייסן טישטעך איז דער שבת־טיש געווען געגרייט כיד המלך: אין איין זייט פון טיש — צוויי ברוינע געפלאכטענע שבת־חלות, אין דער צווייטער זייט פון טיש — פיר אנגעצונדענע ליכט, ארייננגעשטעלט אין פיר זילבערנע שבת־לייכטער און אין מיטן — א פלאש וויין, א פולמעס מיט פיש און א קלאש מיט פארשידענע פרוכטן. אט דאס אלץ, צו־

זאמען מיט דער פרוי און קינדער (אַ יינגל מיט אַ מיידל) זענען שוין געשטאַנען גרייט און נאָר געוואַרט אויפן אָנקומען פון באַלעבאָס.

קאַפעלעוויטש איז אַריין אין שטוב מיט אַ ברייטן „גוט שבת" און ער האָט פאַרגעשטעלט דעם גאַסט פאַר דער פרוי און קינדער. די פרוי, אַביסל צעטומלט פון אומגעריכטן גאַסט, האָט מיט גענוג טאַקט, פריינטלעכקייט און מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט אויפגענומען דעם גאַסט. אינדעם האָט זי פון דער זייט אַ פרעגנדיקן בליק געוואָרפן צום מאַן און זי האָט באַמערקט, אַז ער איז ווי אין אַ פאַרלעגנהייט, ווי ער זאָל זיך וואַקלען וועגן עפּעס, צי ער זאָל עס יאָ טון, צי נישט. דער גאַסט האָט עס אויך באַמערקט און ער האָט זיך אָנגערופן אויף פראַסט יידיש־לשון:

— הער קאַפעלעוויטש, איך זע אַז איר שטערט זיך. איר ווילט מאַכן קידוש... אָבער איר דאַרפט צוליב מיר זיך נישט קווענקלען, ווייל איך בין אַן אייגענער, איך בין אַ ייד.

קאַפעלעוויטש האָט אויסגעשטאַרט אַ פּאָר אויגן, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעבליקט איבעראַשונג און פאַרווונדערונג, ווי ער זאָל נישט קאָנען גאָר פאַרשטיין, אַז ס'איז אמת דאָס, וואָס ער האָט נאָרוואָס געהערט. באַלד איז ער מיט היימישער נאָענטקייט צו צום גאַסט און ווי ער זאָל אים אָט נאָרוואָס ערשט האָבן דערזען, האָט ער צו אים אויסגעשטרעקט אַ ברידערלעכע האַנט:

— אויב אַזוי, שלום עליכם אַ ייד! וואָס זשע האָט איר גע־שוויגן?!

דאָס געפיל, אַז ביים טיש זיצט נישט קיין פרעמדער, נאָר אַן אייגענער גאַסט, האָט געהויבן די שטימונג ביי קאַפעלעוויטשן און ביים גאַנצן עסן איז ער געזעסן אַן אויפגעלעבטער און מיט אַ נשמה־יתרהדיקער שמחה האָט ער געלאָזט אויף הפקר די צונג אין פראַסט מאַמע־לשון. אויך די פרוי האָט אַראָפגעוואָרפן פון זיך דעם באַ־לאַסט פון איבערגעטריבענער העפלעכקייט און זי האָט פראַסט ווייי־בעריש זיך צערעדט מיטן גאַסט ווי מיט אַן אייגענעם, אַלטבאַקאַנטן פריינט.

מיטאַמאָל האָט קאַפעלעוויטש באַמערקט, ווי דער גאַסט איז גע־בליבן זיצן אַזוי פאַרשאַטנט, ווי באַהערשט פון עפּעס אַ טרויער.

האט ער לכתחילה געדענקט, אז מסתמא בענקט עס א ייד א היים, צו זיין פאמיליע און צו זיין אייגענעם שבתדיקן טיש. קאפעלעוויטש האט אין געראנק אים באדויערט. אבער ער האט נישט געוואגט עס אים אנצומערקן. נאר ווען ער האט דערזען ווי דער גאסט נעמט דאס טיכעלע צו די אויגן, האט ער זיך שוין נישט געקאנט איינהאלטן און אים געפרעגט:

— וואס איז אייך, הער קליין?

— הע, ס'איז גארנישט — האט דער גאסט געענטפערט האלב פארשעמט, מיט פארשטיקטע טרערן אין האלז — עס בענקט זיך נאך א יידישער היים, נאך א יידישן טיש, די נשמה ציט צום שורש. איך בין אליין א קינד פון חסידישע עלטערן אין פוילן.

גרעגאריא קליין האט דערביי א שווערן זיפץ געטון.

— נו, וואס זשע, איז עס דען אזוי שווער אויסצופירן? — האט קאפעלעוויטש געפרעגט און אזוי נייגעריק אנגעקוקט דעם גאסט — איר זעט דאך, אז מ'וויל זיך פירן יידיש, קאן מען עס אפילו אין א ווייט פארווארפן פראווינץ־שטעטל, בפרט אין אזא גרויסער שטאט ווי מעקסיקע, וווּ עס וווינען טויזנטער יידן, קיין עין־הרע, און ס'גייט אן דארט אזא פארצווייגט יידיש לעבן.

— יא, מיין ליבער פריינט — האט גרעגאריא געענטפערט שטיל מיט דערשלאגנקייט — ס'איז אלץ אמת, אבער נישט פאר מיר. איך בין אן אומגליקלעכער אויף מיין גאנצן לעבן.

גרעגאריא איז שטיל געבליבן, ער האט זיך פארטראכט און א שטילער אומעט איז געבליבן הענגען אין שטוב פון זיינע לעצטע ווערטער, וועלכע האבן געהאלטן געשפאנט אלעמען ביים טיש. באלד האט ער זיך געכאפט, ווי דערמאנט זיך אן עפעס און גענומען רעדן ווייטער:

— שוין זעכצן יאר ווי איך האב חתונה געהאט מיט א קריסטין, א מעקסיקאנערין, מיר האבן שוין צוויי קינדער, כאטש גוט וואסביידע זענען מיידלעך. איך לעב אין א פרעמדער וועלט, צווישן פרעמדע מענטשן און מיין אייגן לעבן איז פארשניטן, פארשניטן אויף אייביק...

— שוין זעכצן יאר — האט גרעגאריא גערעדט ווי צו זיך אליין,

ווי ער זאָל וועלן מיט די דאָזיקע ווערטער אַראָפּוואַרפן פון זיך אַ לאַסט, וואָס האָט אים שטאַרק געשוועדט — ווי איך האָב געמאַכט אַ פאַלשן שריט, איך בין אַראָפּ פון די רעלסן און כ'קאָן שוין מער אין לעבן צוריק אויף די רעלסן נישט אַרויף.

מיטאַמאָל האָט גרעגאָריאַ זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, זיך געזעגנט, געדאַנקט און זיך אַנטשולדיקט וואָס ער מוז זיי איצט פאַר־לאָזן.

קיינער האָט אים נישט געפּרוווט פאַרהאַלטן.

שוין זייענדיק אויף דער גאַס האָט גרעגאָריאַ צו זיך אַליין אַרויסגעזיפצט:

— יאָ, אמת, מיטן גלחס כוח בין איך צום לעבן ווידער גע־קומען, אָבער אַ צו טייערן פּרייז צאָל איך פאַר דעם. מיטן זעלביקן גלחס כוח בין איך פון מיין אייגן לעבן אָפּגעשניטן געוואָרן, פון מיין אייגענעם יידישן לעבן.

לאַנג נאָך, נאָך גרעגאָריאַס אַוועקגיין, איז ביי קאַפּעלעוויטשעס שבתדיקן טיש געבליבן פאַרגליווערט אַ טרויעריקע שטימונג, ווי אַ שטומער צער נאָך אַ פאַרלוירענעם ברודער...

אפריל — מאי

I.

פרי האט זיך געשטעלט דער פרילינג פון יענעם יאר איבער מעקסיקע. שוין אין חודש מאַרץ האט א מילדע וואַרימקייט ברייט זיך צעגאַסן און פריי געמאַכט די לופט. באלד האָבן מענטשן אראָפּ־געוואָרפן פון זיך די געפּענטעטע ווינטער־קליידונג און ראַפּטום זיך אריינגעוואָרפן אין דער לויזער פרייקייט פון פרילינג.

דעם ערשטן אפּריל, באַלד אינדערפרי, איז שייע סאַקאַלסקי אויפגעזעסן אויף א טראַמוויי, אין צענטער שטאָט, אויף צו פאָרן אין טאַקובאַיאַ. דער איינציקער פרייער פּלאַץ צום זיצן אין טראַמוויי איז שייען אויסגעקומען נעבן א יונגער פרוי, וואָס איז געזעסן ביים אָפענעם פענסטער און מיט נייגעריקייט געשלונגען דעם פאַרביי־לויפנדיקן דרויסן. עס האָט זיך געקאַנט דאַכטן, אז די פרוי האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי עמיץ האָט זיך נעבן איר אַוועקגעזעצט. שייע האָט מיט זייטיקע גנבהשע בליקן אָפּגעמאָסטן דער פרוי פון קאָפּ ביז די פיס און גלייכצייטיק האָט ער מיט הנאה אריינגעאָטעמט אין זיך דעם געשמאַקן פאַרפום־ריח — א ריח ווי פון צייטיקע פּאַ־

מעראַנצן, נאָך אויפֿן בוים — וואָס האָט פֿון דער פֿרוי זיך געלאָזט הערן.

מיטאַמאָל האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און נאַאיוו אַזוי געפֿרעגט:

— אַנטשולדיקט הער, וואָס איך באַלעסטיק אייך, איר קאָנט אפֿשר אַזוי גוט זיין, מיר זאָגן, צי מיט דעם דאָזיקן טראַמוויי קאָן מען פֿאָרן ביז צום פּאַרק טשאַפּולטעפּעק?

— יאָ, פֿריילין, דער דאָזיקער טראַמוויי גייט דאָרט פֿאַרביי און שטעלט זיך אָפּ פּונקט פֿאַרן טויער פֿון פּאַרק טשאַפּולטעפּעק.

שייע האָט זיך באַמיט צו ענטפֿערן זייער העפֿלעך און גאַלאַנט, אָבער אין זיין שטימע האָט געקלונגען וואַקלענדיקע נישט־דרייסטקייט. נאָך א ווייל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און צו איר געזאָגט:

— ווייזט אויס, פֿריילין, אַז איר זענט נישט קיין היגע.

זי האָט א ליבן שמייכל געגעבן און געענטפֿערט:

— יאָ, ס'איז ריכטיק. איך בין נישט פֿון מעקסיקע. איך קום פֿון גואַטעמאַלאַ. ערשט עטלעכע טעג ווי איך געפֿין זיך דאָ, אין מעקסיקע, און איך באַוווּנדער ווי שיין מעקסיקע איז. מען האָט מיר נאָך אין גואַטעמאַלאַ געזאָגט וועגן פּאַרק טשאַפּולטעפּעק, ווי פּרעכטיק ער איז, פֿאַר איך איצט אַהין, דעם ערשטן מאָל, אויף א שפּאַציר.

זי האָט גערעדט מיט אַזאַ פֿרייקייט און אָפֿנבאַרקייט, ווי א שטייגער זי זאָל רעדן צו אַן אַלטן באַקאַנטן. אין איר רעדן איז געווען אַזאַ קינדיש־נאַאיווער טאָן און די גאַנצע צייט איז דער ליבלעכער, חיינעוודיקער שמייכל נישט אַראָפּ פֿון אירע ליפּן.

ערשט איצט האָט שייע סאַקאַלסקי ריכטיק און דורכדרינגלעך זי באַטראַכט. ער האָט געזען פֿאַר זיך א יונג מיידל ווי פֿון א יאָר צוואַנציק, א הויכע מיט פּעך־שוואַרצע האָר, מיט א לענגלעך, צאַרט און ליכטיק־ווייס פּנים און מיט גוטמוטיקע, ליבלעך־פֿרייע שוואַרצע אויגן. געקליידט איז זי געווען אין לייכטער זומערדיקער ווייסקייט און עס האָט פֿון איר גאַנצן וועזן אַראָפּגעשיינט נאַטירלעכע אינטעליגענץ.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זענט אַן אייראָפּעערין —

האָט שייע אַ זאָג געטון און אין זיין רעדן האָט זיך געהערט עטוואָס צעטומלטקייט — אייער אויסזען איז גאָרנישט ענלעך צו אַ מענטש פון די היגע מקומות.

— יאָ, אַ סאַך מיינען אַזוי — און זי האָט זיך נאָכמער צע־שמייכלט — ווייל איך בין אַ ווייסע, אָבער ס'איז נישט ריכטיק. מיינע עלטערן זענען געבוירענע גוואַטעמאַלער.

און זי האָט באַלד צוגעגעבן, ווי מיט אַ באַזונדערן מיין:

— אמתע גוואַטעמאַלער.

אינדעם איז דער טראַמוויי צוגעקומען נאָענט שוין צום פּאַרק טשאַפּולטעפּעק. האָט שייע איר דערמאָנט:

— אָט שוין דאַ דאַרפט איר אַראָפּגיין, פריילין, קומט איר אָן פּונקט צום טויער פונם פּאַרק.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון. אַ ליכטיקער געדאַנק איז אים מיט־אַמאָל איינגעפאַלן און ער האָט באַלד צוגעגעבן:

— אויב איר וועט מיר דערלויבן, פריילין, וועל איך אייך באַ־גלייטן אויף אייער שפּאַציר אין פּאַרק.

— אַך, מיט פאַרגעניגן, אויב איך וועל אייך נישט שטערן. עס וועט פאַר מיר זיין באמת אַ פרייד צו קענען שפּאַצירן אין פּאַרק מיט נאָך איינעם, וועלכער זאָל זיין וויליק מיר צו ווייזן שיינע פּלעצער פון דאָרטן. איך בין דאָך דאָ אַ פרעמדע. איך ווייס אפילו נישט ווו מ'גייט.

— דער פאַרגעניגן וועט זיין מיינער, פריילין.

און ביידע זענען אַריין צוזאַמען, אין יענעם פרימאָרגן, אין פּאַרק טשאַפּולטעפּעק.

II.

פאַרשיכורנדיקע פרישקייט, ווייכע רואיקייט און בלענדנדיקער גרין האָבן פאַרהילט דעם פרימאָרגן אין לעגענדאַרישער, פאַרטרוימ־טער, מיסטישער הייליקייט. און אינמיטן דער דאָזיקער הייליקייט האָבן זיי ביידע, פריילין גיערמינאַ לאָפּעז און שייע סאָקאָלסקי, לאַנג־זאַם שפּאַצירט.

— סאָקאָלסקי איז אַ רוסישער נאָמען, אמת? זענט איר אַ רו־סישער?

— יאָ, איך בין אַ רוסישער. אָבער פון וואַנען ווייסט איר, אַז סאָקאָלסקי אַזוי אַ רוסישער נאָמען?

— ווייל איך לייען רוסיש. איך האָב געהאַט אַ לערער, אַ רוס, וועלכער האָט מיט מיר געלערנט רוסיש און פראַנצויזיש.

ביידע האָבן זיך פון דאָסניי אָנגעקוקט. אין דעם נייעם אָנקוקן זיך איז געלעגן דערנענטערונג. דאָס געמיינזאַמע רוסיש האָט ווי אי־בערגעריסן די פרעמדקייט־מחיצה וואָס איז געשטאַנען צווישן די צוויי מענטשן פון באַזונדערע צוויי עקן וועלט.

— און וואָס האָט איר געלייענט פון רוסיש?

— איך בין כמעט באַקאַנט אין דער קלאַסישער, רוסישער לי־טעראַטור. איך האָב געלייענט טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, טאָל־סטאָי, טשעכאָוו, גאָנטשאַראָוו, פּיסעמסקי, דאַניליעווסקי, פּושקין, גאָגאָל, לערמאָנטאָוו, נאַדסאָן, נעקראַסאָוו, אַנדרעעוו און אַנדערע. און זאָגן אייך דעם אמת, דעם שטאַרקסטן איינדרוק מאַכט אויף מיר דאָסטאָיעווסקי. איך טראַכט נאָך וואָכן לאַנג נאָך דאָסטאָיעווסקיס אַ בוך. וואָכן לאַנג לעב איך מיט מיט זיינע העלדן און סיטואַציעס, וועלכע ער שילדערט אַזוי טיף פּסיכאָלאָגיש און אַזוי מייסטערהאַפט קינסטלעריש. דאָסטאָיעווסקי האָלט מיך געשמידט.

די גאַנצע צייט וואָס גיערמינאַ לאָפּעז האָט גערעדט, האָט זי קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון סאָקאָלסקין. זי האָט שאַרף און דורכדרינגלעך באַטראַכט אָט דעם יונגנמאַן, וואָס שפּאַצירט ביי איר זייט און הערט זי אויס מיט אַזויפיל איבעראַשנדיקן נייגיר. זי האָט פאַר זיך געזען אַ מיטלוווקסיקן, בלאָנדן יונגנמאַן ווי פון אַ יאָר דריי־סיק, מיט אַ פּאָר ליכטיקע, לעבהאַפטע, בלויע אויגן, וועלכע האָבן, דורך זיינע ברילן אַדורך, געשטראַלט מיט אינטעליגענץ און קלוג־שאַפט. און זיין מאָגער און שפּיציק פּנים האָט געהיינט מיט צוציענ־דיקייט. סאָקאָלסקי איז גיערמינאַן זייער געפעלן געוואָרן.

— און מיט דער נייער רוסישער ליטעראַטור זענט איר באַ־קאַנט?

— ליידער, נישט. איך האָב נאָר געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען בלויז די ביכער, וועלכע מיין לערער האָט. פון די מאָדערנע־רע רוסישע שרייבער האָלט נישט מיין לערער.

גיערמינא האט זיך אפגעשטעלט אין גיין און אין רעדן. זי האט זיך פארטראכט. האט זיך מיישב געווען מיט זיך אליין, צי זאל זי יא פרעגן, אדער נישט. זי האט ווידער גענומען גיין און ענדלעך האט זי געפרעגט:

— זאגט מיר דעם אמת, הער סאקאלסקי, זענען טאקע די באלשעוויקעס אזוי שרעקלעך, אזוי בארבאריש, ווי מיין לערער שילדערט זיי?

— איך וועל אייך גערן ענטפערן אויף אייער פראגע, פריילין לאפעז, אבער פריער וואלט איך וועלן וויסן, אויב אייך איז באקאנט, די ביאגראפיע פון אייער לערער.

— יא, איך קען זייער גוט זיין ביאגראפיע און זיין גאנץ דורכלעבן ביז ער איז געקומען צו אונז אין גואטעמאלא. ער איז שוין אן עלטערער מענטש, מיין לערער. ער איז א געלערנטער מאן, א קלוגער און זייער א סימפאטישער מענטש. ער הייסט װלאדימיר וואראנאוו. ביים צאר איז ער געווען זייער רייך. זיין פאטער איז געווען א גרויסער גוט־באזיצער ארום ניזשני־נאווגאראד. ער, וולאדימיר, מיט זיינעם א ברודער, פיאטר, האבן געדינט אין דער צארישער ארמיי. פיאטר איז געווען א טענענטע־קאראנעל און וולאדימיר — א קאראנעל. די באלשעוויקעס האבן אויסגעהארגעט די גאנצע פאמיליע וואראנאוו און זייער פארמעגן צוגענומען. דיביידע ברידער, וולאדימיר און פיאטר, האבן זיך אנגעשלאסן אן גענעראל קאלטשאקס ארמיי, וועלכע איז ארוים קעמפן קעגן די באלשעוויקעס. פיאטר איז געפאלן טויט און אין דער זעלביקער שלאכט איז וולאדימיר גערא־נירט געווארן אויף א פוס, פון וועלכן ער איז געבליבן אויף שטענדיק א הינקענדיקער. שפעטער איז וולאדימירן געלונגען צו אנטלויפן קיין יאפאן און דארטן איז ער אנגעקומען ארבעטן אלס מאטראז אויף א שיף. ביז עס איז אים נמאס געווארן דאס וואנדערנדיקע הפקר־לעבן אויף די יאמען, איז ער אוועק קיין צענטראל־אמעריקע. א לאנגע צייט האט ער ארומגעוואנדערט איבער די צענטראל־אמעריקאנער לענדער און געארבעט ביי אלע שווערסטע ארבעטן, ביז ער האט זיך דערשלאגן צו אונז, אין גואטעמאלא. דא האט ער זיך באקענט מיט מיין פאטער. ביידע האבן זיך באלד זייער שטארק באפריינדעט

און ממש איינער דעם אנדערן ליב געקריגן. מיין פאטער האט אים אריינגענומען צו זיך אלס ארויסהעלפער אין זיינע געשעפטן און פאר מיר איז ער געווארן מיין ליבער לערער. אט דאס איז, בקיצור, מער־וויייניק, פון אלץ וואס איך ווייס וועגן דער פארגאנגענהייט פון מיין לערער.

לאנג זענען ביידע, גיערמינא און סאקאלסקי, געגאנגען שווייגנדיק. ער האט געהאלטן אראפגעלאזט דעם קאפ, איז געווען פארטראכט און פארטיפט אין זיך. זי האט אויף אים געקוקט, נאכפאלגענדיק אלע מינעס און באוועגונגען פון זיינע געזיכטס צוגן, וועלכע האבן געהאלטן אין איין בייטן זיך און זי האט גערולדיק געווארט אויף זיין ענטפער.

זי האט ענדלעך איבערגעריסן דאס שווייגן און זיך אנגערופן:

— ווילט איר, הער סאקאלסקי, מיר ענטפערן אויף דעם וואס איך האב אייך געפרעגט?

ער האט אויפגעהויבן דעם קאפ און שארף זי אנגעקוקט.

—דער ענטפער איז זייער א פשוטער, אבער אייך וועט אנקומען אביסל שווערלעך דאס צו פארשטיין.

— פארוואס מיינט איר אזוי, הער סאקאלסקי, — האט זי, ווי באליידיקט, מיט פארוואורף אים באמערקט — אז איך וועל נישט פעאיק זיין אייך צו פארשטיין?

— אנטשולדיקט מיר, פריילין לאפעז, איך זאג עס נישט אין באצוג צו אייער פעאיקייט, נאר אין באצוג צו אייער דערציאונג. אייער לערער איז א געוועזענער צארישער קאראנעל, א קינד פון גרויס־בורזשואזנע עלטערן, ער און זיין פאמיליע האבן דירעקט שטארק געליטן פון דער רוסישער רעוואלוציע. אין זיין בלוט ליגט זיכער א פארביטערטע שנאה צו יעדער סאציאליסטישער ארדענונג, וועלכע זי זאל נישט זיין, ווייל אזא ארדענונג מוז געבויט זיין אויף אפשאפונג פון פריוואט־קאפיטאל, וואס ביי אייער לערער און זיין גלייכן איז עס א הייליקער לעבנס פונדאמענט. איצט קאן איך זיך שוין שאפן א מיינונג וועגן אייער שטעלונג צו דער רוסישער רעוואלוציע, ווייל אונטערן איינפלוס פון אייער לערער און זיינע מיינונגען האט איר זיך דערצויגן.

סאָקאָלסקי איז אויך אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן און דערנאָך ווייטער גערעדט:

— פונדעסטוועגן, וועל איך זיך באַמיען אויפצוקלערן אייך דעם גאַנג און דעם אופן פון דער היינטיקער סאָציאַליסטישער רוסלאַנד אַזוי, אַז אויך איר, אַ קינד פון בורזשואַז־רעאַקציאָנערער דערציאונג, זאָל דאָס אויך קאָנען באַנעמען.

אַן איראָנישער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף גיערמינאַס ליפּן. סאָקאָלסקי האָט עס נישט באַמערקט און ער האָט ווייטער גערעדט:

— דאָס היינטיקע רוסלאַנד איז געבויט אויף צוויי פונדאַמענטאַלע הויפּט־הנחות: איינס — אַז עס קאָן נישט עקזיסטירן קיין אָרנטלעכע, יושרדיקע און אַנשטענדיקע וועלט, ווי לאַנג עס וועט עקזיסטירן פּריוואַט־קאַפּיטאַל, ווייל דער גאַנצער אופן פון פּריוואַט־אייגנטום שאַפט די אומגלייכהייט צווישן מענטשן, עס מאַכט מעגלעך, אַז איין מענטש זאָל זיך אַרויסהייבן און זיך העכערן אויפן חשבון פון הונדערטער אַנדערע, וועלכע ווערן עקספּלאָאַטירט און באַרויבט פון זייער געזעצלעכן חלק אין דעם פאַרמעגן פון דער נאַטור. די נאַטור ווייסט נישט פון קיין אונטערשייד צווישן מענטש און מענטש. די זון שיינט פאַר אַלעמען גלייך. די מאַמע ערד גיט אַרויס פון איר אינגעווייד געווקס פאַרזאָרגונג פאַר אַלעמען גלייך. אַלע מענטשן ווערן אויפן זעלביקן אופן געבוירן און אַלע גלייך, אויפן זעלביקן אופן, שטאַרבן אָפּ און ווערן פאַרשווינדן. פון נאַטור אויס איז קיין אונטערשייד נישטאָ פון מענטש און מענטש. בלויז נאָר דורך קאָמבינאַציעס און רויבערישע פאַרטלען פון אַ טייל מענטשן, וואָס טויגן זיך אויס צו דעם, ווערט די פאַרטיילונג פון די לעבנס באַדערפענישן נישט גלייך איינגעטיילט און דאָס איז זינד און פאַרברעך. און נאָך — די דאָזיקע נישט גלייכהייט וועקט באַרעכטיקטע שנאה, האָס און צאָרן פון מענטש צו מענטש. דערנאָך גייט איבער דאָס דאָזיקע שלעכטס, וואָס קומט דורך נישט גלייכער פאַרטיילונג, אין שנאה פון גרעסערן מאַסשטאַב פון פאָלק צו פאָלק. דאָס פירט צו מלחמות, וועלכע פאַרניכטן מיליאָנען יונגע לעבנס אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועןן... און די צווייטע הנחה איז:

גיערמינא האט א קוק געגעבן אויף איר האנט־זייגערל און זיך אנגערופן:

— איר וועט מיר אנטשולדיקן, הער סאקאלסקי, וואס איך מוז איבעררייסן איצט דעם דאזיקן זייער אינטערעסאנטן און באלערנדיקן שמועס. איך מוז שוין איצט צוריק פארן. איך האב אפגערעדט מיט עמיצן זיך צו טרעפן. איך האב געהאט א באמת הארציקן פארגעניגן מיט אייך צו שפאצירן און רעדן. איך וואלט זייער געוואלט מיט אייך זיך נאכאמאל טרעפן, אויב אייך וועט עס זיין אנגענעם.

— נאך א גרעסערער פארגעניגן איז דער היינטיקער שפאציר מיט אייך געווען פאר מיר. אפשר זעען מיר זיך ווידער היינט אין אוונט?

גיערמינא האט זיך פארטראכט א ווייל און געענטפערט:

— היינט אין אוונט וועל איך נישט קאנען. מארגן אינדערפרי, אויב איר ווילט מיר פארשאפן דאס צופרידנקייט, לאמיר זיך טרעפן אין דער זעלביקער שעהביים טויער פון פארק.

III.

גערוקט האט זיך דער אפריל־חודש אין די הויכע טעג אריין און די גואטעמאלערין, גיערמינא לאפעז, איז וואס א טאג אלץ מער צוגעבונדן געווארן צום יידישן בחור, שייע סאקאלסקי. זייערע שמועסן איבער ליטעראטור, פאליטישע ריכטונגען, אידעען און אידעאלאגיעס זענען וואס ווייטער געווארן אלץ מער אפגעהאקטער, אפגעשוויגענער און צעפלאסענער. שטום־לשון און אויג־שפראך האבן אנגעהויבן צו דערגאנצן דאס נישט־דערזאגטע און נישט־דערערדטע. סאקאלסקי — א צעשרויפטער און צעגליטער, גריעמינא — א גליקלעכע און צעשטראלטע האבן געמיינזאם פארשטאנען און געפילט באנאנדער, אז אזוי איז בעסער...

איינמאל אין א פרימארגן, אין א שטילער טונקעלער אלייע פון פארק טשאפולטעפעק, אונטער א געצוויטשעריי פון פייגל און באגרינטער סאמעטענער צארטקייט, האבן צוויי פאר ליפן, אין פלאמיקער געפרעסטקייט, פארזיגלט דעם סוף פון אן אנגעצויגענער נישט נאטירלעכער פרעמדקייט און אנגעצייכנט אן אנהויב פון א פרייער, נאטירלעכער, אינטימער נאענטקייט.

זענען טעג געלאָפן, נעכט געפלויגן און ביידע, סאָקאָלסקי און גיערמינאַ, זענען אַזוי פאַרטיפט געווען אין זייער געמיינזאַמען „זיך", וועלכער האָט זיך געטובלט אין גליק, פרייד, און ליבע, אַז זיי האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו באַמערקן ווי שנעל דער מאַי האָט זיך פאַרײנגערוקט אין מיט. איז ער פּלוצלונג געקומען, דער מאַי, און באַלד אַריין ווי אַ דריטער שותף, אַ גלייכער. איז עס פון זיך אַליין רייף געוואָרן — די דריילינג־באַהעפטונג, גיערמינאַ, שייע און מאַי. און ציימיק איז געוואָרן דאָס געפלעכט וואָס ליבע האָט געפלאָכטן...

אין די ערשטע טעג פון מאַי האָט דער דריילינג זיך אַרויסגע־לאָזט אויף „גאַנצקייט" אין אַ ווייט שטעטל, אַזש אין סאַן כואַן דעל ריאָ.

אַז יעדעס גליד און יעדער אָדער איז איבערגעפּולט געוואָרן מיט גליקלעכער פרייד, האָט עס פון סאָקאָלסקין אַרויסגעזונגען:

אַפּריל־מאַי —
שוועסטער צוויי,
לוסטיק פריי,
ביידע זיי.
גלי אין ברוסט —
נאַשערײַ,
פלאַם און לוסט
קומט אין מאַי.

— וואָס זינגסטו, טשאַלאָ?

— לערן זיך אויס, מינאַ, זינג מיט, אַ שיין לידל, וואָס כ'האָב אַליין פאַרפאַסט:

אַפּריל־מאַי —
שוועסטער צוויי,
לוסטיק פריי,
ביידע זיי.
גלי אין ברוסט —
נאַשערײַ,
פלאַם און לוסט,
קומט אין מאַי.

נאָכדעם ווי סאַקאַלסקי האָט איבערגעטייטשט אין שפּאַניש דעם באַדייט פון די ווערטער, האָט גיערמינאַ פריער הילכיק־שטיפעריש זיך צעלאַכט, דערנאָך האָט זי מיט ווילדער צעלאָזנקייט געכאַפּט אויסקושן אים, ווו נאָר ס׳האָט זיך געלאָזט און דערביי היסטע־ריש זיך צעשריגן:

— מיין הארציק־זיסער און ליבער פּאָעט!

ערשט דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן נאָכזינגען די יידישע ווער־טער, וועלכע זענען ביי איר אַרויסגעקומען מיט אַ גוישק־שפּאַנישן אַקצענט:

אבריל־מאיא
טשוועסטער סוועי,
לוסטיק פּראַי
ווערדע סעי.

גלי אין וורוסט —
נאַטשעראַי,
פלאַם און לוסט
קומט ען מאַיא.

און מיטאַמאָל:

— פּאַרוואָס וויינסטו, מינאַ?

שטאַרק העשענדיק האָט זי קוים געקאָנט אַרויסרעדן:

— ניין, איך וויין נישט, מיין טייערער טשאַלאָ; דאָס האַרץ איז איבערפולט, גייט עס איבער, אַזוי פיל גליק אויף איין מאָל און דאָס האַרץ איז אַזוי קליין.

— נישט אמת, מינאַ. דיין האַרץ איז גרויס און ברייט ווי דער יאַם.

— און דאָך גייט עס איבער.

— יאָ, דו וויינסט, מינאַ, דו וויינסט. זאָג מיר פאַרוואָס?

— ניין, טשלאָאָ, איך וויין נישט, ס׳איז איבערגעלאָדענע פרייד. האָט טאָפּלטע נאַקעטקייט זיך נאָכמער געטוליעט אין ענגער

געפּרעסטער באַהעפטונג, האָט דאַווקע געוואָלט איינס ווערן און אַזוי שוין בלייבן. אוןביידע פּאָר ליפּן, איינגעזויגן אינזיך ביז בלוט, האָבן נישט געוואָלט קיינמאָל מער צעשיידט ווערן...

נישט אָנגעשטאַנען איז דעם מאַי צו בלייבן מער אַ שותף צו שטיפעריי, האָט ער אָנגעהויבן, ביסלעכווייז, מיט לאַנזאַמע טריט, אַרויסצורוקן זיך פונעם דריילינג.

האָבן זיי, מינאַ און טשאַלאַ, דאָס דערפילט. און ווי קליינע, שוצלאָזע קינדער ביים בעט פון אַ גוססדיקן טאַטן אַזוי האָבן זיי מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן צו פילן און עס האָט זיי גענומען ציען צוריק קיין מעקסיקע.

דעם איינאונדרייסיקסטן מאַי אינדערפרי זענען זיי, מינאַ און טשאַלאַ, ווידער אָנגעקומען אין דער שיינער שטאָט פון פּאַלאַצן.

אין די לעצטע גסיסה־שעהן פון מאַי האָט בענקשאַפט זיך גענומען וועקן, האָט אומרו זיך געצונדן, האָט ליבע זיך צעפלאַמט און פאַרלאַנגען האָבן געפּייניקט, איז שייע סאַקאַלסקי אַוועק צו גיערמינאַן אין האָטעל.

— וו־אַ־אַ־ס ? ! — האָט סאַקאַלסקי געפרעגט אַ פּאַרצימערטער, אַן אויפגערעגטער און דערשראָקענער — וו־אַ־אַ־ס ? ! ווען איז דאָס געשען?! ווי אַזוי איז עס מעגלעך?! ווי איז עס מעגלעך!

— ערשט מיט אַ צוויי שעה צוריק, — האָט די באַלעבאָסטע פון האָטעל געענטפערט רואיק און געלאַסן, — פריילין גיערמינאַ לאָפּעז האָט פּאַרפּאַקט אירע זאַכן, האָט זיך אָפּגערעכנט מיט מיר, זיך געזעגנט און איז אַוועק צום באַן אויף צו פאָרן אַהיים, אין איר לאַנד.

— האָט זי גאָרנישט געזאָגט? — האָט סאַקאַלסקי געפרעגט אין אַ דערשלאָגענעם טאָן — האָט זי פאַר מיר גאָרנישט געלאָזט?

— ניין, זי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט פאַר אייך געלאָזט.

די באַלעבאָסטע פון האָטעל האָט געהאַלטן וואָרט, ווי זי האָט גיערמינאַן צוגעזאָגט, אַז זי וועט גאָרנישט דערציילן טשאַלאָן, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים געזעגענען.

און פאָרגעקומען איז ווירקלעך אַזוי:

די באַלעבאָסטע האָט באַמערקט, אַז גיערמינאַ איז פאַרוויינט, האָט זי מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט:

— וואָס איז אייך, פריילין גיערמינאַ?

ערשט איצט האָט גיערמינאַ היסטעריש זיך צעבליפעט:

— מאַדאַם גאָנזאַלעז, איך לאָז דאָ איבער אין מעקסיקע מיין האַרץ און מיין נשמה.

— וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן — האָט די באַלעבאָסטע, מיט־לײַדנדיק, געוואָלט איינגעמען גיערמינאַן — אַז איר אַליין זאָלט אויך בלייבן דאָרטן, ווו אייער נשמה מיטן האַרץ זענען.

— ליבע מאַדאַם גאָנזאַלעז, אַזוי האָב איך טאַקע באַדאַרפט טון, אָבער איך קאָן נישט, איך קאָן נישט. איך האָב אַ שוואַכן כאַ־ראַקטער. איך קאָן נישט גובר זיין אין זיך מיין צוגעבונדנקייט צו כּיינע פליכטן. איך בין נישט קיין מיידל, ווי איך האָב אייך די גאַנצע צייט געגאַרט און טשאַלאָן אויך. איך האָב אַ מאַן, כ'האָב קינדער, אַ היים. איך קאָן נישט דאָס אַלץ צעברעכן. איך קאָן נישט. איך בין אַ שוואַכלינג, איך קאָן נישט!

שוין ביים אוועקגיין האָט גיערמינאַ געבעטן:

— איך בעט אייך, טייערע מאַדאַם גאָנזאַלעז, ווי גאָט איז אייך ליב, אַז טשאַלאָ וועט קומען, זיך פרעגן, זאָלט איר אים גאָרנישט זאָגן, גאָרנישט זאָגן. אַזוי וועט ער אפשר גיכער אָן מיר פאַרגעסן, אָרימער טשאַלאָ!

— איך גיב אייך מיין ערן־וואָרט, איר מעגט פולשטענדיק זי־כער זיין, אַז קיין וואָרט וועט ער פון מיר נישט הערן וועגן אייך.

און די מאַדאַם גאָנזאַלעז האָט איר וואָרט געהאַלטן.

אז סאַקאַלסקי איז אַוועק פון האָטעל, האָט די באַלעבאָסטע אַ שווערן זיפץ געטון און צו זיך אַליין געזאָגט:

— יאָ, אַזוי זענען פאַרפלאָנטערט די וועגן פון לעבן!

פון דעמאָלט זענען שוין יאָרן פאַרביי און שייע סאַקאַלסקי, מיט אַ צעוווּנדעטער בענקשאַפט אין האַרצן, זינגט נאָך אַלץ זיין מעלאַנכאָליש־טרויעריק לידל:

אַפּריל־מאַי —
שוועסטער צוויי,
לוסטיק פריי,
געווען זיי.

אַלץ פאַרביי,
אוים מיט זיי;
אַפּריל־מאַי —
לייד און וויי.

פינף דורות

די „קארליק־דינאסטיע" ציט זיך שוין עטלעכע דורות. אנגעהויבן האט זי זיך נאך אין יענע צייטן, ווען יידן האבן פון קיין פאמיליע־נעמען נאכנישט געוווסט און כדי אונטערצושיידן איין מענטש פון צווייטן, מיטן זעלביקן נאמען, האט מען יעדן איינעם געמוזט רופן מיטן טאטנס נאמען, ווי למשל, „שלמה ר׳ חיימס" צי מיט דער מאמעס נאמען, ווי למשל, „בערל חאנטשעס", אדער גאר מיטן אן אייגענעם צונאמען, מיט וועלכן מ'האט איינעם באקליידט, צוליב א געוויסער געשעעניש, אייגנשאפט, אדער צוליב יענעמס א פיזישן פעלער. אזוי זענען אנטשטאנען די נעמען: סענדערל הויקער, לייבל נשרף, מענדל אלמן, יונה קלאץ, דוד קרומער, פנחס לאנגער, יצחק למדן, שייע פימפערנאטער און נאך אזעלכע. די דאזיקע צונעמען פלעגן שוין אזוי פארבלייבן אין דער פאמיליע, אויף דור דורות. אויפן זעלביקן אופן האט זיך אויך אנגעהויבן די „דינאסטיע קארליק".

אין א יידיש שטעטל פון קיעווער גובערניע, אין דער אוקראינע, איז א צעניאריק יינגל — משה האט ער געהייסן — געבליבן א

קיילעכדיקער יתום. אויס רחמנות האָט אַ דרדקי־מלמד אַריינגענו־מען דעם אָרימען יתום צו זיך פאַר אַ באַהעלפער. די אויפגאַבע פון אַזאַ באַהעלפער פלעגט זיין — צו ברענגען צוויי מאָל אַ טאָג די קינדער אין חדר אַריין און צוויי מאָל זיי אָפּפירן צוריק אַהיים. אין חדר גופא האָט דער באַהעלפער באַדאַרפט איבערחזרן מיט די קינ־דער דאָס, וואָס זיי האָבן שוין איינמאָל געלערנט מיטן רבין. אַ חוץ דעם אַלעמען איז נאָך דער באַהעלפער אויך געשטאַנען אין רשות פון דער רביצין. זי האָט געהאַט רעכט צו באַדינען זיך מיט אים פאַר אַלע אירע שווערסטע שטוב־אַרבעטן און אויך פאַר אַרויסהעלפן איר אין די פרנסות אירע, וואָס זי האָט באַזונדער געהאַט, אַ צולאָג צו איר מאַנס קנעלונג, ווי למשל, פליקן פעדערן פאַר רייכע ערב־חתונה־כלות, קוועטשן ראַזשינקעס אויף קידוש־וויין, פלעכטן וואַקסענע הבדלות, גיסן בלייענע דריידלעך אויף חנוכה, מאַכן הילצערנע המן־קלאַפּערס אויף פורים, שניצן שווערדן און מאַכן פיילאונבויגנס אויף ל"ג בעומר און נאָך אַזעלכע.

דאָס איז אַלץ געווען אין די וואָכעדיקע ששת ימי המעשה. זע־נען אָבער געקומען די שבתים און יום־טוב־טעג, איז דעמאָלט דער באַהעלפער אַרויס פון דער רביצינס רשות און געמוזט זיך שטעלן אין רשות פון זיינע באַלעבאַטים און באַלעבאַסטעס. אין די דאָזי־קע טעג איז דער באַהעלפער אינגאַנצן געווען אַ זייעריקער, פאַר אַלע זייערע שטוב־אַרבעטן, וואָס זענען, פאַרשטענדלעך, דערלויבט געווען אין די דאָזיקע שבת־יומטוב־טעג און אויך פאַר אַלערליי שליחותן.

דערנערן פלעגט זיך אַזאַ באַהעלפער פון „טעג": ביי יעדער באַ־לעבאַסטע האָט ער געגעסן איין טאָג אין דער וואָך. באַזונדער נאָך האָט דער באַהעלפער געהאַט פון דעם, וואָס ער פלעגט אָראָפּגנבע־נען פון די עסנס, וואָס מ'האָט מיטגעגעבן די קינדער אין חדר אַריין און פון אַלץ צוזאַמען פלעגט גאַנץ אָפט דער באַהעלפער אַרומגיין אַ הונגעריקער.

און באַקליידן פלעגט מען אַזאַ באַהעלפער מיט אַלטע, פאַרלאַ־טעטע (אָדער גאָר צעריסענע) בגדימלעך, וואָס זענען געבליבן פון אויסגעוואַקסענע קינדער.

פלעגט אַפּט דער באַהעלפער אויסזען, אין די דאָזיקע משונה־דיקע, צעריסן־פאַרלאַטעטע, אויסגעוואַקסענע, פאַרשידנפאַרביקע בגדים — ווי אַ פּאַיאַצל, אין אַ ביליקן צירק אָדער ווי אַ פּורים־שפּילער. און מ׳האָט, נאָך די קליידונג נאָך, פון ווי ווייט אים געקאָנט דערקענען.

אונזער קליינער יתום־באַהעלפער, משה, האָט פון קינדהייט אָן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאָר אַ פאַרשטענדיקער און זייער אַ פּעאַיקער חברה־מאַן, מיט וועמען מ׳קאָן דערליידיקן אַן ענין.

דער ערשטער, וואָס האָט אַנטדעקט משהס פעאיקייטן איז געווען — לייבקע קאַניוך. דער דאָזיקער לייבקע, אַ רייכער פערד־סוחר, אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, אַ הויכער — אַ ריז, מיט אַ געזונט־גוי־אישק פּנים און רויטן קאַרק, איז געווען אַן אַלמן מיט איין קינד. האָט זיך דער דאָזיקער לייבקע פאַרליבט אין אַ מיידל פון זייער אַ פיינער און מיוחסדיקער — אָבער אָרימער — פאַמיליע. אסתרקע האָט זי געהייסן דאָס מיידל און שיין איז זי געווען ווי אַ פּרינצעסין: אַ הויכע, מיט אַ צאַרט־בלייך געזיכט, מיט בלויע פאַרחלומטע אויגן און מיט צוויי לאַנגע העל־בלאָנדע, זיידענע צעפּ. און אַ גענגעלע האָט זי געהאַט אַזאַ, אַזאַ שטאָלץ־פאַמעלעכדיקס, אַזאַ בנעי־מותדיקס, ווי זי זאָל וועלן דערמיט שאַרף באַטאָנען איר דערהויבנקייט דורך דעם גרויסן פאַמיליע־יחוס פון איר שטאַם. אַז אסתרקע פלעגט פאַרבייגיין דער גאַס, האָבן הונדערטער אויגן זיך געצויגן צו איר און זי באַוואונדערט, ווי „אַן אמתער בת־מלכה פון די מעשה־ביכלעך”.

לייבקע דער פערד־הענדלער האָט געהאַט די ניכפּה פאַר אסתרקען, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז דער שטאָלצער יחוס פון אירע עלטערן וועט קיינמאָל דערצו נישט צולאָזן.

דאָס ערשטע געוואַגטע בריוועלע צו אסתרקען האָט לייבקע ועשיקט מיטן יתום, משה דעם באַהעלפער. דאָ האָט לייבקע אויסגעפונען, אַז דער קליינער יתום איז אַ פּעאיקער און פאַרשטענדיקער יאַט. משה האָט פון אסתרקען קיין ענטפער נישט געבראַכט, נישט קיין שריפטלעכן און נישט קיין מינדלעכן. ער האָט אָבער געשילדערט פאַר לייבקען, ווי אַזוי אסתרקע האָט אויסגעזען, ווען זי האָט

זיין ברייוועלע געלייענט: „די אויגן זענען איר גרעסער געוואָרן. אויף אירע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל און פון איר פּנים האָט אַראָפּגעשיינט גליקלעכקייט". און משה האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט איר געפרעגט, צי זי וויל ענטפערן, האָט זי געזאָגט איין וואָרט: „גאַרנישט". אָבער לויט דעם טאָן, ווי אַזוי דער „גאַרנישט" איז געזאָגט געוואָרן, האָט מען געקאָנט זען, אַז זי איז צופרידן געווען פונם ברייוועלע.

לייבקע האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס משה האָט אים דערציילט פון אסתרקען און ער, לייבקע דער פערד־הענדלער, האָט דערזען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ כוואַטסקן יאַט און כיטרן חברה־מאַן, אויף וועמען מ'קאָן זיך פאַרלאָזן.

מיט יעדן טאָג איז דער אָרימער יתום־באַהעלפער אַלץ מער גע־פעלן געוואָרן לייבקען, ביז ער האָט אים אײַנגאַנצן גענומען צו זיך און וואָס ווייטער האָט ער דעם קליינעם משהן אַלץ מער ליב געקריגן. און ווייל משה איז געווען אַ קורצינקער, אַ קליינגעוויקסיקער און דיקלעכער, האָט אים לייבקע פאַר ליבשאַפט גערופן „קאַרליק".

אַזוי איז אַנטשטאַנען דער ערשטער פון דער „דינאַסטיע קאַר־ליק", וועלכע האָט יאָרן לאַנג געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל, ניט נאָר אין יענעם יידישן שטעטל, נאָר אויך אין דער גאַנצער דאָרטיקער אומגעגנט.

אַ סאַך לעגענדעס זענען אַרומגעגאַנגען צווישן יידן, אין גאַנץ קיעווער גובערניע, וועגן משה קאַרליק און זיין רייכקייט. לעגענדעס, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין דער פאַנטאַזיע פון בית־המדרשדיקע הינטערנאַויוון־בטלנים. צווישן די אַלע מעשה'ס האָט מען אויך דער־ציילט, אַז איינמאָל איז אַלעקסאַנדער דער צווייטער פאַרבייגעפאָרן דאָס דאָזיקע יידישע שטעטל, האָט משה קאַרליק, שוין אַלס באַרימ־טער פערד־הענדלער, געשאָנקען דעם קייסער אַ וואונדערבאַר ווייס פערד. אַ פּרינצעסין, וואָס איז מיטגעפאָרן מיטן קייסער, אַז זי האָט דערזען משהן, האָט זי זיך גלייך אין אים פאַרליבט. פון דעמאָלט אָן איז משה קאַרליק געוואָרן אַ קרוב למלכות. ער האָט אָנגעהויבן צושטעלן פערד פאַרן גאַנצן רוסישן מיליטער און דערפון איז ער אַזוי שטאַרק רייך געוואָרן.

משה קאַרליק האָט געהאַט צוויי זין: מענדל און לייבל. מענדל, דער עלטערער, ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, איז ער פּלוצלונג נעלם געוואָרן פון פאָטערס הויז און קיינמאָל מער שוין נישט צוריקגעקומען. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער, מענדל, האָט זיך געשמדט, חתונה געהאַט מיט אַ גענעראַלס אַ טאָכטער און ער הייסט שוין נישט מער מענדל, נאָר מאַקסים. ער וווינט אין פּעטערסבורג און איז דאָרטן אַ גרויסער מיליטער־מאַן, כמעט אַ גענעראַל.

און לייבל, דער ייִנגערער זון משהס, איז געוואָרן דער צווייטער פון דער „דינאַסטיע קאַרליק".

עס איז געווען חנוכה, פאַרנאַכט צו, די זון האָט זיך שוין געהאַלטן ביים זעצן. דער שטעכעדיקער, רוסישער פראָסט, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געברענט אין דרויסן, האָט איצט, מיטן אָנקום פון אָוונט, זיך נאָכמער צעסמאַליעט און ער האָט געקנאַקט אין דער טרוקענער לופט. אויף דער זייטיקער, שטילער, און ברייטער פּרישישער גאַס, וווּ ס'האָט געוווינט דער גביר לייבל קאַרליק, האָט מען שוין קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען. פון צייט צו צייט נאָר האָבן זיך צעקלונגען שליטלעך, וואָס זענען דורך דער ברייטער גאַס דורכגעפאָרן.

אין דעם געמיטלעך־וואַרימען קאַנטאָר־צימער זיינעם איז ביי אַ וואַרימען אויסגעהייצטן קאַפליע־אויוון געשטאַנען לייבל קאַרליק, אַ מענטש אין די פופציקער, אַ נידעריקער, אַ דיקער, מיט אַ היפּש־אַרויסגעשטאַרט בייכל, מיט אַ קיילעכדיק־אויסגעפּולט פּנים, וואָס איז אַרומגענומען געווען מיט אַ צוגעשוירן שוואַרץ־גרויליך בערדל. ער איז געשטאַנען ביים אויוון, פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און געקוקט אויף די פּעק פּאַפּירן און חשבונות, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אויפן שרייב־טיש. ער האָט אין גדאַנק נאָכגעטראַכט וועגן די אַלע פּאַפּירן, וואָס זענען צו אים צוגעשיקט געוואָרן פון זיינע מענטשן, וועלכע זענען פון זיין האַנט אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

אין צימער האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל און טונקעלער. פון

די אַנדערע דערבייאיקע צימערן האָט זיך אַריינגעריסן אַהער אַ קיצלדיקער ריח פון פריש־געפּרעגלטע גענזן־שמאַלץ. דאָס האָט די באַלעבאָסטע צוגעגרייט גריוון און לאַטקעס פאַר די געסט, וואָס האָבן באַדאַרפט קומען אויפן היינטיקן חנוכה־ און קערטל־אָוונט.

לייבל איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, אַזוי פאַרטון און אַריינגעלאָזט אין זיינע פערד־חשבונות און „אַנדערע געשעפטן", אַז ער האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געפילט, וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט אויך נישט געהערט ווי די דינסט איז אַריין אין צימער און צו אים גערעדט. נאָר ווען זי האָט אָנגעהויבן רעדן העכער, האָט לייבל אַ ציטער געטון, ווי מ'זאָל אים האָבן אויפגעוועקט פון שלאָף. די דינסט האָט געמאָלדן, אַז עס וואַרטן אויף אים, אין פאָדער־צימער, דער פּריסטאַוו מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן.

כאָטש לייבל איז געווינט געווען צו אַזעלכע וויזיטן, האָט אים דאָך עפּעס אַ טיאָכקע געטון אין האַרצן דער דאָזיקער היינטיקער אומגעריכטער וויזיט. ער האָט אינטואיטיוו געפילט, אַז קיין גוטס האָט צו אים, דער פּריסטאַוו מיט זיינע משרתים, דעם מאָל נישט געבראַכט.

לייבל האָט זיי געהייסן אַריינרופן. באַלד ביי זייער אַריינקומען, האָט לייבל באַמערקט אינם פּריסטאַווס פּנים און אין די פּנימער פון זיינע באַגלייטער, אַז עפּעס איז נישט פּריילעך. לייבל איז מיט־אַמאָל שטאַרק בלייך געוואָרן. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, געפּאַסט מוט און די געסט געבעטן זיצן. אַנשטאָט אָבער זיך צו זעצן, האָט דער פּריסטאַוו אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און מיט אַ שטרענגן מיליטעריש־באַפעלערישן טאָן גענומען לייענען, אַז לויט אַן אַל־העכסטן אָרדן פון זיין הויכווירדיקייט, קיעווער גובערנאַטאָר, ווערט לייבל מאָושאָוויטש קאַרליק אַרעסטירט, אויף אַ באַגרינדעטן חשד, אַז ער פאַרשפּרייט פאַלשע רוסישע אַסיגנאַציעס.

לייבל קאַרליק, אויסהערנדיק דעם דאָזיקן גובערנאַטאָרסקן אָרדן, האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ מאָמענט און ער האָט געבעטן ביים פּריסטאַוו, אַז ער זאָל אים דערלויבן אַריינצוגיין אין אַ צווייטן צימער זיך איבערצוטון.

באלד האָט פונם צווייטן צימער זיך דערהערט עטלעכע רע־וואָלווער־שאָסן און גלייך האָט מען געפונען דעם גרויסן גביר, דעם באַרימטן פערד־הענדלער און מיליטערישן פּאָדריאַדטשיק, לייבל קאַר־ליק, ליגן אויף דער ערד אַ גוסס, אין אַ קאַלוזשע בלוט...

דער דריטער פון דער „דינאַסטיע קאַרליק" איז געווען לייבלס עלטסטער זון שניאור.

נאָכן פאָטערס טראַגישן טויט האָט שניאור, וועלכער איז געווען לייבלס רעכטע האַנט אינם פערד־ האַנדל און אין די „אַנדערע געשעפטן", אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו ליקווידירן דעם פאָטערס מסחרים און שפּעטער האָט ער איבערגעצן פאַרלאָזט דער רעזידענץ פון דער „דינאַסטיע קאַרליק", דאָס קליינע יידישע שטעטל אין קיעווער גוּבערניע, און ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין אָדעס.

נישט ענלעך צו דער גאַנצער פאַמיליע קאַרליק, — אַלע ני־דעריקע און דיקע — איז געווען שניאור. אַ הויכער איז ער געווען, אַ שלאַנקער און מאָגערער. אָבער די שוואַרצע פייערדיקע אויגן זיי־נע, וועלכע האָבן געברענט מיט מוט, ענערגיע, איניציאַטיוו און אונטערנעמונגס־גייסט, האָבן אים, שניאורן, אָנגעשלאָסן און מייחס געווען צו די קאַרליקעס.

אין אָדעס, אין דער גרויסער, לעבעדיקער פּאָרט־שטאָט, האָט זיך שניאור דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער האָט דערשפּירט דעם באָדן, דאָס ברייטע פעלד, אויף וועלכן זיין ענערגיע קאָן געדייען ווערן.

ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ האַנדל פון רויע פעל. דערנאָך האָט ער פאַרלייגט אַ גאַרבעריי און אַ זייף־פאַבריק. און פונם זוניקן, לוס־טיקן, ברייט־האַרציקן אָדעס האָט שניאור לאַנגזאַם אָנגעהויבן אויס־שפּרייטן זיינע לאַנגע הענט איבער גאַנץ רוסלאַנד און טיילווייז אויך אַזש קיין אויסלאַנד.

שניאור איז געווען מיט לייב און לעבן אַריינגעלאָזט אין „אויס־שפּרייטונג", מיט די אויגן שטענדיק פאַרשפּיצט אין מרחקים. אין דער זעלביקער צייט האָט ער נישט געזען וואָס עס טוט זיך אונטער זיין אייגענער נאָז, ער האָט נישט באַמערקט, וואָס עס קומט פאָר

אין זיין אייגן הויז. ער האָט נישט דערבליקט, אַז אַלץ וואָס ער בויט מיט אַזוי פיל ענערגיע און אָנשטרענגונג, וועט מיט אַ לייכט געמיט דורך זיין אייגן הויז חרוב ווערן.

דריי זין האָט ער געהאַט, שניאור, איז יעדער איינער פון זיי געווען אַ וועלט פאַר זיך און גאָרנישט ענלעך איינער צום צווייטן.

דער עלטסטער זון, שמעון, אַ נידעריקער, אַ דיקער — אַן אמתער קאַרליק — איז געווען אַ האַלבער אידיאָט, אָן כאַראַקטער, אָן ווילן, אָן פאַרלאַנג און אָן דער מינדסטער נייגונג צו עפּעס. ער האָט גע־קאָנט אָפּזיצן גאַנצע טעג אויף איין פּלאַץ, אָן גאָרנישט צו טון. די איינציקע אַרבעט זיינע, אין וועלכער ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט, איז געווען — עסן, וואָס ער האָט געקאָנט טון פאַר אַנדערע דריי.

דער צווייטער זון, פּסח, אַ מיטלוווקסיקער, אַ בלאָנדער, איז געווען אַ געלאַסענער, אַ רואיקער, גאָרנישט ווי דער פאָטער, אָבער — מיט זעלטן גוטע פעאיקייטן און מיט אַ שטאַרקער נייגונג צום לערנען. אַלץ האָט ער געוואָלט וויסן, און אַלץ קענען. מיט זיין גאַנצן גוף און נשמה און מיט אַלע זיינע חושים איז ער טאָג און נאַכט געווען איינגעלאָזט אין לערנען און שטודירן. ער איז שטענדיק פאַרפלייצט געווען מיט שטויסן ביכער, וועלכע האָבן ווי פאַרשלונגען זיין מאָגערן, אויסגעצערטן קערפּער. שניאור האָט גע־האָפט, אַז פון זיין מיטלסטן זון זאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער און באַרימטער מענטש, אַ גרויסער דאָקטאָר־מעדיצין. אויף וואָס פּסח האָט שטודירט. אָבער אומזיסט איז געווען דעם טאַטנס האָפענונג. ווען פּסח איז געווען שוין אויפן לעצטן קורס פון מעדיצינישן פאַקולטעט האָט ער מיטאַמאָל אַוועקגעוואָרפן דאָס גאַנצע לערנען, שטודירן און ביי־בער־פרעסעריי און, מיט דער זעלביקער התמדה, ווי זיין געוווינ־ הייט איז געווען, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

פּסח (פּיאָטר) קאַרליק איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גרויסע מעאָרעטישע קראַפט ביי די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וו ער האָט פיגורירט אונטערן פּאַרטיי־נאָמען „אָרלאָוו״. אָבער פאַר שניאורן איז ער געווען נישט ווינציקער פאַרלוירן, ווי דער עלטסטער זון, דער אידיאָט.

דער דריטער זון, משה, איז געווען דער גאַנצער טאַטע, סיי לויט זיין אויסזען און סיי מיט זיין ברען און דינאַמישער ענערגיע. אויף אים האָט שניאור געלייגט זיינע לעצטע האָפענונגען, אַז ער וועט זיין דער אמתער יורש פון דער „דינאַסטיע קאַרליק".

ווען משה איז נאָך גאָר יונג געווען, האָט אים שוין דער פאָטער אריינגעצויגן אין זיינע געשעפטן און שניאור האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון משהס געניאַלע איינפאַלן און עצות.

וואָלט ער, משה, געהאָדעוועט געווען אין יענעם קליינעם יידישן שטעטל, דאָרטן, ווו דער פאָטער איז דערצויגן געוואָרן, קאָן זיין, אַז ער וואָלט אויך אַזוי געווען, ווי די אַלע אמתע קאַרליקעס. איז אָבער משה דערצויגן געוואָרן אין אָדעס, וועלכע האָט מיט איר זודיקן לעבנס שטראָם פעסט אריינגעכאַפּט משהן אין אירע אָרעמס, ווי אַן אייגן קינד. און משה האָט זיך אַזוי גוט געפילט, אַזוי גוט זיך אריינגעפּאַסט אין „אָדעסאַ־מאַמאַ", אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דער עיקר איז נישט דאָס מיטל צום לעבן, נאָר טאַקע דאָס לעבן אַליין. מיטלען צום לעבן קאָן מען שטענדיק קריגן. אָבער דאָס לעבן אַליין — דעם גענוס פון לעבן, אויב מ'כאַפּט נישט אריין, האָט מען נישט.

משה — שיין איז ער געווען, אַ הויכער ווי דער פאָטער, אַ טונקעלער מיט שוואַרצע, רייצנדיקע אויגן און מיט אַ פּעך־שוואַרצע, געקרייזלטע טשופּרינע, אינגאַנצן — ווי אַן עכט אָריענטאַלער טיפּ. איז געווען דער ליבלינג פון דער אָדעסער, גאָלדענער לעב־יוגנט. אַרום משהן האָבן זיך געוויקלט און גרופּירט גאַנצע בינטלעך לעב־יונגען, רייכע זינדלעך און נעבן זיי — אַ צוטשעפּעניש פון פּראָפעסיאָנעלע שאַרלאַטאַנעס, פאַר וועמען אַלץ איז געווען דערלויבט, פאַר וועמען קיין אָפּהאַלט האָט נישט עקזיסטירט צו יעדן ווילדן שאַרלאַטאַנישן פאַרלאַנג, וואָס די פאַנטאַזיע האָט נאָר געקאָנט צו־טראַכטן.

צי פון קרענקונג, וואָס די „דינאַסטיע קאַרליק" לאָזט נישט איבער קיין אמתן יורש, אָדער גאָר פון דעם וואָס ער האָט אין זיין לעבן פאַרווענדט צופיל ענערגיע, איז שניאור קאַרליק צו פּופּציק יאָר אומהיילבאַר פּאַראַליזירט געוואָרן אויפן גאַנצן קערפּער.

די ערשטע צייט האָט דעם פאָטערס קראַנק ווערן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף משהן. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן ווי אויסגעניכטערט פון שיכרות. ער האָט זיך ראַפּטום אָפּגעטרייסלט, מיט עקל, פון זיין אויסגעלאַסענעם, צעלאָזענעם לעבן, ער האָט פולשטענדיק זיך דערווייטערט פון זיינע געוועזענע חברים און מיט ענערגיע זיך גענומען צום פאָטערס געשעפטן. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אינגיכן איז עס אים נמאס געוואָרן. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט צופּאַסן צו אַ נאָרמאַל, אָרנטלעך, אַרבעטזאַם לעבן. ווידער האָט ער זיך אָפּגעזוכט חברים און ווידער האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ שאַרלאַטאַניש־אויסגעלאַסענעם הפקר־לעבן, נאָך מיט מער ברען ווי פריער, ווי ער זאָל וועלן פאַרכאַפּן דאָס שטיקל צייט, וואָס איז אים פאַרלוירן געגאַנגען „מיט גאָרנישט"... שניאורס יינגסטער זון משה, איז שוין געווען אַזוי טיף פאַרזונקען אין דער הולטייאישער, אויסגעלאַסענער הפקר־וועלט. אַז אים איז שוין גאָרנישט אָנגעגאַנגען, וואָס ער צעברעכט און מאַכט חרוב אַ בנין, אין וועלכן דער טאַטע האָט אַזוי פיל כוחות און יאָרן־לאַנגע ענערגיע אַריינגעלייגט, און דערמיט צעברעכט ער אויך זיין אייגענעם אָנהאַלט אין לעבן.

מיט יאָרן שפּעטער. אינמיטן זומער איז עס געווען. „אָדעסאַ־מאַמאַ" האָט זיך צעבליט און צעשפּילט. אַ נייע יוגנט־פרישקייט האָט זיך צעגאָסן איבער יעדן שטיינדעלע און זעמדעלע. ברויזנדיקע לעבנס כוואַליעס האָבן געפּליסט פון אָדעסער ברעג אין שוואַרצן יאָם אַריין און צוריק פון יאָם אויף דער יבשה. אַלץ וואָס לעבט האָט זיך געטובלט אין געניס. יעדער אָטעם האָט געברענט מיט לעבן און פאַרלאַנג. יעדער טראָט האָט אָפּגעהילכט מיט יובעל און פרייד. יעדעס אויג האָט געשטראַלט מיט „נאַ און גיב". אינמיטן דעם אַלעמען איז משה קאַרליק געזעסן ווי אַ גר אין אַ פרעמד לאַנד, ווי נישט אים מיינט מען, ווי נישט אים זאָל אָנגיין דער גאַנצער שטורעמדיקער און לעבנסלוסטיקער אַרום. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק, אין בולוואַר ביים ברעג יאָם, מיטן קאָפּ פאַרזונקען אין ביידע הענט. ער האָט זיך באַטראַכט וואָס פון אים איז געוואָרן:

— די מאַמע איז געשטאָרבן. דער טאַטע ליגט אַ פּאַראַליזיר־טער אין אַ שפּיטאָל. דער ברודער, דער אידיאָט, וואַלגערט זיך אויף הפקר אין גאַס. דאָס גאַנצע פאַרמעגן האָבן בעלי־חובות צוגענומען און ער אַליין איז פאַראָרעמט, אָן אַ קאָפּיקע ביי דער נשמה, אָן חברים און אָן פריינט.

משה קאַרליק זיצט פאַרזונקען אין חרטה־געדאַנקען, מיט פאַר־שפּעטיקטע תשובה־געפילן און מיט אַ באַדויערן אויף זיינע יונגע יאָרן, וואָס ער האָט אַזוי לייכטזיניק צעפּאַטערט און צעטרענצלט.

ווי ער זיצט אַזוי, פאַרזאָגט, פאַרטרויערט, פאַראומערט און דערשלאָגן, דערפילט ער ווי איבער אים וואַכן אַ פּאָר פרעמדע אויגן. זיי נעמען אים אַרום און שטעכן אים דורך. ער הויבט אויף דעם קאָפּ — נעבן אים שטייט אַ יונגע דאַמע, רייך געקליידט. זי איז שוין ווייט נישט אין דער ערשטער יוגנט, אָבער נאָך גענוג שיין און רייצנדיק. זי קוקט אויף אים אַזוי היימיש־פריינטלעך און שמייכ־לענדיק פרעגט זי אים עפּעס מיט די אויגן. משה האָט זי אָנגע־קוקט. ער זעט אין איר אַ באַקאַנטע, אָבער ער האָט זיך נישט גע־קאָנט דערמאָנען פון וואַנען זי איז אים באַקאַנט. די דאַמע האָט זיך נעבן אים אַוועקגעזעצט, אָנגענומען אים אַזוי היימישלעך ביי דער האַנט, אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און געפרעגט:

— קאַרליק, דו דערקענסט מיך נישט?

אָט דער דאָזיקער דרייסטער „דו" האָט משהן פּלוצלונג אויפ־געוועקט און ער האָט זיך דערמאָנט: זייער אַ נאָענטע באַקאַנטע... פון יענעם לעב־ און גענוס־פּעריאָד. און משה האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט פאַרשעמט מיט זיין געפאַלנקייט. אָבער איידער ער האָט באַוויזן איר עפּעס צו זאָגן, האָט זי פאַרכאַפּט:

— איך ווייס, קאַרליק, וואָס פון דיר איז געוואָרן. איך האָב זיך וועגן דיר די גאַנצע צייט פאַראינטערעסירט, ווייל איך האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט. אָבער נישט געזאָרגט. קום מיט מיר וועסטו ווידער צוריק זיך שטעלן אויף די פיס.

אויפן וועג, גייענדיק צוזאַמען געאָרעמט, האָט זי אים דער־ציילט, אַז זי האָט חתונה געהאַט. דער מאַן איז, נישט לאַנג צוריק, געשטאָרבן און איצט איז זי אַ רייכע אלמנה. זי פירט גרויסע גע־

שעפטן, האט אייגענע אכט הייזלעך אין פארשידענע געגנטן פון שטאט, האט אויך א ווייןַ־שענק אויף באלשאיא ארנוצקאיא, אבער עס איז צו שווער פאר איר אליין דאס אלץ צו קאנטראלירן. אויב ער וויל, קאן ער ווערן איר קאמפאַניר און צוזאמען וועט מען די גע־שעפטן נאכמער פארברייטערן...

משה האט דרייסטער אויפגעהויבן די אויגן, דורכדרינגענדיק האט ער אנגעקוקט זיין דאמע און זיינע אויגן האבן מיטאמאל ווי־דער באקומען זייער אלטן הולטיי־גלאנץ. און — אינמיטן גאס האבן זיי זיך צעקושט.

משה איז געווארן דער פערטער פון דער „דינאסטיע קארליק".

ער איז נאך קיין דרייסיק יאר נישט אלט געווען ווען ער איז צוגעטראטן אלס שותף צו די געשעפטן פון דער רייכער אלמנה, אנאסטאסיא באריסאוונא, און צו איר אליין — אלס מאן.

די גאנצע ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט, וואס איז אזוי אייגן געווען פאר דער „דינאסטיע קארליק", האט משה אריינגע־בראכט אין די דאזיקע נייע געשעפטן זיינע. ער האט זיך מער נישט געקאנט באנוגענען בלויז מיט די געשעפטן, וואס זענען גע־ווען אויפן פלאץ. פונקט ווי זיין טאטע, האט ער געזוכט אויסשפריי־טונג, מיט די אויגן געשפיצט אין מרחקים. אזוי האט ער אנגע־הויבן איינצוהאנדלען „סחורה" אויך פאר עקספארט. מיט דער צייט האט משה געגומען ארויסשיקן אגענטן, פאד־לייט, איבער רוסלאנד, פוילן, ליטע און רומעניע, אויפצוזוכן די געוווּנטשענע „סחורה" און דורך אדעס און קאנסטאנצא זענען זיי, די „סחורה", עקספארטירט געווארן קיין טערקיי, עגיפטן און קליין־אזיע.

משה אליין איז אויך אפט ארויסגעפארן איבער דער וועלט, צו קונדן, אויפצונעמען באשטעלונגען און אפצורעכענען זיך פאר צו־געשיקטע „סחורה"...

דאס ירושה־בלוט פון די קארליקעס האט געקראגן זיין תיקון.

דריי גרויסע געשעענישן זענען פארגעקומען, אין פארלויף פון געציילטע עטלעכע יאר און זיי האבן ווי שווערע קלעפ זיך אראפ־

געלאָזט אויף משה קאַרליקס קאָפּ, האָבן אונטערגעבראָכן אַלע זיינע געשעפטן און צום סוף אים געצוווּנגען אויסצוואַנדערן פון רוס־לאַנד.

אין יאָר 1914 האָט אויסגעבראָכן די גרויסע וועלט־מלחמה. אַלע וועגן אין דער וועלט אַריין זענען אָפּגעשניטן געוואָרן. אין רוסלאַנד גופא איז די פרייע באַוועגונג געצוימט געוואָרן און איז פאַרבונדן געווען מיט גרויסע, ריזיקאַלישע שוועריקייטן.

זיינע פליגלען, וועלכע האָבן נאַרוואָס ערשט רעכט זיך גענור־מען פונאַנדערשפּרייטן, האָט משה קאַרליק געמוזט, מיט אַ שווער געמיט און ביטער האַרץ, צוריק אַרונטערלאָזן. דאָס הייסע קאַרליק־בלוט און די זודיקע קאַרליק־ענערגיע זענען געצוווּנגען געווען זיך אָפּצוקילן. משה האָט צוריק געמוזט זיך באַנוגענען מיט די געשעפטן אויפן פּלאַץ און דאָס אויך — אין אַ סאַך אַ קלענערן מאַסשטאַב. דאָס איז פאַר אים געווען דער ערשטער שווערער קלאַפּ.

נאָכדעם, אין צוויי יאָר אַרום, האָט משה געקריגן דעם צווייטן קלאַפּ: אין יאָר 1916 איז אַנאַסטאַסיאַ באָריסאָוונאַ געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אים צוויי יתומים, איין יינגל פון פיר יאָר און אַ יינגער יינגל פון צוויי יאָר.

דעם ווייבס טויט איז פאַר משהן געווען אַן ערגערער קלאַפּ אײדער דער אויסבראָך פון דער מלחמה. זי איז געווען דער לעבעדי־קער אָטעם פון אַלע זיינע געשעפטן. זי איז געווען די הויפּט־ספּעַ־ציאַליסטין אין דער דאָזיקער בראַנזשע. איר וואָרט, אין דעם זין, איז פאַר אים געווען שטאַרק מאַסגעבנדיק. אַדאַנק אירע עצות און אָנווייזונגען האָט ער אָפט פאַרשפּאָרט אַ סאַך קאָפּ־ווייטיק, מיט וואָס אַזעלכע געשעפטן, ווי זיינע, זענען פאַרבונדן געווען.

נאָך אַנאַסטאַסיאַס טויט איז משה געבליבן דערשלאָגן, פאַר־טשמעליעט און פאַריתומט, ווי אַ קליין קינד אָן אַ מאַמען. זי האָט אים געפעלט מער, ווי זי האָט געפעלט אירע צוויי קליינע קינדער וואָס זי האָט איבערגעלאָזט.

דער דריטער קלאַפּ, און דער שטאַרקסטער, איז געווען פאַר משהן דער אויסבראָך פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין יאָר .1917

משה, מיט זיין געזונטן סוחרישן חוש, וואָס ער האָט איבער־געגומען בירושה פון די קאַרליקעס, האָט באַלד דערשפּירט אין די נייע ווינטן, אַז עס איז געקומען אַ סוף צו אַלע זיינע איינגעפּונ־דעוועטע געשעפטן. ער האָט אָנגעהויבן, מיט שנעלן אימפּעט, צו ליק־ווידירן איין געשעפט נאָכן צווייטן און זיין קאָפּ האָט שוין גע־נומען אַרבעטן אויף נייע פּלענער פון געשעפטן, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו דער נייער לאַגע. אגב — האָט ער זיך געטראַכט — שוין צייט צו ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך...

עס איז געווען אין אָנהויב פון 1919. משה קאַרליק האָט שוין דעמאָלט געפירט געשעפטן מיט לעדער. זיינער אַן אַגענט, נאָך פון „יענע גוטע יאָרן", איז, אַלס באַלשעוויק־רעוואָלוציאָנער, באַשטימט געוואָרן פון אָדעסער „רעווקאָם" אַלס פּראַטרווילעכער געשעפטס־פירער פון אַ נאַציאָנאַליזירטער לעדער־פאַבריק. אויף משהס עצות און אָנווייזונגען האָט יענער פּאַרטרויאונגס־מאַן געמאַכט „שותפות" מיט דער „וואָלאָסט". און דעם דאָזיקן „שותפותדיקן חלק" האָט משה שוין געזען צו באַשטאַטן...

עס איז געווען תחילת אָונט, ווען משה איז אַהיימגעקומען אַ מידער פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן אין גאַס. אין דרויסן איז געווען פראָסטיק און משה איז געווען אָנגעטון אין אַן אַלטן מיליטערישן שינעל (ווי ס'איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע, כדי אויסצוזען פּראָלעטאַריש און דורך דעם צו זיין אויסגעהיט פון אַ „גוט אויג"). ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון קעלט און שוין געוואַרט אויף דער מינוט, צו קאָנען זיך צוכאַפּן צום אויסגעהייצטן אויוון פון זיין היים, זיך דערוואַרימען מיט עטלעכע הייסע גלעזער טיי און אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם קאָשמאַר פונם גאַנצן טאָג, וועלכער איז פול געווען מיט שרעק און אויפרעגונג. אָבער, ווי נאָר ער האָט באַוויזן איבערצוטרעטן די שוועל פון שטוב, איז צו אים צו דאָכ עלטערע יינגל זיינס, סאַשאַ, אַ פאַרווייגטער, אַ צעשראָקענער און האָט דערציילט:

— מיט אַ פּאָר שעה צוריק זענען דאָ געווען סאָלדאַטן מיט ביקסן, מיט זיי איז מיטגעגאַנגען איינער אַ ציוויל־געקליידעטער און

ער האָט זיך געפרעגט אויף דיר. די סאָלדאַטן האָבן גערופן דעם ציווילנעם „חבר אָרלאָוו". ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער טרעפט דיך, דערשיסט ער דיך ווי אַ הונט און ער האָט דיך גערופן „מער־זאַוועץ", ווייל דו — האָט ער געזאָגט — האָסט אומגעבראַכט זיין גאַנצער פאַמיליע.

משה האָט מער נישט געקאָנט דערשטיין אויף די פיס. ער איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטול און געבליבן זיצן ווי אַ פאַרגליווערטער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, אַז ער איז אַביסל געקומען צו זיך, האָט ער געהייסן זיך דערלאַנגען אַ קאַלטן טרונק וואַסער. ערשט איצט האָט ער געגעבן אַ צי אָפּ דעם אָטעם, אַ שווערן זיפץ געטו און צו זיך אַליין געזאָגט:

— אַזוי, איז פּסחקע שוין דאָ צוריק פון סיביר. ער מוז וואַרע זיין אַ גאַנצער צעלייגער ביי די „האָלאָדראַנצעס". ער איז דאָך אַן אמתער זייעריקער. איך האָב זיך אָבער באַדאַרפט ריכטן אויף דעם.

נאָך אין דער זעלביקער וואָך האָט משה קאַרליק, מיט זיינע צוויי קינדער, זיך אַריבערגעשמוגלט דעם דניעסטער און איז אַוועק קיין רומעניע.

איבער אַ יאָר צייט האָט משה פאַרבראַכט אין רומעניע. ער האָט אַלץ געוואַרט אפשר וועט פּאַרט געלינגען „דער רוסישער מגפה" איינצושטילן. ער זאָל קאָנען צוריק זיך אומקערן קיין אָדעס. אָבער ווען ער האָט איינגעזען, אַז „די מעשה נעמט קיין סוף נישט", האָט ער ענדלעך שלום געמאַכט מיטן גורל און אין יאָר 1920 האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין מעקסיקע.

מעקסיקע אין יולי פון 1936. עס איז מיטאָג־צייט. אין דרויסן איז שטיקנדיק הייס, אָבער אינם גרויסן גאָרטן, וואָס איז הינטערן הויז פון דעם באַוווסטן זייד־פאַבריקאַנט, משה קאַרליק, איז אָנגעפילט מיט דערקוויקנדיקער פרישקייט. די ביימער שטייען צעבליטע, ברייט־צעבלעטערטע און פאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ שטיפערישע מונטערקייט. די בלומען — ראָסאַס, נאַרדאָס, קלאַוועלן, גאַרדעניאָס

און נארציסן, — שטייען מיט פארריסענעם שטאָלץ אין זייערע בייטן. זיי דערקוויקן די אויגן מיט זייער פילפאַרביקייט און זיי בעטן זיך, אַז מ'זאָל געניסן פון זייערע מחיהדיקע ריחות.

אויף דער טעראַסע, וואָס גייט אַרויס אין גאָרטן אַריין, זיצט ביים געגרייטן טיש די גאַנצע פאַמיליע קארליק און מ'וואַרט נאָר אַז דער פאָטער זאָל אָנקומען, כדי צו אָנהויבן עסן מיטאָג.

די פרוי קארליק (די צווייטע פרוי זיינע) א דיקליכע, מיט שאָטין־רויטלעכע האָר, קורץ אונטערגעשוירן, זעט אויס ווי פון א יאָר דרייסיק. זי טראָגטברילן און פון איר רונדיק פּנים שיינט אַראָפּ אַ נאַטירלעכע מילדע גוטסקייט. זי זיצט שווייגנדיק און שטריקט עפּעס. זי שטריקט זייער שנעל, ווי זי זאָל וועלן אריינכאַפּן די אַרבעט אויף גיך, איידער דער מאַן קומט אָן.

סאַשאַ, קארליקס עלטסטער זון, פון דער ערשטער פרוי, א בחור פון 24 יאָר, סטודענט אויף אינזשיניער, א הויכער ווי דער פאָטער, מיט שוואַרצע, שטרענגע אויגן און מיט ענערגישע געזיכט־שטריכן. ער זיצט אומבאַוועגלעך, ווי א סטאַטוע און קוקט פאַר־טראַכטערהייט אין גאָרטן אַריין.

ליאָווע, קארליקס צווייטער זון, פון דער ערשטער פרוי, א בחור פון 22 יאָר, א בלאָנדער, אַן איינגעדאַרטער, זיצט פאַר־טיפט איבער א בוך.

צוויי קלענערע קינדער, פון דער צווייטער פרוי שוין, א יינגל פון צען יאָר און א מיידל פון אַכט יאָר, זיצן ביים טיש און שפּילן אין פּאַרקאַסע. דערביי קריגן זיי זיך און מאַכן שרעקלעכע געוואַלטן, אָבער עס ווייזט נישט אויס, אַז עמיצער זאָל זיך פילן געקוועלט פון זייערע געשרייען.

עס קומט אַריין משה קארליק און די גאַנצע פאַמיליע נעמט זיך צום עסן.

משה זעט אויס צו זיין אויפגערעגט. ער בייסט אָפּט די אויבערשטע ליפּ. עס ווייזט אויס, ווי ער זאָל וועלן עפּעס אַרויסזאָגן, עפּעס וואָס דריקט אים אויפן האַרצן און רוקט זיך צו דער צונג, גיט ער א ביס אין דער ליפּ און טראַכט זיך, אַז ס'איז בעסער פאַרלויפיק צו שווייגן.

ביים סוף פון עסן גיט משה פלוצלונג א זאג צו סאשאן:

— סאשא, איך דארף מיט דער עפעס רעדן. נאכן עסן קום אריין צו מיר אין קאבינעט־צימער.

סאשא גיט א שארפן קוק אויפן פאטער. ער זוכט דעם פאטערס אויגן, צו קענען אריינקוקן אין זיי און פון דארטן עפעס ארויס־לייענען, אבער אויף קיין אופן קען ער זיי נישט אנטרעפן.

— וואס האסטו מיר געוואלט זאגן? — האט סאשא אן צע־רעמאניעס געפרעגט דעם פאטער, באלד ווי ער איז אריין צו אים אין צימער.

— איך האב אפגענומען א גרוס, אז דו לערנסט זיך זייער שלעכט, ווייל איך ווייס וואס דו דענקסט וועגן דעם, און וואס וועט זיין דער תכלית פון דיר.

סאשא האט זיך פארטראכט א ווייל, מיט כעס א קוק געטון אויפן פאטער און געענטפערט:

— ערשטנס, ווער האט דיר געזאגט, אז איך לערן זיך שלעכט. און צווייטנס — צי זענען דען נישטא גענוג מענטשן, וואס עקזיס־טירן, מאכן א לעבן, כאטש זיי האבן גארנישט געלערנט?

— וואס? וואס האסטו געזאגט? — איז משה געווארן אויפ־גערעגט — אויף דעם האב איך באדארפט זיך לאזן קאסטן אזוי פיל געלט! איך האב געוואלט, אז דו זאלסט זיין אן אנגעזעענער מענטש, אן אינזשיניער, פארנעמען א בכבודיקן פלאץ אין געזעל־שאפט און טאקע א קאריערע אויך. און דו פרעגסט גאר צו וואס מ׳דארף לערנען!

— און אז דו, טאטע, האסט נישט געלערנט, נו, וואס שטערט עס דיר. דו פארנעמסט א גאנץ אנגעזעענעם פלאץ אין געזעלשאפט. דו ביסט פרעזידענט פון עטלעכע אינסטיטוציעס. מען רעכנט זיך שטארק מיט דיינע מיינונגען אין אלע געזעלשאפטלעכע ענינים און דו עקזיסטירסט, דאנקען גאט, אן א קאריערע אויך.

משה האט געגעבן א שטרענגן קוק אויפן זון און פלוצלונג א פרעג געטון:

— זאג מיר, וואס האסטו היינט געטון ביי דעם איטאליענער מאטארעלי?

— איך האָב ביי אים געמאַכט אַ באַשטעלונג אויף זייד־פּאַ־דים. — האָט סאַשאַ געענטפערט גאַנץ געלאַסן.

— וואָס מיינסטו מיט דעם צו זאָגן? איך פאַרשטיי דיך נישט— איז משה געוואָרן נאָכמער אויפגערעגט.

— רעג זיך נישט אַזוי אויף, טאַטע — האָט סאַשאַ קאַלט־בלוטיק געענטפערט — זאָלסט וויסן, אַז איך מאַך פאַר זיך אַ פאַב־ריק פון זייד־שטאָף. עס דאַרף מיר אין די טעג אָנקומען מאַשינען. האָב איך ביי מאַטאַרעלין באַשטעלט זייד־פּאַדים. איך וועל דאָך נישט אַרבעטן קיין שטאָף אָן פּאַדים — האָט סאַשאַ צוגעגעבן מיט בייסיקער איראָניע.

— און ווו האָסטו געגומען געלט?

— ביי דיר נישט.

— איז גייסטו, הייסט עס, מיט מיר קאָנקורירן?

— וואָס עפּעס קאָנקורירן מיט דיר. עס זענען פאַראַן אין מעקסיקע אַזויפיל פאַבריקן פון זייד, וועט זיין נאָך איינע.

משהן האָט געבּרענט דער חוצפּהדיקער און קאַלטבלוטיקער אופן פון זונס רעדן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין זיץ־פּלאַץ און גענומען לויפן הין און צוריק איבערן צימער. אַזוי לויפנדיק איבערן צימער זענען, אין זיין גערדאַנק, גאַנצע אָפּשניטן פון זיין אייגן לעבן פאַרבייגעלאָפן מיט בליציקער שנעלקייט. מיטאַמאָל האָבן זיינע אויגן אויפגעבליצט און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז צו צום זון, האָט שמייכלענדיק אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף דעם זונס אַקסלען און מיט באַגייסטערונג אויסגעשריגן:

— דו ביסט דער אמתער יורש פון דער „קאַרליק דינאַסטיע"! ווען מיין טאַטע ע"ה זאָל דיך געוועזן זען...

משהן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט אַ זיפץ געטון און פאַרלאָזט דעם צימער.

פאַרמשכנט ביים גביר

אויף איינער פון די פּרינציפּאַלע גאַסן אין מעקסיקע שטאָט קיקט מיט פאַררויסענער גאווה אין גאַס אַריין אַ פילפענסטערדיק, לוקסוסדיק־רייך מעבל־געשעפט, איבער וועלכן עס הויבט זיך אויף אַ גרויסער עלעקטרישער שילד: „מועבלעריאַ אוניווערסאַל".

דער אייגנטימער פונם געשעפט און אויך דער באַלעבאָס פונם הויז, ווו דאָס געשעפט געפינט זיך, איז — חיים יואל דרילמאַן.

אַ הויכער איז ער, חיים יואל, אַ מענטש אין די ווייטע פערציקער; אַ דאַרער, מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט אַרויסגעשטאַרטע אויגן. זיין גאַנצער אויסזען איז אַזאַ איינפאַכער און באַשיידנדיק־געבעכדיקער, וואָס עס פּאַרט זיך אויף קיין פאַל נישט מיט דער שרייעוודיקייט פון זיין רייכן מעבל־געשעפט.

חיים יואל דרילמאַן, ביי זיין גאַנצער רייכקייט, האָט די זעלטענע מעלה, וואָס ער פאַרמאָגט אַ גוטן זיכרון. ער קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן יענעם, אָרימען חיים יואלן דעם בעקער, מיטן פאַרמעליקטן, קאַלטענעוואַטן געלן בערדל, מיט די גרויסע פאַרבלאַטיקטע

שטיוול און לאַנגן פאַרשמאָלצענעם כאַלאַטל, ווי ער האָט אויסגעזען אין זיין קליינעם, פוילישן היים־שטעטל.

כאָטש דער היינטיקער חיים יואל האָט, אין זיין אויסערלעכקייט, אַ סאַך זיך געביטן אין מעקסיקע — כמעט אים נישט צו דערקענען, איז ער אָבער הינטער זיין מאָדערניזירטער קליידונג דאָך געבליבן דער זעלביקער, קליינשטעטלדיקער, חיים יואל דער בעקער: אַ שעמעוודיקער, אַ צוריקגעהאַלטענער, מיידט אויס צו באַגעגענען זיך מיט מענטשן און היט זיך אַרויסצורעדן אַ וואָרט אין דער קעגנוואָרט פון פרעמדע מענטשן.

פון זיינסטהאַלבן וועגן וואָלט חיים יואל אַזוי אָפּגעלעבט זיך זיינע יאָרן, אָן טומל, אָן רעש, געגאַנגען זיך זיין אייגענעם וועג און געלעבט זיך זיין אייגן, שטיל באַשיידן לעבן: אַ גאַנצן טאָג אין געשעפט און אין דער פרייער צייט — אָדער אין אַ קינאָ, אָדער אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע מיט אַ יידישער בלאַט־צייטונג, צי גאָר מיט אַ יידיש „מעשה־ביכל", וואָס איז ביי אים דאָס חיות.

איז אָבער די צרה — מיטן ווייב.

זי, פייגה לאה, אַ דיקע צעגאָסענע יידענע, מיט אַ חוצפּהדיק, פאַרריסן פּנים, האָט אין מעקסיקע דערשפּירט באָדן אונטער זיך. באַלד נאָכן ערשטן טויזנטער, וואָס זי האָט דערזען, האָבן די אויגן אירע געקריגן גאָר אַן אַנדער מראה און זי האָט שוין אָנגעהויבן אויסצורייסן פון איר גערעכעניש יעדן שפּור „פון יענעם וויסטן, פאַרשלומפּערטן, קליינשטעטלדיקן לעבן". וואָס ווייטער פייגה לאה איז געקראָכן באַרג אַרויף, אַלץ מער האָט זיך צעשפּילט אין איר די תאווה נאָך רום, נאָך פּאַרנעם. אַ ליידנשאַפטלעכע גרויסקייטמאַניע האָט געצונדן אירע בלוטן און זי צורו נישט געלאָזט. אין איר אונטערבאַוווסטזיין האָט געברענט אַ נקמה־געפיל אַזאַ, ווי זי זאָל זיך וועלן אָפּרעכענען מיט דער וועלט פאַר „יענער, וויסטער, פאַרשלומפּערטער צייט", וואָס זי האָט צעפּאַטערט דאָרט אינם קליינעם שטעטל. פייגה לאה האָט געפילט, אַז דאָ אין מעקסיקע, מיט איר רייכקייט, מיט וועלכער „זי קאָן פאַרשטעקן אַנדערע גבירהטעס אין אַרבל אַריין", וואָלט זי געקאָנט ווערן „אַ גאַנצע דאָס... ווי זיי רופן עס דאָרט", אַזוי אַז די בלעטער וואָלטן פון איר געשריבן און

די וועלט וואָלט מיט איר געקלונגען. אָבער גיי מאַך מיט איר לע־מעכדיקן מאַן, וואָס „איז געווען אַ בעקער אַ שלימזל און אַ שלימזל וועט ער בלייבן". און שטענדיק איז צווישן מאַן און ווייב געווען די זעלביקע טענות:

— וואָס וועט פּאַרט זיין דער תכלית, חיים יואל? אַנדערע וואָס פאַרמאָגן נישט אונזער מיסט, קבצנים, שלעפּוירים, זענען גאַנצע מאַכערס געוואָרן, מען שרייבט פון זיי אין די בלעטער, מ'שטעלט ארויס זייערע פּאָטאָגראַפיעס און מענטשן רעדן פון זיי. וואָס ביסטו אַזאַ שלימזל, קענסט נישט זען אויכעט אריין אין עפּעס אַ חברה און ווערן דאָרטן אַ מאַכער?! די קינדער זאָלן געזונט זיין, וואַקסן אונטער, און אַז עס וועט קומען צו אַ לייטישן שידוך וועט יענער פרעגן: „מיט וועמען?" — „מיט חיים יואלן". וועט מען פרעגן: — „ווער איז ער, דער חיים יואל?" ווער האָט געהערט פון דיר און ווער ווייסט פון דיר?

— וואָס שווייגסטו, חיים יואל, וואָס ענטפערסטו נישט!

— וואָס האָב איך צו ענטפערן. אַז איך קען זיך נישט מישן אין קהלישע זאַכן. אַזאַ מענטש בין איך. איך האָב פיינט, אַז יע־נער מישט זיך צו מיר און איך וויל זיך נישט מישן צו יענעם.

אַזעלכע געשפּרעכן פלעגן זייער אָפט פאָרקומען צווישן חיים יואלן און זיין ווייב פייגה־לאה. און נאָך יעדן געשפּרעך אַזעלכן פלעגט חיים יואל אַרומדרייען זיך אין זיין מעבל־געשעפט אַ צעטראָ־גענער, אַ צעטומלטער, אַ צערודערטער און נישט געוווסט וואָס צו טון מיט זיך.

אין האַרצן־ביי זיך האָט חיים יואל גוט געוווסט, אַז פייגה לאה איז נעבעך גערעכט. וואָרן וואָס מ'שטיינס געזאָגט איז דאָס גאַנצע לעבן. ווידער עסן, ווידער שלאָפן, ווידער לייענען אַ ביכל און פאַר־קויפן נאָך אַ פולמאַן, צי נאָך אַ צימער מעבל? נו, איז דאָס אַ לעבן?! אָבער וואָס זאָל ער פאַרט טון, אַז ער ווייסט נישט ווי אַזוי מ'הייבט עס אָן צו מאַכן. וואָלט ער געקאָנט רעדן, איז אַמאָל אויף אַ פאַר־זאַמלונג פון דער יידישער שולע, פון הילפס־פאַריין, צי פון אַן אַנ־דערער חברה, וואָלט ער געזאָגט אַ פּאָר ווערטער. מענטשן וואָלטן זיך דעמאָלט אומגעקוקט אויף אים, מען וואָלט אויסגערופן זיין נאָ־

מען און אַזוי וואָלט ער שוין אַריין ערגעץ אין אַ פאַרוואַלטונג. אָבער ג״י מאַך, אַז ווי נאָר ער וויל עפענען דאָס מויל, גיבן אים אַ שפּאַר די בלוטן אין פּנים אַריין, עס הויבן אים אָן צו ציטערן הענט און פיס, די ציין נעמען זיך טרייסלען און די צונג ווערט ווי פאַר־גליווערט אין מויל.

נו, אדרבה, ווי אַזוי הויבט מען עס אָן, ווי אַנאַך מאַכט מען עס, אַז מען זאָל ווערן אויסגעקליבן פאַר אַ מאַכער ערגעץ אין אַ חברה, זאָל זיין וווּ עס איז, ביי די ציוניסטן, ביי די בונדיסטן, ביי די קאָמוניסטן, צי ביי די פּועלי־ציון. אפילו ווען מ׳וויל ביי אים טויזנט פּעזעס וואָלט ער געגעבן בכבוד גדול. אָבער ווי אַנאַך קומט די קאַץ איבערן וואַסער?!

— נו, חיים יואל, וואָס וועט פאַרט זיין דער תכלית? איך רעד און דו מאַכסט זיך נישט ווויסנדיק. דו טראַכטסט גאָרנישט אפילו ווי אַזוי צו ווערן אַמאָל אַ שטיקל מענטש, מיט לייטן גלייך. חיים יואל, האָב גאָט אין האַרצן און טראַכט וועגן דיינע קינדער. וואָס וואַקסן קאַנאַנאַרע אונטער!

— אָבער וואָס וועט מיר אַרויסקומען פון טראַכטן, פייגה לאה. טראַכט היינט און טראַכט מאָרגן, אַז איך ווייס פאַרט נישט ווי אַזוי מען מאַכט עס.

און געענדיקט האָט זיך שטענדיק אַזאַ שמועס מיט דעם, וואָס פייגה לאה האָט היסטעריש זיך צעוויינט, אויף איר ביטערן גורל נעבעך, צו האָבן אַ מאַן אַזאַ שלימזל און חיים יואל האָט געווישט די נאָז פאַר רחמנות אויף פייגה לאהן נעבעך, און נאָכמער — אַלס רחמנות אויף זיך אַליין.

איינמאָל אין אַ מיטוואָך, מיטאָג צייט איז עס געווען, ווי נאָר חיים יואל האָט באַוויזן צו עפענען די טיר און אַריבערצוטרעטן די שוועל פון זיין שטוב, איז פייגה לאה אים אַנטקעגנגעלאָפן אַ צעשטראַלטע פון גליק, מיט ליכטיקע אויגן פאַרגאָסן מיט פרייד. איר יעדעס אבר האָט געצאַפּלט מיט צופרידנקייט, און מיט אַ צע־וואָרעמטער, פרייליכער אויפרעגונג האָט זי אויסגעשריגן:

— חיים יואל לעבן, עס איז גוט! עס איז דאָ! ענדלעך איז עס געקומען!

— וואס איז, פייגה לאה? וואס איז געשען?

— אזוי... נאר הער זיך איין מיט קאפ! היינט אינדערפרי איז ביים שכן, ביי עפשטיינען, געווען דער נייער איידעם זיינער. האט ער דערציילט, אז ס'גייט זיך גרינדן אין מעקסיקע א נייע חברה מיטן נאמען: „שמע ישראל". די חברה וועט דארפן האבן א סך געלט כדי צו העלפן — — — איך גערענק שוין נישט וועמען. איז מיר באלד איינגעפאלן א געדאנק, אז דו זאלסט געבן פאר דער דאזיקער חברה טויזנט פעזעס. אז זיי וועלן דערהערן טויזנט פעזעס, גאנצע טויזנט פעזעס, איז נישט נאר וועט מען דיך באלד ארייננעמען אין דער פארוואלטונג, נאר מען וועט דיך נאך מאכן פאר א פרעזידענט. און מיר זענען געראטעוועט. מ'עט שרייבן פון אונז אין די בלעטער, מ'עט אפדרוקן דיינע און מיינע פאטאגראפיעס און מיר וועלן מערטשעס ווערן מיט לייטן גלייך.

— יא, אלץ אמת, פייגה לאה, אבער — — —

— איך וויל גארנישט הערן פון קיין אבער. דאנקען גאט, מיר קאנען זיך באכאשעם פארגינען צו לאזן זיך קאסטן טויזנט פעזעס, און נאכמער אויבעט. און צוריקגערעדט, וואס טוען נישט טאטע־מאמע צוליב קינדער, זאלן געזונט זיין.

— ניין, האסט מיך נישט פארשטאנען, פייגה לאה, נישט דאס האב איך געמיינט. איך לאך זיך אוים פון די טויזנט פעזעס. אבער, הע, הע, מען דארף דאך זאגן א פאר ווערטער עפעס אויך, אזוי, אז דאס און יענץ, איך מיין אז... דו פארשטייסט שוין וואס איך מיין... און צו דעם בין איך א טויטער מענטש.

— לאז, חיים יואל, איך וועל דיר געבן אן עצה. דו נעם איינעם פון די שלעפווירים, די שרייבערס אין די בלעטער, גיב אים א פאר פעזעס, וועט ער דיר אויסלערנען א גאנצע דרשה, וואס דו האסט צו זאגן און פארטיק. פארלאז זיך דו אויף מיר, ווערסטו זען, אז עס וועט אלצדינג מערטשעס גוט זיין. דו מוזט ביי מיר ווערן א פרעזידענט מיט א פאטאגראפיע אין די בלעטער.

— סעניאר דרילמאן, איך וועל עס פאר אייך טון בכבוד גדול, איך וועל אייך אויסלערנען א פיינע רעדע, וואס וועט זיכער אוים־

נעמען ביים פובליקום. און איך פאַרלאַנג נישט, חלילה, ביי אייך קיין איין סענט דערפאַר. באַהיטע גאָט! איך בין טאַקע אַ ייד אַ אָרימאַן, אָבער איך האָב נאָך ביי קיינעם, חלילה, גאָרנישט גענו־מען און איך וועל אויך אויף ווייטער ביי קיינעם גאָרנישט נעמען. איר קענט נאָר, אויב איר ווילט, מיר אָפּראַנקען מיט אַ טובה. וועט עס זיין אַ טובה פאַר אַ טובה. די זאַך איז אַזוי: איך גיי עפּענען אַ געשעפט פון גענוצטע מלבושים. איז אויב איר ווילט, באָרגט מיר 500 פעזעס אויף עטלעכע חדשים. אַ גמילות חסד בלויז. איך וועל אייך אַרויסגעבן אַ וועקסל אפילו. איר מעגט זיכער זיין, עס איז זייער קוראַנט. איך וועל חלילה ביי קיינעם גאָרנישט צונעמען, און איר וועט מיר דערמיט פשוט ביים לעבן דערהאַלטן.

חיים יואל האָט געגעבן אַ קוק אויפן ווייב און מיט די אויגן געפרעגט ביי איר וואָס צו טון.

לויט פייגה לאהס מינע האָט חיים יואל פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף מסכים זיין.

— נישט געפערלעך — האָבן אירע אויגן געזאָגט — אפילו ווען עס זאָל דאַרפן פאַרפאַלן ווערן, איז עס אויך כדאי.

אַ שיינער, וואַרימער, זומער־אָוונט איז עס געווען. דער זייגער איז שוין געווען עלף. אין יידישן קלוב איז דער גרויסער זאַל גע־ווען באַלויכטן אין זיין פולער ליכט. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט... בענקלעך. באַזעצט אָבער זענען נאָר געווען בערך אַ 30 פון זיי. די איבעריקע עטלעכע הונדערט בענקלעך, זענען, נעבעך, גע־שטאַנען טרויעריק, פאַרשעמט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס בלאָזט אַרום זיי אַ קאַלטער מרה שחורהדיקער ווינט. אויבן, אויף דער בינע, ביי אַ קליין טישל, מיט אַ גרינעם טישטוך באַדעקט, זע־נען געזעסן פינף מענטשן, אַלע נאָך גאָר יונגעלייט. איינער אין מיטן, מיט אַ גלעקל אין האַנט און צו צוויי בייזיצער צו זיין יעדער זייט.

דער מיטלסטער, דער וואָס מיט גלעקל אין האַנט, האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג:

— חשובע פאַרזאַמלטע! אַזוי ווי עס איז היינט אַזאַ ביטערע,

שווערע און טרויעריקע צייט פאַר יידן, דעריבער מוז מען זיי, אונזע־רע יידן, הייסט עס, ראַטעווען און נאָר די מעקסיקאַנער יידן. אויף זיי בלויז ליגט דער דאָזיקער הייליקער חוב, ווייל די מעקסיקאַנער יידן זענען... איר ווייסט דאָך אַליין וואָס מעקסיקאַנער יידן זע־נען... בקיצור, צוליב דעם דאָזיקן צוועק ווערט היינט אין אוונט געגרינדעט די נייע געזעלשאַפט מיטן נאָמען: „שמע ישראל".

קוים ווי דער פאָרזיצער האָט נאָר באַוויזן צו ענדיקן, האָט פון צווישן פובליקום זיך אויפגעשטעלט אַ מיטליאָריקער מאַן, אַ דאַרער און אַ הויכער. בלייך ווי קאַלך איז ער געווען, הענט און פים האָבן אין אים געטרייסלט און מיט אַ ציטערנדיקער שטימע האָט ער אויסגעשריגן:

— איך גיב פאַרן דאָזיקן צוועק די ערשטע טויזנט פעזאָס.

עפּעס אַ מאָדנער מאַגישער כוח איז געלעגן אין די דאָזיקע עטלעכע ווערטער. זיי האָבן פאַרכישופט אַלע פאַרזאַמלטע. אַלעמענס אויגן האָבן מיט איין מאָל זיך אַ קירעווע געטון צום דאָזיקן הויכן בלייכן יונגעמאַן, וואָס האָט נאָרוואָס אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע עט־לעכע צויבער־ווערטער.

דער פאָרזיצער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און פייערלעך געפרעגט:

— ווי רופט מען אייך, ליבער פריינט?

— איך הייס חיים יואל דרילמאַן.

— קומט אַרויף צו אונז, צום פּרעזידיום־טיש, איך זע דאָך, אַז איר זענט אַן אייגענער מענטש.

חיים יואל האָט מיטאַמאָל געקריגן מוט. ער האָט פּלוצלונג אָנ־געהויבן צו דערפילן אינזיך אַ וויכטיקן כוח און — מיט געמאָס־טענע טריט איז ער אַרויף צום אויבנאָן.

דער פאָרזיצער האָט געפרעגט חיים יואלן (אינדערשטיל):

— איר ווילט אפשר, צו דער דאָזיקער געלעגנהייט, זאָגן אַ פּאָר ווערטער?

— געוויס וויל איך זאָגן — האָט חיים יואל געענטפערט שוין מיט שטאָלץ — וואָס מיינט איר, איך קען נישט?

אַ קלונג מיט גלעקל.

— דאס ווארט האט אונזער פריינט, דער בארימטער נדבן, הער דרילמאן.

— חשובע פארזאמלטע: אויף פארשידענע וועגן פירט דאס לעבן. פירט דאס לעבן, צום אלגעמיינעם ציל. איז צעטיילט די מענטשהייט, איז צעטיילט די מענטשהייט אויף פארשידענע וועגן, האט געזאגט דער גרויסער יידישער פירער פרידריך ניטשע, צו אחד העמען האט ער געזאגט, אז אלע מענטשן זאלן מיט אייגענע כוחות, מיט די אייגענע הענט אויפבויען ארץ ישראל, וועט זיין די אסימי־לאציע מיט דער אידעע פון... פון... דער דאזיקער זאך, וואס וועט קומען, וואס וועט קומען, וועט זיין א גרויסער טאג און דורכברעכן די פינסטערניש פון דער נאכט. און דער גרויסער ציוניסטישער מנהיג קארל מארקס האט אין זיינע ווערק געלערנט צו ארבעטן די ערד און דער ארימער ארבעטער זאל נישט מער עקספלאאטירן דעם גרויסן... דעם גרויסן יידישן דיכטער יצחק לייבוש פרץ. אזוי אלע מאל אין פארשידענע צייטן האט משה רבנו געזאגט: „וואס דיר איז נישט ליב, זאלסטו דעם הבר נישט טון". עס איז אן אלגעמיינע פראגע, אז די גאנצע מענטשהייט מוז זוכן דעם וועג צו די באדער־פענישן פון אלע פעלקער, האט געזאגט נאך מיט טויזנטער יאר צוריק זיגמונד פרויד. עס איז אין לעצטן סך הכל געווען דאס זעלביקע צווישן אלע פעלקער, האט די אסימילאציע אנגעהויבן מיט אן ארויס־שטעלונג צובאקעמפן דעם קאפיטאליזם, זענען געקומען מלחמות אויף דער וועלט, אזוי לערנט אונז דער גרויסער באלשעוויסטישער טעא־רעטיקער נחום סאקאלאוו. מיר האבן דאס אויסגעפונען אין זיינע ברזוו, וואס ער האט געשריבן צום מאסקווער פאבריקאנט זשאן זשאק רוסא, דאס האט אויפגעוועקט אין מיין הארצן א ליבע צו דעם אידעאל, צו וועלכן מיר אלע שטרעבן און צוליב וועלכן מיר זענען זיך דא היינט צוזאמענגעקומען און דעריבער האב איך געפונען פאר נויטיק צו געבן די ערשטע טויזנט פעזעס, מיין באשיידענעם ביי־שטייער.

חיים יואל איז מיטגעריסן געווארן פון זיינע אייגענע הויכע ווערטער און טיפע געדאנקען, וואס ער האט נאר וואס ארויסגעזאגט, נאכמער פארשיכורט איז ער געווארן פון די הילכנדיקע אפלאדיס־

מענטן און שטורמישע אוואציעס, וואָס זיין רעדע האָט אַרויסגע־רופן ביי אַלע פאַרזאַמלטע און ווי אַ זיסער חלום האָט אים געקלונגען דאָס, וואָס ער איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער נייער געזעלשאַפט: „שמע ישראל".

אויף דער גאַס, שוין גייענדיק אַהיים, איז „דער שרייבער פון די בלעטער" צוגעקומען צו חיים יואלן און פּראָטעסטיעדיק אים געפרעגט:

— הער דרילמאַן, וואָס האָט איר געטון! איר האָט דאָך צע־קריפּלט און צעדרייט אַלע מיינע ווערטער, מיט אַלע נעמען און לאַזונגען, וואָס איך האָב אייך אויסגעלערנט!

חיים יואל האָט מיטאַמאָל געקריגן מוט, חוצפּה און לשון, ער האָט אַ שאַרפן און בייזן קוק געטון:

— איך בעט אייך, סעניאָר שרייבער, זייט נישט קיין מלמד. איר האָט דאָך געזען ווי שטאַרק דעם עולם זענען געפעלן געוואָרן מיינע ווערטער. איר זעט בעסער, אַז די בלעטער זאָלן אַלץ באַ־שרייבן, נאָר אומבאַדינגט מיט מיין פאָטאָגראַפיע. אין געלט וועט קיין מניעה נישט זיין.

דער שרייבער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ פאַרשעמטער האָט ער אָוועקגעדרייט זיך אין אַ זייט און געטראַכט:

— אוי וואָלט איך אים באַדאַרפט דערלאַנגען אַ פּאַרציע, אָט דעם גראָבן נפש, אַז ער זאָל מיך האָבן צו געדענקען. נאָר גיי מאַך, אַז איך בין ביי אים פאַרמשכנט...

אין די שבתדיקע נומערן פון די יידישע צייטונגען אין מעקסי־קע, איז אויף גאַנצע זייטן געווען באַשריבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער נייער יידישער געזעלשאַפט אונטערן נאָמען: „שמע יש־ראל".

איבערהויפּט האָט פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ די אויספירלעכע, וונדערבאַרע רעדע, וואָס ס'האָט געהאַלטן צו דער דאָזיקער געלעגנ־הייט, דער „באַרימטער נדבן און באַוווסטער כלל־טוער", הער חיים דרילמאַן, ערשטער פּרעזידענט פון „שמע ישראל" אין מעקסיקע. דערביי האָט אַראָפּגעשיינט זיין ליבטיק בילד, כדי די גאַנצע וועלט זאָל האָבן די מעגלעכקייט מיט די אייגענע אויגן אָנצוקוקן, באַ־

באכטן און שטודירן דאס ליכטיקע געשטאלט פון דער גרויסער נאַ־ציאָנאַלער פערזענלעכקייט אין דער יידישער מעקסיקע, וואָס הייסט חיים יואל דרילמאַן.

אין צוויי וואָכן ארום:

— וואָס וועט זיין סעניאָר שרייבער? מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט.

— וואָס הייסט, הער דרילמאַן! איך האָב דאָך אייך געגעבן וועקסל אויף דריי חדשים און איצט איז קוים אריבער איין חודש.

— איך זע, אז איר זענט אַ מלמד, סעניאָר שרייבער. ווער רעדט פון די פאַרדאָסטע 500 פּעזעס. אז איר וועט דאַרפן, קאָנט איר צו יעדער צייט קריגן נאָך געלט אויך. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז צוליב געלט וועט ביי מיר קיין מניעה נישט זיין. אָבער — — —

— וואָס מיינט איר, הער דרילמאַן?

— איי אַ מלמד, אַ מלמד, וואָס הייסט וואָס איך מיין. אַט איז שוין אריבער צוויי וואָכן און אין די בלעטער איז נישטאָ קיין איין וואָרט וועגן מיר. מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט.

— וואָס אַ שטייגער ווילט איר, הער דרילמאַן, זאָל איך שרייבן וועגן אייך?

— דערפאַר זענט איר דאָך אַ שרייבער. ווען איך זאָל וויסן וואָס צו שרייבן, דאַרף איך דאָך אייך נישט צו האָבן.

דער „סעניאָר שרייבער" האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע. און מיט אַמאָל אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר, הער דרילמאַן, איז אַמאָל קיינער ביי אייך אין שטוב נישט קראַנק געווען? צי ריכט זיך נישט אַמאָל אייער ווייב אין קימפּעט אריין? אָדער אפשר ציט איר זיך איבער אין אַ נייער וווינונג?

— וואָס פאַלט אייך איין, סעניאָר שרייבער, עפּעס אַזעלכע נאַרישע מעשיות?

— ווייסט איר גאָרוואָס, הער דרילמאַן, אפשר פאָרט איר אָפּ

אויף עטלעכע טעג אין קוערנאוואקא, אין קואוטלא אדער אין איקס־טאפאן?

— וואס וועט זיין דערפון, וואס פאר א שייכות האט דאס מיט אייערע בלעטער?

— א, עס האט שוין גאר א גרויסע שייכות. פאלגט מיך, פארט אוועק אויף עטלעכע טעג פון מעקסיקע און דאס איבעריקע פאר־לאזט אייך אויף מיר.

ערשט שבת, ווען חיים יואל האט דערזען זיין בילד אין די צייטונגען מיט א נאטיץ: „אפגעפארן פון מעקסיקע דער גרויסער נדבן און בארימטער כלל־טוער, פרעזידענט פון „שמע ישראל", הער חיים דרילמאן", האט ער זיך געטראכט: „א, זיי זענען גארנישט אזעלכע שוטים, די שרייבערס, ווי זיי ווייזן זיך אוים". און דער סעניאר שרייבער, איבערלייענענדיק דער דאזיקער נאטיץ, האט, א פארשעמטער און דערשלאגענער, אראפגעלאזט דעם קאפ, גע־פרווט, פאר זיך אליין, זיך פארענטפערן:

— נו, וואס זאל מען טון, אז מען איז פארמשכנט ביים גביר...

און אים האט זיך גערדאכט, אז פון ערגעץ ווייט קלינגט אפ א ווידער־קול:

— אלע זענען מיר פארמשכנט ביים גביר!...

שלום געמאכט

דורך גערדיכט־באַבלעטערטעביימער, וועלכע האָבן פאַרשטעלט די אָפענע פענסטער, האָט זיך דורכגעריסן אַ זונטיקדיקער, זומער־דיקער פאַרטאָג צו סאַשאַ וואָלפּאָוויטש אין שלאָף־צימער אַריין, האָט אָנגעפילט דעם צימער מיט זאַפטיקע ריחות און מיט קילער באַגינען־פרישקייט און, נאָך דער דריטער שלאָפלאָזער נאַכט, האָט דער פרישער באַגינען סאַשאַן פאַרשיכורט און אים אַנטשלעפט. ער איז האַסטיק איינגעשלאָפן.

ליגט ער, סאַשע, מיט אַן אָפן מויל אַ כראָפּענדיקער, איינער אַליין אינם ברייטן פאַמיליע־בעט און ער זעט דאָרט אויס ווי אַ קינד, וואָס איז אַריינגעקראָכן אין טאַטנס הויזן און ווערט דאָרטן פאַרלוירן.

אינם שלאָף בייטן זיך אויף סאַשאַס פנים פאַרשידענע גרימאַסן: אָט זעט ער אויס ווי אַ מענטש וואָס מאַכט דורך אַן אָפּעראַציע אָן שלאָף־געטראַנק און פּלוצלונג באַווייזט זיך אויף זיין פנים אַ מינע ווי פון אַ קינד, וואָס צעשפּיעשטשעט זיך רחמנותדיק פאַר די על־טערן. דערנאָך — ווידער אַ גרימאַסע, ווי פון אַ שטאַרקן ווייטיק

וואָס וויל נישט אויפהערן. ס׳איז קענטיק, אַז די שווערע, פּייניקנ־דיקע געדאַנקען פון פאַרן אַנטשלאָפן ווערן, האָבן אים נישט צוריגעלאָזט אויך אין זיין איצטיקן שלאָף.

שוין אַכט טעג ווי סאַשאַ איז אַליין.

די פרוי מיטן קינד זענען אין טעאַהאַקאַן, וווהין די דאָקטוי־רים האָבן זי געשיקט, צו היילן זיך פון גאַל־שטיינער.

זייענדיק אַליין, אינגאַנצן בלויז מיט זיך, האָט ער, סאַשאַ, צייט זיך אַרומצוטראַכטן און אַדורכצונעמען זיין אייגענעם איך. ער וויל אויף כוח אַראָפּטרייסלען פון זיך וואָלפּאָוויטשן דעם פאַבריקאַנט פון „מעסקליאַ" (אַרבעטער־קליידונג), וועלכער איז שטענדיק פאַר־האָוועט מיטן גאַנצן טאַראַראַם פונם געשעפטלעכן אַריין און אַרויס, אַט דעם וואָלפּאָוויטשן האָט ער שרעקלעך פיינט און טייַמאָל — ביז צאָרנדיקן האַס. פון אַט דעם וואָלפּאָוויטשן וויל ער אפילו גאָר־נישט טראַכטן. ער דאַנקט דער מינוט, וואָס ער קאָן זיך פון אים באַפרייען און פאַרגעסן. נאָר פון יענעם סאַשען טראַכט ער, פון יענעם וואָס האָט זיך אָפּגעשניטן פון דער חברישער ליניע און דער שניט איז געבליבן אַן אָפענער, אַ פאַרבלוטיקטער און נישט פאַר־היילטער.

און צולהכעיס זיך אַליין וויל ער אַט די אָפענע וווּנד וואָס מער קראַצן, וואָס מער פאַרגרעסערן די יסורים, פאַרשטאַרקן די שמערצן און אַרויסרופן וואָס מער ווייטיק, ווי ער זאָל וועלן געפינען אין דער דאָזיקער זעלבסטפּייניקונג אַ מין דערלייזונג, טרייסט און פאַרלייכ־טערונג.

אין איין וואָך האָט ער, סאַשאַ, צוויי בריוו דערהאַלטן. ביידע — אַזעלכע איינפאַכע, חבריש־פריינטלעכע בריוו. אָבער זיי, די שרייבער פון די צוויי באַזונדערע בריוו, האָבן גאָרנישט געקאָנט זיך פאָר־שטעלן, וויפיל טיפע יסורים, וויפיל צעבראָכנקייט און בלוטיקע פיין זיי וועלן אים, סאַשאַן, פאַרשאַפן מיט זייערע בריוו.

איין בריוו האָט ער דערהאַלטן פון זיין ברודער, פון ראָסטאָוו, ביים דאָן (ראָסטאָפאַרבאַנד), און דעם צווייטן בריוו — פון חיפה (ארץ ישראל), פון זיין אינטימסטן חבר, גרישאַ לייטום.

ביידע בריוו דערציילן פון אַ ניי לעבן, וואָס בויט זיך, פון אַ

לעבן פול מיט ברויזנדיקן אינהאלט; פון א לעבן, וואס יעדער טאג איז א האמער וואס שמידט אוים א פרישן טייל פון דעם גרויסן געבוי וואס הייסט :„צוקונפט".

— און איך וואס בין? — פייניקט זיך סאשא מיט זיינע אייגענע געדאנקען — א צעבראכענער ראד פון אן אלטן, צעפוילטן וואגן! וואס פארא אינטערעס, וואס פארא אינהאלט האט אזא לעבן?! נאך טויזנט פעזעס, נאך טויזנט פעזעס, צי אפילו נאך צען טויזנט פעזעס. אלצאיינס וועל איך אייביק בלייבן א פרעמדער אין דער דאזיקער וועלט פון געלט, פוסטקייט און פארקריפלטקייט. נישט דא איז מיין פלאץ און נישט דא איז מיין היים!

— און דארט?

— פון דארטן בין איך דאך אנטלאפן, זיך אפגעריסן. איבערגעלאזט די חברים אין העלדישן, גלארפולן קאמף און אליין בין איך אנטלאפן אין שונאס לאגער, פארבלענדט בין איך געווען פון גלאנץ פונם גאלדענעם קאלב!

מיטאמאל שווימט אויף ביי סאשאן א געדאנק פון „צוריק", פון „ארויסרייסן זיך". און פארשידענע פלענער נעמען זיך וועבן אין זיין קאפ, געצייכנט אויפן דאזיקן גרונט. אבער באלד דערשפירט ער, סאשא, די רעאלע אומבאהאלפנקייט זיינע אנטקעגן דער שטארקייט פון דער קעגנווארטיקער ווירקלעכקייט, אין וועלכער ער איז איינגעשלאסן געווארן. ער דערזעט זיין שוואכקייט, צו קאנען זיך ארויסרייסן, אדער אפילו צו אנטקעגנשטעלן זיך זיין היינטיקן לעבנסגאנג, אין וועלכן ער איז שוין צו ווייט ארייגעפארן.

א שרעקלעכע פארביטערטקייט הויבט סאשאן אן צו גריזשען ביי דער נשמה. א פארביטערטקייט קעגן זיך אליין, קעגן זיין שוואכקייט, פארשקלאפטקייט און צעקראכנקייט. און ער קוקט אריבער „אהין", צו „זיי", מיט אזויפיל קנאה, צו „זיי" די גליקלעכע, די שטארקע, וועלכע שטייען אייזן־פעסט אויף זייערע פאזיציעס און ווייסן פארוואס און צוליב וואס זיי לעבן.

שוין גרויסער טאג אין דרויסן. די שוין הויך־אויפגעגאנגענע זון האט אדורכגעשניטן אירע שטראלן דורך די געדיכטע צווייגן פון

די ביימער, וועלכע שטייען פאר וואלפאוויטשעס פענסטער פונם שלאף־צימער.

און די שטראלן האבן, ווי דינינקע גאלד־פעדים, זיך צעלייגט איבערן בעט, וווּ סאשא איז נאך אלץ געשלאפן. זיי האבן, שטיפע־ריש, טאנצנדיק, זיך צעשפילט מיט זיינע צעפלאשעטע, בלאנדע האר, געקראכן אים איבערן פנים און ווי חוזק געמאכט פון אים, פון סאשען, וואס אין אזא שיינעם, פרייען, ליכטיקן, לעבנספולן פרי־מארגן, ליגט ער נאך אין בעט און מאכט אזעלכע זויערע גרימאסן...

פון שטארקן קלינגען פונם טעלעפאן האט סאשע זיך אויפגע־כאפט.

אינם ערשטן מאמענט האט ער מאדנע זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן פונם צימער, מיט אזא פארוואונדערונג, ווי עפעס א פרעמ־דער, א פארבלאנדזשעטער, וואס קאן נישט פארשטיין ווי אנאך ער קומט אהער. אבער דאס כסדרדיקע קלינגען פון טעלעפאן האט סא־שען אויסגעטשוכעט פונם חלומדיקן פלאנטער זיינעם, פון וועלכן ער איז נארוואס ארויס.

— בוענא, ווער איז עס?

— !

— קאנסועלא, הא טשעלא, וואס מאכסטו?

סאשע האט ארויסגעזאגט די דאזיקע ווערטער מיט אזא פריי־דיקער מונטערקייט, פונקט ווי ער זאל האבן דערהערט עפעס אן אומ־געריכטער גליקלעכער בשורה. זיין גאנץ וועזן האט זיך צעשטראלט, זיין גאנצער געמיטצושטאנד האט זיך לעבהאפט צעשפילט און אונ־טערטאנצנדיק פאר פרייד האט ער אריינגעשריגן אין טעלעפאן:

— זייער גוט האסטו געטון, טשעלא, וואס דו האסט מיך אפ־גערופן דורכן טעלעפאן. איך בין היינט פולשטענדיק אליין, מיין פרוי מיטן קינד, און אפילו די דינסט, זענען נישטא הי.

— !

— יא, אומבאדינגט. קום שוין, מיין זיס מיידעלע, מיין ליכטי־קע טרייסט.

— !

— יא, זיכער, מירן ארויספארן. מירן האבן א גוטן טאג.

פאַרשוווּנדן איז מיטאַמאָל געוואָרן ביי סאַשען דער נעכטן, דער אייערנעכטן, דעם ברודערס און דעם חברס בריוו און אַלע זיינע פיינלעכע געדאַנקען. אַלץ איז אַוועק, אָפּגערוקט זיך אין דער ווייט־קייט, אינם אַנבליק פון דעם ליכטיקן, פריידפולן, זוניקן פרימאָרגן, וועלכער האָט זיך צו סאַשען אַנטפּלעקט דורכן טעלעפאָן־געשפּרעך...

פון דער נעכטיקער און אייערנעכטיקער מלחמה מיט זיך און אינזיך איז אין דעם דאָזיקן מאָמענט ביי סאַשען שוין קיין זכר נישט געבליבן. אריינגעריסן האָט זיך פּלוצלונג דער שלום; אַ פול־שטענדיקער שלום — מיט זיך, מיט דער סביבה, מיטן צושטאַנד, מיט דער באַשעפטיקונג, מיט אַלץ און אַלעמען; אַ שלום אויף אַלע פראָנטן...

סאַשאַ האָט זיך געכאַפּט שנעל אַרומוואַשן און אָנטון, אונ־טערטאַנצנדיק מיט אַ ברייט־צעשטראַלטער, גליקלעכער פרייד אויף זיין פּנים.

אַ פרייע, פריידפולע זאָרגלאָזיקייט האָט פון סאַשען זיך צע־מראָגן איבערן גאַנצן שלאָף־צימער און פון דאָרטן — איבער דער גאַנצער וווינונג. אפילו דאָס וואַסער פונם קאַלטן „שפּריץ" האָט געגאָסן אויף סאַשעס קערפּער מיט לוסטיקער און פריידיקער רחבות...

סאַשאַ האָט זיך צוגעפּייפט אַ באַקאַנט רוסיש פאָלקס לידל און ס'האָט אויסגעוויזן, אַז אַלצדינג אין שטוב: די ווענט, דאָס מעבל און די אַריינדרינגענדיקע זון־שטראַלן, אַלץ פייפט מיט, זינגט מיט און פריידט זיך מיט, מיט סאַשעס שטימונגפולער דערוואַרטונג, אויף קאָנסועלאָ — זיין „זיס מיידעלע"...

סאַשאַ האָט ראַפּטום ליקווידירט די מלחמה און — געשלאָסן שלום — — —

II

מלחמה-צייט

פלימעניקס

שוין ווייט נאָך האַלבער נאַכט איז עס געווען.

שמואל אייכענבוים איז געזעסן ביי א טונקל־באַלויכטענעם שרייב־טיש און מיט אָנגעשטרענגטע אויפגעריסענע אויגן האָט ער געקוקט — דורך דער פאַרשטעלטער, בלינדער וואַנט — אין דער ווייטער, ווייטער וועלט אַריין. אַהין צו וואָלינסקע גאַס, אין ווארשע, האָט ער געקוקט. אַהין צו יענעם הויז, אויפן דריטן שטאָק, ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. אַהין האָט ער געשיקט זיינע פאַר־שפיצטע, מעלאַנכאָלישע בליקן.

ווידעראַמאָל האָט ער געוואָלט דערזען, אַקוראַט, זייער שטוב באַווינט פון זיין מאַמען און שוועסטער, געוואָלט זיך געפינען צווישן זיי, אין יענעם געמיטלעך־צופרידענעם באַשטאַנד, אין יע־נער האַרמאָנישער, פאַרגעניגענדיק־וואַרימער אַטמאָספערע, אין וועל־כער ער איז אויסגעוואַקסן.

געפאַלן זענען אָבער אייכענבוימס בליקן אויף גאָר אַן אַנדער וואָלינסקע און ער האָט פאַר זיך דערזען אַ שוידערלעך, פחדימדיק בילד:

די דריי צימרן פון זייער שטוב — פול מיט שטיקער ציגל, קאַלך, צעבראָכענע שטיקער מעבל און בערג מיסט. די מאַמע מיט דער שוועסטער ליגן פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, איינגעהילט אין שמאַטעס, צוגעטוליעס איינע צו דער צווייטער, ביי ביידע — אויסגעלאָשענע פנימער און איבער זיי אָפענע לעבער, אויפגעבראָכענע אין סופיט, דורך וועלכע דער הימל קוקט אַראָפּ מיט שפּאָטישע חוזק־בליקן.

הינטער אייכענבוימען, פונקט אויף זיינע פּלייצעס, האָט — דורך די פּיטש־נאַסע, גלאַנציק־שוואַרצע שויבן — פון גאַס אַריינגעקוקט אַ חושכדיקער דרויסן, אַ צעווייקטער, אַ צעפּלינדערטער און צעפרעסענער פון מרה־שחורה.

אייכענבוים האָט דערפילט ווי עפּעס אַ מאָנסטראָאישע, נאַכטיקע נישטגוטקייט קוקט אַריין פון גאַס, גלייך אויף אים, מיט אַזעלכע כּיאָדנע, שאַרפע, שפּיזיק־שטעכעדיקע אויגן. ער האָט אַ קאָנוואַלסיוון ציטער געטון, האַסטיק אַ דריי אויס זיך געגעבן — און אַ פחד איז אים באַפאַלן. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די מאַמע מיט דער שוועסטער, אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע, פאַרמאַרדעוועטע, פאַרצאַנטע, געפּייניקטע און פאַרהונגערטע, קוקן אויף אים, שטרעקן אויס די הענט צו אים און בעטן מיט געוויין:

— ראַטעווע אונז!

אַ שווערער, כמאַרנער טרויער האָט ראַפּטום זיך גענומען וויקלען, ווי אַ שלאַנג, אַרום אייכענבוימס נשמה, האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם, פאַרקלעמט ביים האַרצן און פאַרשטיקט אין האַלז. ער האָט פּלוצלונג אַ ווילדן קוויטש געגעבן און היסטעריש זיך צעכליפּעט.

ווען שמואל אייכענבוים האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט שוין דער מזרח געבלויט אויף טאָג. ער האָט זיך אַזוי מאָדנע אַרומגעקוקט, ווי ער זאָל האָבן פּלוצלונג אַראָפּגעפאַלן פון אַ ווייטער און פרעמדער וועלט. עטלעכע מינוט האָט אים גענומען ביז ער האָט זיך ווידער דערזען אין זיין אייגענער היים, ביי זיין אייגענעם שרייב־טיש.

מיט שטאַרקער אויפמערקזאַמקייט האָט ער גענומען באַטראַכטן

אַלץ וואָס איז געלעגן אויפן טיש און זיין בליק האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דעם בריוו פון דייטשלאַנד.

שוין צען טעג ווי דער דאָזיקער בריוו ליגט אַזוי אויף אייכענ־בוימס שרייב־טיש. אַ סך מאָל האָט ער שוין דעם בריוו געלייענט. ער האָט אים שוין געקענט כמעט אויף אויסנווייניק. יעדעס מאָל האָט דער בריוו געשטעלט אים פאַר אַ רעטעניש. ער האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען קומען זיי אים צו שרייבן. ער האָט גאַנץ באַשטימט געוווסט, אַז קיין קרובים, אפילו גאָר ווייטע, האָט ער נישט אין דייטשלאַנד. און פון וואַנען קומט צו זיי זיין אַדרעס?!

די גאַנצע צען טעג איז אייכענבוים געווען אין שטאַרקער פאַר־לעגנהייט. ער האָט נישט געקאָנט באַשטימען, וואָס ער זאָל אויף דעם דאָזיקן בריוו ענטפערן.

איצט האָט ער ווידער געעפנט דעם בריוו און נאָכאַמאָל גע־נומען לייענען:

„ליבער אָנקל: מיר ווייסן אפילו נישט אויף זיכער, צי געהערט איר אונז אָן ווירקלעך אַן אָנקל. עס איז זייער מעגלעך אַז יאָ. דער באַווייז, וואָס איר הייסט דעם זעלביקן נאָמען, אייכענבוים, ווי מיר, וויל אונז געבן די געגאַרטע האָפענונג, אַז מיר זענען זיך קרובים. און אפילו ווען די גלייכקייט פון נאָמען זאָל בלויז זיין אַ צופאַל, אָבער אַ מענטשלעך יידיש האַרץ פאַרמאָגט איר דאָך זיכער, בעטן מיר ביי אייך, האָט אויף אונז רחמנות, ראַטעוועט אונז אַרויס פון דאַנען. מיר וועלן דאָס אייך אין לעבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מיר זענען גרייט צו זיין אייערע שקלאַפן ביזן לעצטן אָטעם־צוג. אָבי ראַ־טעוועט אונז אַרויס פונם שוידערלעכן גיהנום־פייער. אונזער זעליגער פאָטער האָט עס מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. ער איז גע־שטאָרבן. מיר זענען נאָך יונג. מיר קאָנען נאָך זיין פיל ניצלעך פאַר אונז און פאַר אַנדערע. אַך, ליבער אָנקל! עס גרוילט אונז דער גע־דאַנק, אַז מיר זאָלן מוזן פאַרשניטן ווערן פון לעבן אַזוי יונג. איך, קאַרל, בין פיראונצוואַנציק יאָר אַלט. מיין שוועסטער, פרידאַ, איז קוים ניינצן יאָר אַלט. אונזער פאָטאָגראַפיע איז דאָ בייגעלייגט. אַז דער ליבער גאָט וועט וועלן און אונז וועט געלינגען צו קומען ער־

געץ אין אַ רו־ווינקל, וועלן מיר, חלילה, קיינעם נישט פאַלן צולאַסט. איך, קאַרל, בין אַ געענדיקטער עלעקטראָ־טעכניק, מיט אַ סך פּראַקטיק. מיין שוועסטער, פרידאַ, איז אַ גוטע בוכפירערין. מיר וועלן פאַר אַלץ אָפּצאָלן מיט לעבנסלענגלעכער דאַנקבאַרקייט. ראַטעוועט אונז, ליבער אָנקל און גוטער מאַן, איידער עס ווערט צו שפּעט".

אייכענבוים האָט, שוין צום וויפלטסטן מאָל, ווידער זיך איינגעקוקט אין דער פאָטאָגראַפיע פון די צוויי יונגע מענטשן — ברודער און שוועסטער. אַזעלכע ליבע און ערלעך־שיינע געזיכטער, אַזאַ צאַרטע חנעוודיקייט ליגט אויף זיי אויסגעגאָסן. אָבער — עפּעס גאָרנישט ענלעך אויף קיין יידישע פּנימער.

און אייכענבוים האָט זיך פאַרזונקען אין שווערע מחשבות:

— מיין מאַמע און מיין שוועסטער! צוליב מיין נאַכלעסיקייט האָב איך נישט באַוויזן זיי אַרויסצוראַטעווען, אין צייט, פון וואַרשע. איצט ווייס איך נישט ווו זיי זענען אַהינגעקומען.

ווידער האָט אים גענומען פייניקן, מאַטערן און רייסן שטיקער פון זיין נשמה, דער שרעקלעכער געדאַנק, וועלכער לאָזט אים נישט צורו אין די לעצטע חדשים, אַז ער איז אַ פאַרברעכער, אַ מערדער. אַז ער איז שולדיק אין זיין מאַמעס און שוועסטערס אומגליק.

— ס'איז מיין זינד. מיין פאַרברעכן. קיינמאָל אין לעבן וועל איך עס זיך נישט מוחל זיין און קיינמאָל אין לעבן וועל איך דאָס נישט קאָנען אויסקויפן.

וויפל אייכענבוים האָט זיך שוין נישט באַמיט, דורך פאַרשיידענע וועגן און אומוועגן אויסצוגעפינען ווו זיין מאַמע און שוועסטער געפינען זיך, אָבער — אומזיסט.

— און דער שולדיקער בין איך — האָט ער זיך אַליין געפּייניקט — דער פאַרברעכער בין איך — — !

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג אין דרויסן, ווען אייכענבוים האָט אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס אַרויסצוראַטעווען די צוויי יונגע מענטשן פון דעם נאַצישן גיהנום.

אין אַ קאַלטן, לייכט־פאַרעסטלדיקן באַגינען פון חודש יאַנואַר האָט

שמואל אייכענבוים מיטן ווייב געגרייט זיך גיין צום וואקזאל, צו דערוואַרטן דעם צוג וואָס דאַרף אָנקומען פון ווראַקרוז.

ער — אַ מאַן אין די ערשטע פערציקער, אַ מיטלוווקסיקער, טונקל־בלאָנדער, מיט אַ ברייטן לייבן־קאָפּ און הויכן שטערן, וועל־כער ענדיקט זיך מיט אַ געדיכטער געקרייזלטער טשופּרינע — האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי ער זאָל זיין אַ פּראָפעסאָר פון אַן אוני־ווערזיטעט, אָדער אַזוי אַ הויך־וויסנשאַפטס מאַן.

געווען איז אייכענבוים פון דער היים אַן איינפאַכער אַרבעטער, אַ קאָמאָשנשטעפּער. אין מעקסיקע — נאָך אַ סאַך גלגולים און נאָך לאַנגן קלעטערן באַרג אַרויף — האָט ער דערקלעטערט צו אַ לעדער געשעפט, מיט אַ גאַנץ היפּשן קאַפּיטאַל. עס האָט אים אָבער מער אימפּאָנירט זיין געלערנטער אויסזען איידער זיין קאַפּיטאַל און ער האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט איינצוהאַלטן דעם גוטן איינדרוק וואָס זיין אויסזען האָט געמאַכט.

אייכענבוימס ווייב, לאהקע, אויך אַ בלאָנדע, איז געווען אַ סך יונגער פון אים און העכער פון אים. מיט גרויסע הימל־בלויע אויגן און מיט אַ שמאָל און לענגלעך קינדיש פּנימל. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאָר גרויסע וועלטס שיינהייט און די דאָזיקע איינרעדעניש האָט איר געגעבן חוצפּה, און זי האָט זיך געפילט באַרעכטיקט צו זיין די הערשערין אין הויז, אפילו איבער איר מאַן אויך.

ביידן — דעם מאַן און ווייב — האָט זייער געלאָקט די נייגע־ריקייט, שוין אָנצוקוקן די פּלימעניקעס, וועלכע קומען צו זיי אַזש פון דייטשלאַנד.

ביידע, יעדער אויף זיין שטייגער, האָבן זיי זיך געגרייט און שטאַרק זיך באַמיט וואָס בעסער אויסצונעמען, געפעלן ווערן די געסט און מאַכן אויף זיי אַ גוטן איינדרוק.

שמואל אייכענבוים האָט גענומען אויפנישטערן אין זכרון די דייטשע ווערטער, וועלכע זענען ביי אים פאַרבליבן נאָך פון דער פריערדיקער מלחמה, ווען די דייטשן האָבן געהאַלטן אָקופּירט וואַר־שע. ער האָט זיך געוואָלט ווייזן פאַר די געסט אַלס אינטעליגענטער פּעטער און וועלטס מענטש, וואָס קען „שפּרעכן" אפילו „דויטש", ווען מ'באַדאַרף.

לאהקע, ווידער, האָט זיך באַמיט, אויף איר אייגענעם ווייבער־רישן שטייגער, געפעלן צו ווערן, לויט איר פאַרשטאַנד. זי האָט זיך געוואָלט ווייזן אַלס יונגע, שיינע, גראַציעז־עלעגאַנטע מומע. שפּראַך — האָט זי געהאַלטן — שפּילט קיין ראָל נישט. מענטשן וואָס געפעלן זיך, געפינען שוין אויס אַ געמיינזאַמע שפּראַך צווישן זיך. בפרט דייטש, — ווער ס׳קען יידיש קען עס נישט קיין דייטש?

פון אָנקומענדיקן צוג פון ווראָקראָו זענען זיי אויסגעשטיגן, די פלימעניקעס. ביידע שלאַנקע און הויכע. ער — אַ שטרוי־בלאָנדער, מיט אַ ביינערדיק־לענגלעך און מאָגער פנים, מיט אַ פאַררויסענער נאָז און טרוקענע, העל־גרינע אויגן. זי — אַ ליכטיקע שאַטינקע, מיט אַ צאַרט און פול געזיכט און וואַרימע, מילדע ברוינע אויגן.

גלייך פון ערשטן אויגנבליק איז אייכענבוים באַלד אַנטציקט געוואָרן פון זיין נייער פלימעניצע. ער האָט זיך צוזעט נישט גע־קאָנט אָפּקוקן פון איר ליכטיקן געשטאַלט. ער איז געוואָקסן פון נחת פון יעדן קוש, וואָס ער האָט פון איר געקראָגן, באַגלייט מיט וואַרי־מע דאַנקבאַרע בליקן און מיט ענטוזיאַסטישע, האַרציקע אויסגע־שרייען: „ליבער אָנקל!" אַ צעשטראַלטער האָט ער זיך געהויבן אין דער לופט און געטראַכט:

— יאָ, עס איז כדאי געווען!

איר אָבער, דער מומען, האָט גאָרנישט אימפּאָנירט דער נייער, שטרויענער פלימעניק, וועלכן זי האָט מיט אַזוי פיל דערוואַרטונג אויסגעקוקט. „עפּעס אַזאַ אויסגעטרוקנטער, אייז־קאַלטער פיש!" זי האָט אָבער פונדעסטוועגן פאַרטיידיקט אים אין געדאַנק: „מסתּמא איז ער נאָך דערשלאָגן פון די שרעקלעכע ליידן, וואָס ער איז, נעבעך, ביי די נאַציס אויסגעשטאַנען און ער איז מיד נאָך פון דער לאַנ־גער און שווערער רייזע קיין מעקסיקע". עס האָט זיך איר נישט געוואָלט אויסניכטערן פון יענע זיסע און פאַרשיכורנדיקע חלומות, וואָס זי האָט אין די לאַנגע חדשים פון דערוואַרטונג אויסגעחלומט...

אַ ניי לעבן איז אויפגעגאַנגען ביי אייכענבוימען אין שטוב מיטן אָנקומען פון די פלימעניקעס.

דער פעטער האָט זיך געשפּיגלט אין פרידאַס אויגן און גע־

שוועבט צווישן די הימלען. ער איז געווען זיכער, אז נאך אזא ליב וועזן איז גאר אויף דער וועלט נישט פאראן. פאר אלע געסט האט ער פרידאן פארגעשטעלט מיט באזונדערן שטאלץ, ווי מ'שטעלט פאר א כלה. עס איז נישט שווער געווען ,צו זען, אז דער פעטער איז פשוט פארליבט אין פרידאן.

דער מומען איז סוף כל סוף געלונגען צו געווינען דעם שטרויע־נעם פלימעניק אירן, אבער אינגאנצן צופרידן מיט אים איז זי נאך אלץ נישט געווען: „א יונגער בחור און אזא קאלטע נשמה... אפילו קיין רעכטן קוש קאן מען פון אים נישט ארויסקריגן"...

דאס האט געגריזשעט איר געמיט, געפרעסן דאס הארץ, זי גע־האלטן אין געררייצטער שפאנונג און אויפגעברויזט איר אייפער־זוכט. טיף אין דער נשמה האט איר געברענט א כעס אויף פרידאן, פארוואס יענע זיין קאן זיין מער אנצענדיק פאר איר און גלייכצייטיק האט אין איר געצונדן א פארדרוס, פארוואס פרידא האט ביי איר צוגערויבט די אויפמערקזאמקייט פון איר מאן. לאהקע האט אבער זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כוחות נישט ארויסצווייזן וואס עס ברענט אין איר אינעווייניק. איינס — פאר מורא, די פלימעניקעס זאל, חלילה, נישט דענקען, אז זי איז נישט גענוג וועלטלעך, און צווייטנס — נישט ארויסצורופן קיין פארדאכט ביי קארלען, אז אויך א צווייטער פארנעמט פלאץ אין אירע געפילן און דערמיט אים געבן א מאטיוו אנצוהאלטן זיין קאלטקייט צו איר.

אויסגעלאזט האט לאהקע איר גאנץ הארצווייטיק און איר גאנ־צע אינערלעכע פיין, צו איר מאן. אבער נישט מיט קיין ווערטער האט זי דאס ארויסגעבראכט. עס איז איר נישט אנגעשטאנען, איר, דער שטאלצער לאהקען, צו ווייזן זיך פארן מאן דערנידעריקט קעגן אים, אז ער זאל מיינען, אז זי איז איבער אים אייפערזיכטיק.

איין ווארט בלויז וואס האט איר געגעבן א מעגלעכקייט ארפפ־צושרייען זיך פון הארצן און דורכן דאזיקן איינציקן ווארט האט זי געפונען אן אויסדרוק צו אירע געפילן, וועלכע האבן זיך געריסן ארויסצוקומען.

עס איז גענוג געווען זי זאל א געשריי געבן צו איר מאן:

— פעטער!

זי האָט דעם דאָזיקן „פּעטער" אַרויסגעשריגן מיט אַזוי פיל גאַל, מיט אַזאַ ווייבעריש־גריזשענדיקן גיפט און מיט אַזאַ לאַקכעצ־דיק־שניידנדיקער איראָניע, אַז יענעם זאָל עס פאַרגיין אין דער זי־בעטער ריפּ. אייכענבוים האָט עס זייער גוט געפילט און פאַרשטאַ־נען, וואָס זיין ווייבס „פּעטער" מיינט צו זאָגן, אָבער עס האָט אים געלוינט צו מאַכן זיך נישט ווּסנדיק.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן זעקס וואָכן צייט.

ווי איינער גיט אומגעריכט אַ פאַל אַראָפּ פון שפּיץ באַרג, נאָכ־דעם ווי ער האָט קוים מיט צרות אַהין זיך אַרויפגעדראַפּעט, אַזוי איז געוואָרן די שטימונג ביי אייכענבוימען אין שטוב, ווען אין איין אוונט האָבן די פּלימעניקעס געגעבן צו וויסן, אַז זיי האָבן געקראָגן באַשעפטיקונג אין מאַזאַטלאַן און זיי מוזן באַלד אַהין אַוועקפאָרן.

עס האָבן נישט געהאָלפן די אַלע טענות און איינרעדענישן פון די פּלימעניקעס, אַז זיי וועלן, מיט דער צייט, נאָך אומקערן זיך קיין מעקסיקע, אַז זיי וועלן שרייבן אָפט בריוו און אַז די האַרציקע, העגנזייטיקע פריינטשאַפט וועט אויף „אימער אונד עוויג" זיין אָנ־געהאַלטן אפילו פון דערווייטנס אויך.

דער פּעטער איז געבליבן זיצן ווי אַ נישט דערפאַרענער, אָנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט און טרויעריק געשוויגן.

די מומע איז, פאַר צער און האַרצווייטיק, אַרויסגעפאַלן קאַרלען אויפן האַלז און היסטעריש זיך צעוויינט...

אַוועק איז אַ צייט און פון קאַרלען מיט פרידאַן איז קיין וואָרט נישט געקומען.

ביידע — שמואל אייכענבוים מיטן ווייב — זענען געווען פאַר־טון, יעדער איינער אין זיין אייגענער בענקשאַפט. יעדער האָט זיין פאַרוואונדערונג און צער דערשטיקט טיף אין זיך און יעדער פאַר זיך האָט זיך געפילט באַליידיקט, פאַרשעמט און אָפּגענאַרט.

ערשט נאָך דריי חדשים, איינמאָל אין אַ מאָנטיק, מיטאָג־צייט, זענען צו אייכענבוימען געקומען צוויי ציוויל־מענטשן און האָבן זיך

לעגיטימירט אַלס געהיים־אַגענטן. זיי האָבן געוויזן אַ פאָטאָגראַפיש בילד און אים געפרעגט, צי ער דערקענט דאָס.

און ווי האָט ער געקאָנט דאָס נישט דערקענען? עס איז געווען אַ בילד פון אייכענבוימען מיט דער פרוי, צוזאַמען מיט זייערע פּלי־מעניקעס, קאַרל און פרידאַ.

דאָס דאָזיקע בילד אין די הענט פון די אַגענטן און די פאַרשונגס בליקן פון די אַגענטן האָבן פול געמאַכט די שטוב מיט רעטעניש און געהיימניש.

מאַן און ווייב האָבן שווייגנדיק און מיט שרעק זיך איבערגע־קוקט, געקוקט אויף די אַגענטן און האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס קימט דאָ פאָר אַזוינס.

די צוויי געהיים־אַגענטן האָבן זייער העפלעך געבעטן אייכענ־בוימען, אַז ער זאָל אַזוי גוט זיין און מיט זיי מיטגיין, ווייל עס דאַרף אויפגעקלערט ווערן זייער אַ וויכטיקער ענין, וואָס האָט צו טון מיט דער היגער מעקסיקאַנער מלוכה און אויך מיט די פאַריייניקטע שטאַטן.

מיט אַ סאַך שוועריקייטן, מי און צרות, און אַדאַנק דער אינ־טערווענץ פון אַן אָנגעזעענער מעקסיקאַנער יידישער אינסטיטוציע, איז קוים געלונגען צו באַפרייען אייכענבוימען פון תפיסה, ווו ער איז געווען אַרעסטירט צען טעג.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַרל מיט פרידאַן, אייכענ־בוימס „פּלימעניקעס", זענען געפערלעכע דייטשישע שפּיאָנען און אַלס אַזעלכע זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן אין די פאַריייניקטע שטאַטן.

עס איז קוים געלונגען אויפצואוויזן, סיי פאַר דער רעגירונג פון מעקסיקע און סיי פאַר דער רעגירונג פון די פאַריייניקטע שטאַטן, אַז אייכענבוים איז אויף אַ מיאוסן אופן אָפּגענאַרט געוואָרן פון די צוויי שפּיאָנען, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס זיינע פּלימעניקעס און אַז ער, אייכענבוים, איז דאָ אַבסאָלוט אומשולדיק.

שוין נאָך אַלעמען, אַז לאַהקע, אייכענבוימס ווייב, האָט זיך שוין געהאַט באַרואיקט פון דער שרעק, צוליב דעם אומגליק וואָס

האָט געלויערט איבער איר מאַנס קאָפּ און אייכענבוים איז שוין געווען אינדערהיים אַ באַפרייטער פון יעדן חשד, האָט זי ערשט אָנגעהויבן אָפּרעכענען זיך מיט אים פאַר דער גאַנצער פריערדי־קער צייט.

עס איז גענוג געווען, אַז זי זאָל אַ געשריי טון צו איר מאַן:

— פּ ע ט ע ר !

זי האָט אַרויסגעזאָגט דאָס דאָזיקע וואָרט „פּעטער" מיט אַזאַ ווייבעריש־גריזשענדיקן טאָן, האָט אַריינגעלייגט אינם דאָזיקן וואָרט אַזויפיל גיפט, אַזוי פיל לאַקכעצדיק־שניידנדיקע איראָניע, אַז יע־נעם זאָל עס פאַרגיין אין דער זיבעטער ריפּ.

נאָך יעדן געשריי אַזעלכן — „פּעטער", האָט אייכענבוים אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, ווי אַ פאַרשולדיקטער און הכנעהדיק געשוויגן.

געבליבן אליין

ווער ס'האָט געקענט ד"ר חיים זשיטלאָווסקין, פּערזענלעך צי פון בילד, אַז ער וועט זען יואל סוקעניק אין מעקסיקע, וועט ער זיך מוזן וווּנדערן אויף דער שטאַרקער ענלעכקייט פון זיי ביידע. די גאַנצע פיזיאָנאָמיע פון פּנים — מיט אַלע שטריכן און קנייטשן, וואָס ברענגען אַרויס די אייגנאַרטיקייט פון פּערזאָן — איז אַזוי שטוי־נענדיק ענלעך ביי זיי ביידע, אַז אויפן ערשטן קוק איז לייכט צו מאַכן אַ טעות פון פאַרבייטן איינעם אויפן צווייטן. איבערהויפּט ליגט די ענלעכקייט אינם בערדל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר ביידע. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן די פּערזאָן פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי אָן אַ בערדל. עס דאַכט זיך, אַז אָן דעם וואָלט ער גאָר קיין זשיטלאָווסקי נישט געווען. אַזוי איז אויך שווער פאָרצושטעלן זיך ווי עס קאָן אויסזען דער מענטש יואל סוקעניק אָן דעם בערדל זיינס, וואָס מאַכט אים אַזוי אייגנאַרטיק. עס דאַכט זיך, אַז אָן דעם בערדל וואָלט ער בשום אופן נישט געווען ער, און נישט דאָס וואָס ער איז.

אַן אונטערשיד, צווישן ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און יואל סו־

קעניק, איז נאָר פאַראַן אין די אויגן. ביים ערשטן זענען די אויגן אָפענע, פרייע, קלוגע און גלייכציַיטיק קינדיש־נאַאיווע. ביי סוקעניקן אָבער זענען די אויגן האַלב פאַרמאַכטע, און די אָפענע העלפטן זעען אויס ווי פאַרהאָנגען מיט פאַרהענגלעך, פון הינטער וועלכע עס קוקט אַרויס אַ קוים באַמערקבאַרער ביטערער בליק.

יואל סוקעניק איז אַ ייד אַ בן־תורה, דערצו — אַ רייכער ייד און מענטשן האַלטן אים פאַר אַ קלוגן, פאַר אַ מענטש מיט אַ קלאָרן און לאָגישן פאַרשטאַנד. אָבער נאָכמער ווי מענטשן האַלטן פון אים, האַלט ער אַליין פון זיך. אַ געלאַסענער איז ער, יואל סוקעניק, אַ רואיקער, גייט פאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט, רעדט געלאַסן, בנעימותדיק, געציילטע ווערטער, אַ שטייגער ווי יעדעס וואָרט זיינס וואָלט באַדאַרפט ווערן אַ געזעץ און אַן איבעריק וואָרט קאָן נאָך, חלילה, שלעכט פאַרשטאַנען ווערן און דער גאַנצער וועלט אַ שאָדן ברענגען.

פירן פירט זיך יואל סוקעניק שטרענג־רעליגיעז, אויפן אַלטן יידישן שטייגער. וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט. שבת איז שבת און יום טוב איז יום טוב; און אַלע געשעענישן אין דער וועלט זעט ער אייגנאַרטיק, דורך זיינע אייגענע יידישע ברילן, מיט זיין אייגענעם תורה־יידישן קוק דורכגענומען און מיט דעם אָפּטייטש פון עפּעס אַן אַלט ספר.

האָט ער, סוקעניק, פאַרשטייט זיך, געוואָלט זען זיינע דריי זין אויך אַזוי. אָבער דער שטראָם פון דער צייט האָט זיי אים פון די הענט אַרויסגעריסן. איז ער, סוקעניק, געווען קלוג גענוג צו פאַרשטיין, אַז אַנדערש האָט עס נישט געקאָנט זיין. אָבער דאָס וואָס עס האָט זיך געלאָזט און ס'איז מעגלעך געווען, האָט סוקעניק זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אין די קינדער אויפצוהאַלטן.

איינס פון דעם אַלעם, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן איינצוהאַלטן ביי די קינדער, איז געווען דער טראַדיציאָנעלער פרייטיק־צונאַכטס. יואל סוקעניק פלעגט זיך באַרימען מיט שטאָלץ, אַז די גאַנצע וואָך האָט די נייע צייט ביי אים אָוועקגערויבט, אָבער דעם פרייטיק צונאַכטס האָט ער אויף כוח ביי דער צייט צוריק אַרויסגעריי.

יואל סוקעניקס זין זענען שוין אַלע חתונה געהאַטע און האָבן אַליין שוין פאַמיליעס פאַר זיך. פלעגט אָבער קומען דער פרייטיק צונאַכטס זענען זיי, אַלע דריי זין מיט זייערע פאַמיליעס, ווידער צוריק געוואָרן קינדער ביים טאַטנס טיש, וועלכער האָט זיך געפירט עכט נשמה יתירהדיק, אויפן אַלטן יידישן שטייגער, מיט דביקותדיקע „שלום עליכמס", מיט אַ צאַרטן „אשת חיל", מיט אַ קלינגענדיקן קידוש, מיט שבתדיקע זמירות און מיט אַ צוגאָב פון דברי תורה, וועלכע זענען באַזירט געוועזן אויף דער פרשה פון דער וואָך. אפילו וועלט נייעסן און פּאָליטישע געשעענישן זענען אויך דורך סוקעניקן אריינגעטייטשט געוואָרן אין פסוקים, אין מאמרי חז"ל. און דורך זיי — אויסגעטייטשט און באַנומען דעם גאַנצן גאַנג פונם סדר העולם.

אָפטמאָל פלעגן די זין זיך מוזן אָנטון אַ כוח כדי צו דערשטיקן אין זיך דעם חוזק שמייכל, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם טאַטנס פּאָליטישע אָפּטייטשונגען. בלויז נאָר דער דרך ארץ פאַרן טאַטן און דער יראת הכבוד פאַרן שבתדיקן טיש האָט זיי באַווירקט צו זיין טאָלעראַנט און געדולדיק געגנוג צום טאַטנס תורה־רייד און צו זיינע תורהדיקע באַנעמונגען איבער וועלט געשעענישן.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון יאָר 1939.

עס האָט זיך צעפלאַקערט די גרויסע וועלט־שריפה. פון דעמאָלט אָן האָט זיך, ביסלעכווייז געגומען אָפּטון די שכינה פון סוקעניקס פרייטיק־צונאַכטסדיקן טיש. די געמיטלעכע שבת קודשדיקע, אידילישע רואיקייט האָט זיך מער נישט געקאָנט אויפהאַלטן. דער שטורעם פון דער צייט האָט זי אויפגעריסן.

די געמיטער פון סוקעניקס זין זענען אויפגעברויזט געוואָרן. זיי האָבן שוין קוים געקאָנט דולדן דעם טאַטנס רואיקע יידיש־תורהדיקע אויסטייטשונגען וועגן דער מלחמה. אפילו זיי אַליין, די זין צווישן זיך, האָבן זיך נישט געקאָנט מער איינפאַרשטיין, יעדער איינער האָט געדענקט אַז נאָר ער אַליין פאַרשטייט ריכטיק דעם גאַנג און דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה.

דער עלטערער זון, אַ ציוניסט, מיט אַ פאַרביטערטער שנאה צו

ענגלאַנד פאַר אירע פּראָוואָקאַציעס, וואָס זי האָט אַלע יאָרן אָנגע־פירט אין ארץ ישראל און פאַר די שטיינער, וואָס זי האָט שטענדיק געלייגט אין וועג פון דער יידישער אויפבוי־אַרבעט — ער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז ענגלאַנד איז ווערט דעם פּסק צעבראָכן צו ווערן אַזוי גוט ווי דייטשלאַנד און אַז נאָר אַמעריקע דאַרף הערשן איבער ארץ ישראל און דעמאָלט, אונטער אַמעריקעס פּראָטעקטאָראַט, וועט קאָנען אויפגעבויט ווערן אַ גרויסע יידישע מלוכה אין ארץ ישראל.

דער צווייטער זון, אַ סימפּאַטיקער פון סאָוועט רוסלאַנד, איז געווען ביי דער מיינונג, אַז נאָכדעם ווי די גאַנצע צעפוילטע קאַפּי־טאַליסטישע אייראָפּע וועט צעפאַלן ווערן, וועט ערשט רוסלאַנד אויפשטיין און באַהערשן אייראָפּע. דעמאָלט וועט זיך אַ נייע גליק־לעכע תקופה אָנהויבן אין אייראָפּע; שפּעטער וועט פון אייראָפּע דער ביישפּיל זיך אַריבערטראָגן אין אַנדערע וועלט־טיילן.

דער דריטער זון, דער יונגסטער, איז געווען אַ שטאַרקער אָנ־הענגער פון דעמאָקראַטיע, מיט אַלע אירע פעלערן, האָט ער גע־האַלטן, אַז ענגלאַנד מוז געווינען די מלחמה און ער האָט אויף דעם געהאַט טויזנטער באַווייזן, אַז אַזוי מוז עס זיין.

האָבן דעריבער די אידילישע פרייטיק־צונאַכטסן ביי יואל סור־קעניק אָנגעהויבן צו ווערן דער צענטער פון הייסע דיסקוסיעס און פון שאַרפע ווערטער־אויסטוישן.

פון אָנהויב זענען נאָך דעם טאַטנס ווערטער געווען אימשטאַנד צו באַרואיקן די געמיטער און אַלעמען איינצושטילן. ער, יואל סור־קעניק, האָט אויפגעוויזן, אַז די היינטיקע מלחמה איז גאָר די מלחמת גוג ומגוג און דאָס איז אַ באַווייז אויף משיחס נאָענטן אָנקומען. ער האָט געפונען אויף דעם געגנוג רמזים אין דער תורה; פּסוקים אין דניאל; אַ געווויסן מדרש און אַ שטעל אין זוהר, אַז משיח דאַרף קומען אין יאָר תש״א.

קעגן אַזעלכע אַרגומענטן און קלאָרע באַווייזן — — האָבן די זין שוין געמוזט זיך באַהערשן און שווייגן, אָבער דאָס שווייגן איז געווען פון פאַר אַ שטורעם, וואָס האָט סוף כל סוף אויסגעבראָכן.

געשען איז דאָס אין יענעם טרויעריקן פרייטיק צונאַכט.

די נאַכמיטאָג צייטונגען האָבן צוויסן געגעבן, אַז פראַנקרייך האָט קאַפּיטולירט.

ביי יואל סוקעניק אין שטוב איז אויסערלעך אַלץ געווען ווי שטענדיק: די שבת־ליכט האָבן געברענט מיט צניעותדיקער קדושה און מיט יחוסדיקער זעלבסטווערדע האָבן זיי זיך געגרויסט אַנט־קעגן דער חוצפּהדיקער און שרייעוודיקער עלעקטרישער ליכט. די שבתדיקע ליכט האָבן אין אַ שטומען לשון דערציילט פון אייביקייט; פון אַ וועלט וואָס קאָן נישט און וועט נישט אונטערגיין; פון אַ וועלט וואָס האָט שוין געגוג שטורעמס איבערגעטראָגן און וועט ווייטער איבערטראָגן און דאָך וועט זי אַרויס גאַנץ.

קיינער, אויסער דער הויכער און שטאַלצער פרוי — סוקעניקס ווייב, האָט זיך צום שטומען לשון פון די שבת ליכט נישט צוגעהערט. יואל סוקעניק איז צופיל געווען פאַרנומען מיט אויפנעמען די מלאכי השרת און מיט די הכנות צו קידוש, אַז ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו לייגן אויפמערקזאַמקייט צו דעם וואָס די שבת־ליכט שעפּטשען. די דריי זין ווידער האָט געעגבערט אין קאָפּ די נייעס פון פראַנקרייכס פאַלן און פון דער גרויסער וועלט שריפה, וואָס צע־פלאַקערט זיך אַלץ שטאַרקער איבער דער גאָרער וועלט.

אַזוי איז זיך יעדער איינער געווען פאַרזונקען אין זיינע אייגע־נע מחשבות און ביים טיש האָט געהערשט אַן אומהיימלעכע שטיל־קייט.

ערשט נאָך די פיש האָט יואל סוקעניק דערציילט מיט שמחה, אַז ביים דאַווענען האָט דער אַלטער נחמיה געוויזן אַ רמז אין מגילת איכה, אַז מיטן פאַלן פון פראַנקרייך קומט דער אָנהייב פון דער גאולה.

אַלע דריי זין האָבן זיך שאַרף איבערגעקוקט.

דער יונגסטער זון האָט זיך אָנגענומען מיט חוצפּה און גע־פרעגט:

— מיינסטו טאַקע אויף אַן אמת, טאַטע, אַז די גאַנצע וועלט דרייט זיך אַרום יידן?

— וואָס הער איך ביי מיין טיש! — איז יואל סוקעניק גע־

וואָרן בלייך און מיט אַ ציטער אין קול אַרויסגערעדט — וואָס האָב איך דערלעבט!

— דו דאַרפסט זיך נישט אויפרעגן, טאַטע, — האָט זיך אָנגערופן דער מיטלסטער זון — עס איז זייער שווער דיר תופס צו זיין אין אַזאַ צייט. אַ וועלט שטייט אין פלאַמען, לענדער ווערן חרוב, פעלקער גאַנצע שטייען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, מיליאַנען מענטשן טרינקען זיך אין בלוט, און דו ווילסט, אַז מיר זאָלן מיט דיר איינשטימען, אַז דאָס אַלצדינג איז צוליב יידן. ווערסט נאָך אויך וועלן אַז מיר זאָלן העלפן דיר מיט נחמיהן זוכן רמזים אין מגילת איכה אויף אַן אויסגעחלומטן משיח.

— דו אויך! — האָט סוקעניק געציטערט פון אויפרעגונג, און ער האָט זיך געווענדעט צום עלטסטן זון — און וואָס שווייגסטו, שמואל?

שמואל האָט נישט געענטפערט.

סוקעניק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גערעדט צו זיך אַליין:

— אַזוי, איר אַלע. לית דין ולית דיין. די וועלט איז הפקר. אין תוחלת ואין תקוה! שיין דערלעבט, יואל, שיין זיך דערוואָרט אויף די עלטערע יאָרן. אויב אַזוי — האָט יואל סוקעניק אויפגעהויבן העכער די שטימע — איז שוין בעסער טאַקע אַליין, טאַקע אַליין.

ער האָט זיך צעשריגן:

— אַליין, אַליין, ממש אַליין, סיי ווי זענען זיי נישט מיט מיר!

די פרוי איז צו אים צו און ווי אַ מאַמע נעמט איין אַ קינד, האָט זי אים קוים באַרואיקט.

אין פיינלעכן שווייגן איז יענע פרייטיקצונאַכטיקע סעודה קוים פאַרענדיקט געוואָרן.

אַוועק איז פון דעמאָלט אָן די שבתדיקע אידילישע געמיטלעכקייט פון יואל סוקעניקס פרייטיקצונאַכטיקן טיש. נישטאָ מער די קינדער אַרום טיש, נישטאָ מער די לעבעדיקייט און פריילעכקייט, וואָס האָט דעם שבת קודש מקבל פנים געווען. יואל באַמיט זיך, אַז דער שבת־טיש זאָל נישט אויסזען פאַרשטערט, זאָגט ער

„שלום עליכם“ מיט אַ העכערן טאָן. מאַכט ער קידוש מיט אַ דריי־גאַרנדיקן קלאַנג, זינגט ער זמירות מיט אַ העכערן ניגון. אָבער דער־ווייל כאַפּט זיך אומגערן אַרויס אַ קרעכץ און די פרוי ווישט בגנבה אויס אַ טרער, און פון די ווינקלען פון שטוב שרייט אַרויס אַ שטום קול:

— אָפּגעטון האָט זיך די שכינה פון יואל סוקעניקס שבת־טיש...

און יואלן קלינגט אין די אויערן אַן אַלט באַקאַנטע שטימע: — „אוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם“...

די טרעפערין

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָט אַ מאָדערנער און עלעגאַנטער אויטאָמאָביל לאַנגזאַם זיך געשלייכט איבער די שטילע און רואיקע גאַסן פון די רייכע קאָלאָניעס, אַרום מעקסיקע־שטאָט.

אַ יונג מיידל, פון אַ יאָר 18—20, אַ רויטהאָריקע, מיט אַ פּאַריסן נעזל און חוצפּהדיקע, טונקל־בלויע אויגן, האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל. נעבן איר איז געזעסן נאָך אַ מיידל, אויך אַ יונגע, מיט גרויסע, לעבהאַפטיקע, שוואַרצע אויגן, מיט געפאַרבטע האָר אויף בלאָנד און מיט אַ רונד־פול פּנים, אויף וועלכן ס'איז צעלייגט געווען אַ פרעך־שטיפערישע זאָרגלאָזיקייט.

הינטער זיי זענען געזעסן נאָך צוויי מיידלעך, שוין נישט זייער קיין יונגע, און ביידע זענען זיי אַזוי ענלעך געווען איינע צו דער צווייטער, ווי זיי זאָלן זיין צווילינג־שוועסטער: ביידע — ליכטיק־בלאָנדע, מיט העל־גרינע אויגן, מיט דינע פאַרשנורעוועטע ליפּעלעך און מיט שמאָלע און לענגלעכע געזיכטער, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט שאַרף־שפּיציקע געמבעס. און ביידע — אַזעלכע ערנסטע און פאַרטראַכטע, מיט אַ האַרטער עקשנות פאַרצויגן אויף

זייערע געזיכטער און זעלטן האָט אַ לייכט שמייכעלע באַוועגט זייע־רע ליפּן.

די רויטהאָריקע, וואָס איז געזעסןביים רעדל, האָט געהאַלטן אין איין דערציילן געפּעפּערטע וויצן, פּיקאַנטע אַנעקדאָטן און קיצל־דיקע מעשהלעך. און די צווייטע, וועלכע איז נעבן איר געזעסן, האָט, נאָך יעדן דערציילטן וויץ, אַזוי הילכיק זיך צעלאַכט, אַזוי קלינ־גענדיק און קווייטשענדיק, אַז עס האָט אַזש אָפּגעשטעלט אַלע נאָ־ענטע און ווייטע דורכגייער און צוגעצויגן זייערע איבעראַשנדיקע בליקן.

פונם דאָזיקן אויטאָמאָביל, מיט די פיר מיידלעך, האָט מען אַרויסגעטיילט, צו די פאַרבייגייער, קאַרטלעך מיט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ שיינער, מיטליאָריקער, אָריענטאַלער פרוי, אַ דיקלעכע, מיט אַ גוידער און מיט צוויי דיקע צעפּ אַראָפּגעלאָזט אויף פאָרנט אי־בערן ביוסט און די צעפּ — באַהאַנגען מיט פאַרשידענע מטבעות פון אַלערליי גרויסן.

אויף דער צווייטער זייט פון דער פאָטאָגראַפיע איז געווען געמאָלדן אַזוי:

„ס'איז אָנגעקומען קיין מעקסיקע די וועלט־באַרימטע, עגיפּטי־שע העל־זעערין און צוקונפט־טרעפערין, פאַטימאַ חאסין אַל־באַב. זי איז אומפעלבאַר אין אירע פּראָגנאָזן. זי דעקט אויף די סוד־דותדיקסטע געהיימענישן. זי דרינגט אריין אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה. זי לייענט אַלע באַהאַלטענע געדאַנקען און מאַכט קלאָר די צוקונפט פון יעדן מענטש.

זי רעדט אויף פאָלגנדיקע שפּראַכן: ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַ־ניש, דייטש, רוסיש, פּויליש, איטאַליעניש, אונגאַריש, טערקיש און אַראַביש.

זי נעמט אָן אינטערעסאַנטן יעדן טאָג, איינגעשלאָסן זונטיקן און יו"ט־טעג, פון 9 ביז 1 אינדערפרי און פון 6 ביז 9 אין אָוונט".

איין קאַרטל אַזאַ איז אויך אָנגעקומען צום יידישן יונגנמאַן, דוד אַבראַמסאָן.

דוד אַבראַמסאָן איז אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק

יאָר, אַ הויכער אַ טונקל־הויטיקער און אַ דאַרער, מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז, פון וועלכן עס שטופט זיך אַרויס אַ שפּיציקער קנאַפּ. אַ שוואַרצע, געדיכטע און צעפּאַטלטע טשופּרינע באַקרוינט זיין קאָפּ מיטן הויכן שטערן. און גרויסע פאַרחלומטע טונקל־ברוינע אויגן האָט ער און אַ לאַנגע, שפּיציקע נאָז, אויף וועלכער עס הענגט שטענדיק אַן אָנגעכמורעטער ברוגז.

אַז דוד אַבראַמסאָן גייט, שטופּט ער פאָרויס זיין אויבערשטן האַלבן קערפּער מיטן לאַנגן האַלז און דערנאָך קומען אונטער ערשט די פיס, אַ שטייגער ווי ער זאָל מוזן, מיטן אויבערשטן האַלב קערפּער, פריער אויסשפּירן דעם וועג און זען, צי איז ער פריי גענוג פאַר זיינע פיס.

באַשעפטיקן באַשעפטיקט זיך דוד אַבראַמסאָן, צוליב פּרנסה־נויטן, נאַטירלעך, מיט דעם וואָס ער שטעלט צו אַלערליי צודאַטן פאַר שניידער־וואַרשטאַטן. ער איז אויך אַ שטיקל מעכאַניק, צו פאַריכטן ניי־מאַשינען, עלעקטרישע איינריכטונגען און ראַדיאָס. זיינע פאַרדינסטן זענען נישט קיין שלעכטע, אָבער טיף אינזיך טראָגט ער אַן עקל צו זיינע פּרנסה־באַשעפטיקונגען, כאָטש זיי זענען אַלע גאַנץ ערלעכע און כשר־פאַרדינטע. ער פילט זיך דערשלאָגן, דערדריקט און נחות־דרגאַדיק מיט זיינע פאַרדינסטן. ער האַלט, אַז די דאָזיקע אַלע זיינע פּרנסות פאַרסמען זיין נשמה און דערהאַרגענען זיין אייגנטלעכן באַרוף, וועלכער איז דער אין אמתן גאָר — ווי ער איז זיכער אין זיך — צו זיין אַ פּאָעט און דאַווקע אַ גרויסער פּאָעט.

דוד אַבראַמסאָן האָט ליגן גאַנצע בערג מיט אָנגעשריבענע לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס און דראַמעס, וועלכע וואָלטן גענוג געווען, ווי ער אַליין זאָגט, פאַר גאַנצע צוואַנציק אָנגעזעענע ביכער און אפשר נאָכמער. זענען אָבער „אַלע רעדאַקציעס פון די יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און ליטעראַרישע אויסגאַבעס, באַזעצט מיט קלייניע מענטשעלעך, קרעמער, פאַרטעמפּטע פאַרשוינען, צעקריפּלטע נשמות, אויסגעהוילטע קעפּ און פוסטע הערצער", און קיין איין רעדאַקציע האָט נאָך זיינס אַ „ווערק" נישט אָנגענומען צום דרוקן.

אַז דוד אַבראַמסאָן האָט באַקומען דאָס קאַרטל וועגן דער טרע־

פערין, צוזאַמען מיט אַ ווונק און אַ שמייכל פון דעם בלאַנד־געד פאַרבטן מיידל, האָט אויף זיין פאַרזויערט פּנים זיך צעגאָסן אַ צעשמייכלטע מינע. אַ פונק פרייד האָט אויפגעלויכטן אין זיין מוח און אַ צופרידנקייט האָט זיך אַריינגעשניטן צו אים אין האַרצן אַריין.

— אָבער — האָט ער זיך אַליין נישט פאַרגונען דאָס טראָפּעלע צופרידנקייט און געגומען באַקרענקען פאַרקערט — ווי איז גאָר מעג־לעך צו טרעפן די צוקונפט, אַז אַלץ אין לעבן און אפילו דאָס לעבן אַליין איז דורכאויס אַ ריינער צופאַל. מיט איין מינוט פריער קאָן קיינער דאָך נישט וויסן, צי עס וועט זיין אַזוי, אָדער פאַרקערט. אָט וויל איך, גיי איך אויף דער גאַס און אַז איך וויל, גיי איך אויף יענער גאַס. נו, טאָ ווי אַזוי קאָן אַ מענטש טרעפן פריער וווהין איך וועל גיין שפּעטער!

— עס איז דאָך אָבער פאַרט אַ פאַקט — האָט ער אַליין זיך באַמיט אָפּצופרעגן זיך אַליין — אַז ס'זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס טרעפן יאָ די צוקונפט.

— אויב אַזוי — האָט דער סקעפּטיקער און אפיקורס אין אים נישט געלאָזט זיך פאַרפירן — אויב אַזוי מוזטו דאָך מודה זיין, אַז די צוקונפט איז אַ פאַרויס־באַשטימטע. מוזטו דאָך אָנערקענען, אַז אַ געהיימע האַנט פירט אָן מיטן מענטשנס לעבן און מיט זיין מזל. אָ, ניין, ניין! דעם דאָזיקן געדאַנק וועל איך קיינמאָל צו זיך נישט צולאָזן. אויף קיין פאַל וועל איך דאָס נישט אָנערקענען. ניין, נישט ריכטיק! קיינער פירט נישט מיט קיינעם, ווייל קיין העכערע, גע־היימע קראַפט עקזיסטירט אַבסאָלוט נישט. עס איז בלויז אַן איינ־רעדעניש! אַ שערלעכע אָבערגלויבערישע איינרעדעניש!

— עס איז דאָך אָבער פאַרט אַ פאַקט — האָט דער נייגיר און דער שטאַרקער חשק צו וויסן זיין צוקונפט אים אַליין זיך אַנטקעגנ־געשטעלט — אַ סך באַגלויבטע מענטשן האָבן דערציילט, אַז טרעפ־פערס האָבן זיי געגוי געזאָגט פאַרויס, וואָס עס וועט מיט זיי פּאַ־סירן, פונקט אַזוי אַקוראַט, ווי עס האָט טאַקע פּאַסירט.

אַזוי האָט אַבראַמסאָן געפירט אַ לאַנגע דיסקוסיע מיט זיך אַליין, ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז כדאי אַליין זיך איבער־

צוציִיגן. און אפשר טאַקע, ווער קאָן וויסן, אפשר וועט די טרעפּע־רין ריכטיק זאָגן אים זיין צוקונפט. ער מוז וויסן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, צי האָט ער נאָך אַ האָפענונג, אַז סוף כּל סוף זאָל פאָרט די וועלט אים אָנערקענען פאַר אַ גרויסן פּאָעט. די טרעפּערין וועט אים אויך זאָגן, צי זאָל ער זיך ווידער צוזאַמענקומען מיט זיין פרוי, אַז ער זאָל איר אַלץ מוחל זיין, פארגעסן אַלץ וואָס איז פאַרגעקו־מען און צוריק מאכן שלום, וואָרן נאָך אַלעמען האָט ער זי דאָך פאָרט ליב. אָדער, עס קאָן גאָר זיין, די טרעפּערין זאָל אים זאָגן, אַז ס'איז גלייכער פאַר אים אָפּצוהיטן זיין ריינקייט, ערלעכקייט און פאַמיליע־שטאָלץ און נישט ווינען צוזאַמען מיט אַזאַ פּאַסקודסטווע, וועלכע האָט אים צוויי יאָר צייט אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט און אַזוי נידער־טרעכטיק פאַראַטן...

זונטיק, באַלד אינדערפרי, — דער דרויסן איז אַ זוניקער, אַ געמיטלעכער און יומטובדיק־שטילער — איז דוד אבראַמסאָן אַוועק, אויף דעם אָנגעוויזענעם אדרעס, צו דער טרעפּערין.

דאָרטן, אין יענער אומגעגנט, ווו די טרעפּערין האָט געוווינט, האָט אַ סודותדיקע רואיקייט פאַרכאַפּט דעם אָטעם און אַ ים פון גרינס האָט געפלייצט מיט זויבערער פרישקייט און לויטערער צאַרטקייט.

אַז אבראַמסאָן איז צוגעקומען אהין, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי צאַרט־פילנדיק, אַזוי סענטימענטאַל־ווייך, אַז אין אים האָט זיך פּלוצלונג דערוועקט אַ רחמנות אויף דער וועלט, אויף דער באַשפי־גענער און צעטראָטענער וועלט און אויף דער גאַנצער ליידנדיקער מענטשהייט. און באַלד אויפן אָרט האָט ער זיך געכאַפּט צו דער־פעדער און גענומען שאַפן אַ פּאָעמע, אונטערן נאָמען: „מענטש, וועלט און נאַטור". עס האָבן זיך געגליטשט, ווי אויף פּוטער, שורה נאָך שורה, פערז נאָך פערז און אַלע אַזעלכע „ליריש־קלינגענדיקע", מיט אַזעלכע „רייכע שילדערונגען", מיט אַזעלכע „פּרעכטיקע ביל־דער", „ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט" און דערהויפּט, וואָס דאָס איז דער עיקר, מיט אַזעלכע „טיף־פילאָזאָפישע און סאָציאַלע געדאַנ־קען".

אַבראַמסאָן האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין זיין שאַפן, אַז ער האָט שוין לגמרי פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז געקומען אַהער. ער האָט בכלל שוין פון גאָרנישט עפעס אַנדערש געטראַכט און געדענקט. די מוזע האָט אים אַזוי פאַרכאַפט, אַזוי איינגעקלאַמערט אין אירע אָרעמס און אַזוי וויט געפלויגן מיט אים אין הויכע הימלישע ספערן און אין טיפע פאָעטישע טרוימען אַז די חושים זיינע האָבן שוין גאָרנישט געקאָנט תופס זיין „די אַלע קליינלעכע און נישטיקע לעבנס אַפּפאַלעכצן".

ווער ווייסט ווי לאַנג דער פאָעט דוד אַבראַמסאָן וואָלט אַזוי געלעגן אין די אָרעמס פון זיין מוזע און ווער ווייסט ווי לאַנג זיין פאָעמע „מענטש, וועלט און נאַטור" וואָלט זיך אַזוי געצויגן און גע־צויגן, ווען נישט די פרוי (אומעטום מוז זיין די פרוי די שטערע־רין), וואָס איז אַנגעקומען אַבראַמסאָנען פונקט אַנטקעגן מיט צוויי פולע קוישן און זיך אַנגעקלאַפּט מיטן פאָעט נאָז צו נאָז.

— וואָס איז יונגערמאַן — האָט די פרוי זיך צעלאָזט מיטן אמתן מענה־לשון, וואָס זי האָט נאָרוואָס מיטגעבראַכט פון מאַרק צוזאַמען מיט די קוישן — איר שלאָפט נישט ביינכאַט? דאָ, אויף דער גאַס איז נישט קיין פּלאַץ צום שלאָפן. גייט אַהיים און ציט אייך אויס אין בעט, וועט איר פאַרשפּאָרן צו שלאָפן אין די שיך!

אַבראַמסאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט, טאַקע ווי פון שלאָף. אַ פּאָר מינוט האָט אים גענומען צו דערגיין אויף וואָס פאַרער וועלט ער געפינט זיך און צו דערמאָנען זיך, נאָך וואָס ער איז געקומען אַהער. אַ פאַרשעמטער, ווי מ'זאָל אים כאַפּן ביי דער האַנט אָפּטון אַ גניבה, האָט ער אויף שנעל אָפּגעשטעקט אין קעשענע דאָס בינטל פאַר־שריבענע פּאַפּירן און גענומען אָפּציען. שוין זייענדיק וויט, האָט ער ערשט פריי אָפּגעאָטעמט, גוט זיך אויסגעריבן די אויגן, אַרומ־געקוקט זיך אין אַלע זייטן און ער האָט זיך געלאָזט גלייך צום הויז פון דער טרעפּערין.

אינמיטן פון אַ פּרעכטיק־שיינעם גאָרטן, וויט פאַרוקט פון דער גאַס, איז געשטאַנען אַ צוויי־שטאָקיק הויז, געבויט פון שטיין,

אין סטיל פון אַ גריכיש פּאַלאַצל. אַהין איז עס צוגעקומען דוד אַב־ראַמסאָן.

אויף ברייטע טרעפּ, געדעקט מיט ווייכע, פּליושענע טעפּיכער, האָט געפירט דער וועג צום צווייטן שטאָק, וווּ ס׳איז געווען דער וואַרט־זאַל און אויפנאַם־צימער פון דער עגיפּטישער טרעפעריין.

ביים אַריינגאַנג צום וואַרט־זאַל איז געשטאַנען אַ לאַקיי, אַ יונגער בחור, אַ שלאַנקער, מיט אַ ברוין, פול געזיכט, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און שוואַרצע וואָנצעלעך. געקליידט איז ער געווען אין אַן אַראַבישן טראַך: מיט לויזע און ברייטע ווייסע הויזן, וועלכע האָבן זיך ענג צוגעפּעצויגן אונטן ביי די קנעכלען און זיי האָבן דעריבער אויסגעזען ווי אָנגעבלאָזענע טאָרבעס. אַ קרעמאַ בלוזע אַריבערגעוואָרפן איבער די הויזן און אויף דער בלוזע — אַ שוואַרץ וועסטל, וואָס איז אויסגעהאַפטן געווען מיט פאַרשידנפאַרביקע בלומען און אויפן קאָפּ, ווילעריש פאַררוקט אויף אַ זייט, האָט ער געטראָגן אַ רויטע פעסקע מיט אַ שוואַרצן קוטאַס.

אַז דוד אַבראַמסאָן איז צוגעקומען צו דער טיר, איז ער אויפגענומען געוואָרן פונם אַראַבישן לאַקיי מיט אַ טיפן נויג און ער איז זייער העפלעך געבעטן געוואָרן איינצושרייבן זיין נאָמען אין אַ בוך, וואָס איז געלעגן אויף אַ קליין טישל ביים אַריינגאַנג. דערנאָך האָט דער לאַקיי, ווידער מיט אַ טיפן נויג, דערלאַנגט אים אַ נומער, פאַר וועלכן ער, אַבראַמסאָן, איז געבעטן געוואָרן צו באַצאָלן צען פּעזעס.

אין דער ערשטער מינוט האָט אַבראַמסאָן זיך געפילט ווי פאַרלוירן אינם דאָזיקן גרויסן און עלעגאַנטן וואַרט־זאַל. עס האָט זיך אים נישט געלייגט אויפן שכל, אַז דאָ זאָל זיין אַ וואַרט־זאַל פון אַ טרעפעריין. אין זיין פאַרשטעלונג האָט עס גיכער געראַפט זיין אַ זאַל פון אַ מיניסטער, אָדער פון אַ גרויסן פּראָפעסאָר, אַ מעדיקער.

די ווענט, באַצויגענע מיט העל־בלויען זייד, זענען באַהאָנגען געווען מיט פאַרשידענע אויל־בילדער און מיט געהאַפטענע בילדער, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט שיינע לאַנדשאַפטן ביי זון־אויפגאַנג; וואַסער פאַלן; ווולקאַן בערג, ווי זיי שיסן מיט לאַווע; שלאַכט

פעלדער, ווו די קריגער קעמפן מיט שטיקעס, קערפּער צו קערפּער; יעגער־בילדער און נאָך אַזעלכע.

אַרום די ווענט זענען אויסגעשטעלט געווען ווייכע קאַנאַפּעס און געבעטע פאָטעלן, אַלע פון קאָלאָניאַל־סטיל, מיט רויטע לעדער געבעט. איבערן גאַנצן זאַל זענען צעשטעלט געווען קליינע טישלך מיט צייטונגען און זשורנאַלן אויף פאַרשידענע שפּראַכן און איבערן גאַנצן דיל איז אויסגעשפּרייט געווען אַ ווייכער, גרינער טעפּיך, ווו דער אָפּקלאַנג פון די טריט איז אַזוי שטיל פאַרלוירן געגאַנגען און איז אַריין ווי אין וואַטע.

ווען דוד אַבראַמסאָן איז אַריין אין וואַרט־זאַל, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן פינף מענטשן וואַרטן: דריי פרויען, איין מיליטער־מאַן פון אַ העכערן ראַנג און איין עלטערן מאַן, אַ הויכן, מיט גרויסע גרויע וואָנצעס און מיט אַ בכבודיקן אינטעליגענטן אויסזען.

באַלד ווי דוד אַבראַמסאָן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייך־געבעטער קאַנאַפּע, האָט אים אַ געמיטלעכע שטימונגספולע רואיקייט אַרומגענומען. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אין זיך אַ רואיקייט אַזאַ וועלכע פירט אַריבער די גרענעץ פון וואָכעדיקייט און דערנענטערט צו גייסטיקער יומטובדיקייט. אַבראַמסאָן האָט מיט אַ לאַנגן זיפץ פריי אָפּגעצויגן דעם אָטעם, ווי ער זאָל וועלן דורך דעם אַרויסאָטעמען יעדעם פיצל פונם שווערן באַלאַסט, וואָס האָט אים אַזוי געפּרעסט אויפן האַרצן און מיט איין מאָל דערפון זיך באַפרייען. צוזאַמען מיט דעם האָט אַבראַמסאָן דערפילט ווי די „מוזע”, אַזאַ לויטערע, אַזאַ ליכטיקע און פרייע האָט זיך ווידער צו אים אַנטפּלעקט. און שוין איז ער גרייט געווען צו נעמען זיך צום פּאַפּיר און לאָזן די מוזע זיך צעזינגען. מיטאַמאָל דערזעט ער, ווי האַרט נעבן אים זיצט דער מאַן מיט די גרויע וואָנצעס און ער רעדט. אַבראַמסאָן האָט לכתחילה נישט געקאָנט כאַפּן, צי רעדט ער דאָס צו אים, אָדער ער רעדט עס צו זיך אַליין:

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס, אַז ס'איז שווער אויפן האַרצן, זוכט מען פאַר וועמען זיך אָפּצורעדן. אַ מענטש קאָן דאָך פּלאַצן פון איינזאַמקייט.

דער אַלטער האָט אָפּגעזיפצט, טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ

און איז אַנטשוויגן געוואָרן. באַלד האָט ער צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ווידער גענומען רעדן, ווי צו זיך אַליין:

— אַזאַ אַלטער נאַר וואָס איך בין געווען, אַזאַ אַלטער נאַר!

ערשט איצט האָט דער אַלטער זיך געווענדעט שוין דירעקט צו אַבראַמסאָנען:

— אַנטשולדיקט, יונגערמאַן, איך שטער אייך אפשר מיט מיי־נע נאַרישע רייד?

די דאָזיקע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַזאַ ליידנ־דיקן און פאַרצווייפלטן טאָן, אַז זיי האָבן אַבראַמסאָנען שטאַרק גע־רירט און אַ מיטלייד האָט זיך דערוועקט אין אים צום דאָזיקן סימ־פּאַטישן מאַן מיט די גרויע וואָנצעס. אַבראַמסאָן איז אַריין אין פאַר־לעגנהייט, האָט ער אויפן מאָמענט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט ווערטער, וואָס ער האָט גאָרנישט געהאַט בדעה צו זאָגן:

— אַך, פאַרקערט, אדרבה, אויב איר האָט צו מיר צוטרוי, איך וועל אייך מיט פאַרגעניגן אויסהערן. רעדט, רעדט, איר קאָנט צו מיר רעדן אומגעשטערט.

און דער אַלטער האָט זיך טאַקע צערעדט:

— איך בין געוואָרן נאַריש, מיט איר שיין פּנימל האָט זי מיך נאַריש געמאַכט. זי האָט געוווינט מיט אונז אין שכנות, אַ טיר קעגן אַ טיר. לופע האָט זי געהייסן. פלעגט זי אָפט אַריינקומען צו אונז, צו מיין פרוי הייסט עס. און שיין איז זי געווען ווי זיבן זונען. אַ קיילעכדיק פול פּנים, מיט פרישע ראָזעווע בעקעלעך, פּונקט ווי אַ פולער צייטיקער עפּל אויפן בוים, וואָס בעט זיך, אַז מען זאָל אים אָפּרייסן און איינבייסן. אַ פּאָר אויגן האָט זי געהאַט, פאַרכי־שופנדיקע, און פאַרפירערישע, הימל־בלויע אויגן. און פון איר בוזים האָבן זיך געשפּאַרט אַ פּאָר פלאַטערנדיקע ברוסטן, פּונקט ווי צוויי לעבעדיקע טויבן זאָלן זיך דאָרטן צאַפּלען. יעדן מאָל וואָס איך האָבן זי דערזען, האָבן זיך די טריפהנע בלוטן אין מיר געצונדן און כ׳האָב שיר די ניכפּהה נישט געקראָגן. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, מיין פרוי איז אין הויז נישט געווען, איז לופע צו מיר אַריין, נאָך אַ פרימאָרגנדיקע, נישט אינגאַנצן נאָך אָנגעטונענע. איך ווייס נישט וואָס מיט מיר איז דעמאָלט געשען. איך געדענק נאָר, אַז אַ פלאַמיק

פייער האָט מיך אַרומגעכאַפּט און מיין בלוט האָט זי צעזידט, פון קאָפּ ביז די פיס. איך האָב זיך נישט געקאָנט מער קאָנטראָלירן און האָב וואַנזיניק אָנגעהויבן צו טרינקען לוסט און פרייד מיט פולע עמערס. איך האָב באַוווסטלאָז געשיכורט מיט תאווה און גליק. לופע האָט זיך נישט געווערט. ווי אַ פייגעלע, ווי אַ צאַרט, זיס, ליב פייגעלע האָט זי זיך מיר איבערגעגעבן. אינדעם איז מיין פרוי אָנגעקומען...

דער אַלטער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל און ווייטער גערעדט:

— איצט ווערט שוין דריי יאָר ווי מיין פרוי האָט מיך פאַרלאָזט. אַזאַ טייערע, ליבע און געטרייע פרוי געווען. זי איז ביים זון אין גוואַדאַלאַכאַראַ. די קינדער זענען אין כעס אויף מיר און ווילן פון מיר נישט וויסן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלז און פאַרהאַקט דאָס לשון. באַלד איז ער געקומען צו זיך און ווידער גענומען רעדן:

— אַזוי, ברודערל, איז דאָס לעבן. בין איך געקומען אַהער. מ'זאָגט, אַז זי איז אַ גוטע טרעפערין. אפשר וועט זי מיר עפּעס זאָגן, געבן אַן עצה. אַזוי איז עס, אַז ס'איז ביטער אויפן האַרצן, לויפט מען אפילו צום טייוול.

דער אַלטער האָט אַזאַ ביטערן קוקן געגעבן אויף אַבראַמסאָנען און צו אים אַ שעלמישן שמייכל געטון:

— איך פאַרשטיי, יונגערמאַן, אַז אייך דריקט אויך מסתמא עפּעס אויפן האַרצן. פאַר נחת קומט מען נישט אַהער. איר זענט נאָך גאָר יונג, ברודערל, אָבער דאָס לעבן שאַנעוועט נישט קיינעם, יונג צי אַלט. איך זע אין אייערע אויגן, אַז אַן אומעט פרעסט אייך אויף דער נשמה.

ער האָט גערעדט אַזוי אָפּנהאַרציק, אַזוי וואַרעם צוגעלאָזט און אַזוי פאָטערלעך, אַז אַבראַמסאָן האָט זיך דערפילט אין אינטימער, נאָענטער קרובהשאַפט מיטן דאָזיקן אַלטן, ווי מיט אַ געמיינזאַמען ליידנס ברודער און פון זיך אַליין האָט זיך די צונג ביי אַבראַמסאָנען אויפגעבונדן:

— איר האָט טאַקע געטראָפן, פריינט. כאָטש איך בין נאָך יונג, דאָך האָב איך דורכגעמאַכט שוין זייער אַ שווערע טראַגעדיע. און איר דאַרפט וויסן, אַז איך בין נישט סתם אַזוי אַ געוויינלעכער מענטש פון גאַס. איך בין אַ גרויסער יידישער פּאָעט. ווען מיינע ווערק וועלן איבערגעזעצט ווערן אויף אַנדערע שפּראַכן, וועלן זיי מאַכן אַ קאָלאָסאַלן רושם אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דער אַלטער איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער, מיט פאַרגאַפטע מויל און אויערן און אָנגעשפּיצטער נאָז. ער האָט זיך דערזען שפּלדיק און נישט ווירדיק געגנוג צום צופאַל, וועלכער האָט אים פאַרשאַפט אַ דעם גרויסן כבוד, צונויפצוברענגען אים מיט אַזאַ גרויסער יידישער פּערזענלעכקייט.

אַבראַמסאָן ווידער, אַז ער האָט געזען ווי זיינע ווערטער האָבן אויפן אַלטן געמאַכט דעם געהעריקן איינדרוק, איז ער ערשט איצט אַריין אין אמתער פּאָעטישער התלהבות און ער האָט זיך צערעדט מיט פּאַטאָס:

— דאַרפט איר וויסן, אַז פאַר אַ פּאָעט, ווי אַ סענסיטיוון מענטשן, איז יעדער ווייטיק הונדערט מאָל ווייטיקדיקער און יעדע קרענקונג — הונדערט מאָל קרענקלעכער. נו, איצט שטעלט אייך פאָר, ווען אַפילו דאָס זאָל געשען מיט אַן איינפאַכן מענטשן, וואָלט עס אויך געווען אַ גענוגנדיקער מאָטיוו פאַר צער און ליידן, היינט אַז דאָס האָט געטראָפן מיט אַ פּאָעט און נאָך מיט אַ גרויסן פּאָעט. נו, שטעלט אייך פאָר ווי פּיינלעך און אומדערטרעגלעך עס זענען די שמערצן, ווייטיקן און ליידן מיינע. שטעלט אייך פאָר — דריי יאָר בין איך אַרומגעגאַנגען מיט אַ מיידל. אַ שיינע ברונעטקע איז זי געווען און אינטעלעקטואַל — זייער אַן אַנטוויקלטע. זי האָט אויס־געצייכנט פאַרשטאַנען און געפילט מיינע עמאָציעס, מיינע וויזיעס, מיינע טרוימען און זי האָט פאַרהייליקט מיינע שאַפונגען. זי איז אַ קינד פון אַ פיינער, אינטעליגענטער און רייכער, יידישער פאַמיליע. אַז מיר האָבן שוין דערלעבט דעם טאָג פון דער חתונה, ווען אונ־זערע ביידנס נשמות האָבן זיך באַהעפט, איז עס געווען ביי אונז אַ הימלעשער טאָג, אין וועלכן מלאכים האָבן פאַר אונז שירה גע־זונגען. אויב ביי פּראָסטע מענטשן אַפילו איז דער חתונה־טאָג היי־

ליק און טייער, היינט שטעלט אייך פאר ווי הימליש דערהויבן, געט־לעך הייליק און גן־עדן'דיק פייערלעך עס איז אזא טאג ביי א פאעט מיט זיין אויסדערוויילטער. וואס זאל איך אייך א סאך מאריך זיין. אפילו ווען איך זיץ מיט אייך טעג גאנצע, וואלט נישט גענוג געווען אויף צו שילדערן וואס עס הייסט אזעלכעס, איין נשמה מיט צוויי קערפערס. דער עיקר איז, מיר האבן אפגעלעבט אזוי צוזאמען צוויי יאר. דאס גליקלעכסטע פאר אין דער וועלט זענען מיר געווען. מיין ווייבעלע האט מיך ממש פארפלייצט מיט ליבע און צערטלעכקייט. זי האט ארום מיר געשאפן אזא לויטערע געמיטלעכקייט, אזא וונ־דערבארע נחתדיקע אטמאספערע, וועלכע איז אזוי נויטיק פאר יעדן קינסטלער, בפרט פאר א פאעט. אט דאס האט מיך טאקע אינספי־רירט אין יענער צייט אנצושרייבן מיינע בעסטע זאכן, וועלכע קאנ־נען זיין 'א שמאליץ אין דער רייכסטער ליטעראטור. נו, איצט, שטעלט אייך פאר, פריינט, אז נאך דעם אלעמען האב איך דורך א צופאל זיך דערוווסט — — — ס'איז מיר פשוט א בזיון צו דער־ציילן, אז א פאעט און נאך אזא פאעט, מיט אזא פארנעם, ווי איך, זאל קאנען זיין אזוי בלינד, אדער בעסער געזאגט — זאל קאנען אזוי פארבלענדט ווערן — — —

אבראמסאן האט שווער אפגעזיפצט און דער אלטער האט זיך נישט געקאנט אריענטירן אויף וועלכן אבראמסאן האט מער גע־זיפצט, צי אויף דעם וואס דער מאן אין אים איז אפגענארט גע־ווארן, אדער גאר אויפן פאעט, וואס איז אזוי באליידיקט און גע־טראפן געווארן.

און אבראמסאן האט ווייטער געצויגן זיין געשיכטע:

— נו, שטעלט אייך פאר, וואס איך האב זיך פלוצלונג דער־וווסט. און געשען איז עס אזוי: מיינער א חבר איז איינמאל אוועק אין א פלאץ ווו מ'קאן א לעב טון מיט פריילעכע פרויען. אהין לאזט מען נאר אריין מיט א רעקאמענדאציע. מיין חבר האט אזא רעקא־מענדאציע געקראגן. נו, שטעלט אייך פאר, ווי איבעראשט און דער־שטוינט מיין חבר איז געווארן, ווען צווישן די בילדער אין אלבום, וואס מ'האט אים דערלאנגט אויף אויסצוקלויבן זיך א פרוי וואס אים געפעלט, האט ער געפונען אויך דאס בילד פון מיין „טריי

און ליב ווייבעלע"... אז מיין חבר האט עס מיר דערציילט, האב איך אים געוואלט די אויגן אויסדראפען. איך האב אויף קיין אופן נישט געקאנט אפילו צולאזן צום געדאנק, אז אזא זאך איז גאר מעגלעך. אבער, ליידער, האב איך מיט מיינע אייגענע אויגן זיך איבערצייגט אין מיין גרויסן אומגליק. פנים אל פנים האב איך מיט איר זיך דארטן געטראפן... מילא, דעם דאזיקן טראגישן צוזאמענטרעף, אליין אן און פאר זיך, איז נישט איבערצוגעבן מיטן מויל און נישט אויף איין פוס. דאס דארף פארנעמען א גרויסע פאעמע אדער גאר א דראמע. דער עיקר אבער איז, אז פון דעמאלט אן, שוין פינף חדשים, זענען מיר צעשיידט. אבער — הלמאי זאל איך לייקענען — איך בענק שרעקלעך נאך איר. אין גרונט האב איך זי פארט ליב. איך בין גרייט איר מוחל צו זיין אלצדינג. איר דארפט וויסן: אז פאר א שעפערישן מענטשן בכלל איז שווער צו לעבן אן ליבע און אן ווא־רימקייט, בפרט נאך פאר א פאעט און נאכמער — פאר א פאעט פון אזא פארנעם ווי איך בין.

עס איז אנגעקומען דעם אלטנס רײ אריינצוגיין אין אויפנאם־צימער פון דער טרעפערין.

ווען דוד אבראמסאן איז געבליבן אליין, האט א ליכטיקער שמייכל זיך צעלייגט אויף זיין אויסגעדארטן און פארזויערטן פנים. ער איז שטארק צופרידן געווען פונם איינפאל, וואס איז אזוי ספאנ־טאן אים געקומען אויפן געדאנק און ער האט באשטימט, אז אט טאקע דא, באלד אויפן ארט, אנהויבן צו שרייבן א דראמע, אין וועל־כער ער מיט זיין פרוי זאלן פיגורירן אלס די הויפט־העלדן. אין דער דאזיקער דראמע — האט ער באטראכט — דארף ארויסגעבראכט ווערן אמשארפסטן דער גרויסער טראגישער מאמענט, ווען ער האט זיך באגעגנט מיט זיין „טריי און ליב ווייבעלע" אינם פריילעכן הויז. ווי אזוי זי איז צו אים אריינגעקומען א האלב־נאקעטע, שמייכלענדיק און טאנצענדיק, ווען זי האט געמיינט, אז דאס קומט זי עס צו א פרעמדן מאן.

באלד אויפן ארט האט ער, דוד אבראמסאן, ארויסגעשלעפט פון קעשענע פאפיר מיט א בלייפעדער און זיך גענומען צו דער ארבעט.

אַ ריזיק־גרויס, כמעט ליידיק, קוואַדראַט־צימער האָט אין האַלב־טונקלקייט אינגאַנצן זיך געמיניעט אין רויט.

אַלע פיר ווענט פונם צימער זענען מיט טונקל־רויטע טאַפּעטן געדעקט געווען. אַ טונקל־רויטער טעפּיך האָט פאַרלייגט דער גאַנצער גרויס פונם דיל. די רויטע ראַלעטן פון די צוויי פענסטער זענען אַראָפּגעלאָזט געווען און קוים, קוים האָט אַ טונקעלע אָפּשיין פונם ליכטיקן דרויסן זיך דורכגעריסן אין צימער אַריין און געדאַכט האָט זיך אַז די גאַנצע באַלייכטונג קומט גאָר פונם ליכטיק־ווייסן סופיט, וועלכער האָט אויסגעזען נאָך ווייסער אין דער גאַנצער טונקל־רויטער אומגעבונג.

אַז אַבראַמסאָן האָט איבערגעטראָטן די שוועל פונם דאָזיקן צימער און די טיר האָט זיך הינטער אים פאַרמאַכט, האָט אין ערשטן אויגנבליק אים געדאַכט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן ערגעץ אין אַ וויסטן חושך. ער האָט אין ערשטן מאָמענט לגמרי נישט געקאָנט זיך אָריענטירן ווו ער איז ערגעץ אין דער וועלט. ערשט נאָך אַ ווייל, אַז ער האָט אין דער רויטער האַלב־טונקלקייט אָנגעהויבן צו דערקענען וואָס אין צימער טוט זיך, האָט ער דערזען ווי אין מיטן צימער ביי אַ קיילעכדיקן טיש זיצט אַ פרוי שטיל און רואיק, די אויגן אָנגעצילט אויף אים, זיצט געמיטלעך און וואַרט.

אַ נידעריקע איז זי געווען, די טרעפעריין, אַ דיקלעכע, מיט אַ פול געזיכט און מיט אַ היפּשן גוידער און פונם דאָזיקן געזיכט האָט אַרויסגעבליאַסקעט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע, ליכטיקע אויגן, וועלכע זענען צייטנווייז געווען אַזוי שאַרף און ביסטרע ווי פון אַ הונגעריקן וואָלף און צייטווייז — אַזוי ווייך, מילד און מוטערלעך־צאַרט.

אַז אַבראַמסאָן האָט דערזען די טרעפעריין, האָט אים אַ רעספּעקטפולער ציטער באַהערשט. מיט געמאָסטענע טריט האָט ער אָנגעהויבן זיך דערנענטערן און באַלד גענומען זיך פאַרשטעלן:

— איך בין אַ גרויסער יידישער פּאָ — — —

אָבער די טרעפעריין האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן. שטרענג האָט זי אויסגערופן:

— שווייגט, רעדט גאָרנישט! איר זאָלט נאָר ענטפערן אויף דעם, וואָס איך וועל אייך פרעגן.

און מיט דער האַנט האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר, אַז ער זאָל זיך זעצן.

אַ פּאָר מינוט איז די מאַדאַם פאַטימאַ חאַסין אַל־באַב געזעסן אומבאַוועגלעך, שטיל, קעגנאיבער אַבראַמסאָנען, האָט אים שטאַרק באַטראַכט און שאַרף אַריינגעקוקט אים אין די אויגן אַריין.

אַבראַמסאָנען איז געוואָרן איבערדריסיק איר שאַרפער, דורכדרינגלעכער און דירעקטער קוק, ער האָט עס נישט געקאָנט איבערטראָגן און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

די טרעפערין האָט זיך צעשמייכלט און גוטמוטיק זיך אָנגערופן צו אים:

— שעמט אייך נישט יונגערמאַן. לאָזט אייך אָנקוקן. עס וועט אייך, חלילה, גאָרנישט געשען.

דערנאָך האָט זי גענומען זיין רעכטן האַנט־פלאַך אין איר האַנט אַריין, האָט לאַנג געקוקט און באַטראַכט דאָרט יעדן שטריך, קנייטש און קנייטשעלע. די זעלביקע פּראָצעדור האָט זי דערנאָך דורכגעפירט איבערן לינקן האַנט־פלאַך זיינעם און ווידער האָט זי גענומען קוקן אים גלייך אין די אויגן אַריין.

געענדיקט מיט די הענט־ און אויגן־צערעמאָניע האָט זי אים געהייסן זיך צורוקן נענטער צום טיש.

אויפן גרויסן קיילעכדיקן טיש איז געשטאַנען עפּעס אַ מין אַפּאַראַטל אַזאַ, אויף וועלכן עס זענען אַרויפגעזעצט געווען, איינע אויף דער אַנדערער, צוויי שוואַרצע דיסקעס, אַזעלכע ווי פון אַ גראַמאָפאָן. אויף די דאָזיקע צוויי שוואַרצע דיסקעס זענען געצייכנט געווען, מיט ווייס, פאַרשידענע ציפערעס און צייכנס. די טרעפערין האָט געהייסן אַבראַמסאָנען געבן אַ האַסטיקן דריי די אויבערשטע דיסקע. עטלעכע סעקונדן האָט זיך אַזוי געדרייט די אויבערשטע דיסקע אויף דער אונטערשטער. און אַז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט די טרעפערין גענומען אָפּשרייבן אויף פּאַפּיר, פון די דיסקעס אַראָפּ, פאַרשידענע ציפערעס, חשבונות און צייכענונגען. זי איז געוואָרן אַזוי שטאַרק פאַרטיפט אין איר שרייבן און חשבונען, אַז מ'האָט געקאָנט מיינען, דאָס זי האָט לגמרי פאַרגעסן אָן דעם מענטשן וואָס זיצט נעבן איר, אַזוי אומגעדולדיק און וואַרט.

און אבראמסאן איז די גאנצע צייט געזעסן געשפאנט. מיט אנ־געשפיצטער נייגעריקייט האט ער נאכגעפאלגט די גאנצע צערעמא־ניע און ער האט געוואוסט שוין צו וויסן וואס פון דעם אלעם וועט ארויסקומען.

מיטאמאל האט די טרעפערין זיך געגעבן א דריי אויס צו אבראמסאנען און ראפטום א זאג געטון:

— איר קומט אהער פון זייער ווייט, יונגערמאן. ס'איז אמת? איבער לענדער און ימ'ען האט איר געוואנדערט ביז איר האט זיך דערשלאגן אהער קיין מעקסיקע.

זי איז שטיל געבליבן א וויילע און דערנאך א פרעג געגעבן:

— זאגט מיר, איר האט געדינט אין מיליטער?

— יא, איך האב געדינט אין פוילישן מיליטער — האט אב־ראמסאן רואיק געענטפערט.

— אבער איר האט נישט אויסגעדינט די גאנצע צייט, ס'איז אמת?

אבראמסאן איז מיטאמאל געווארן אומרואיק, אליין נישט וויסנדיק פארוואס און ער האט נישט באלד געענטפערט.

— איר קענט מיר דרייסט ענטפערן, — האט די טרעפערין לא־קאניש אונטערגעזאגט — פאר מיר דארפט איר גארנישט באהאלטן, ווייל סיי ווי ווייס איך אלץ.

— יא, ס'איז אמת — האט אבראמסאן געענטפערט נישט גערן און נישט דרייסט — נאך אכט חדשים דינען אין מיליטער, בין איך אנטלאפן פון פוילן.

— א יונגער מענטש, א שאטינער, האט אייך געהאלפן אנט־לויפן פון דארטן. ס'איז אמת? איר וועט נאך פון אים הערן און ער וועט אייך נאך א סאך טובות טון.

זי האט אים געקוקט גלייך אין די אויגן און ווייטער גערעדט:

— איר האט גרויסע אמביציעס, יונגערמאן, און אייערע אמ־ביציעס זענען נישט קיין מאטעריעלע, נישט קיין קאמערציעלע. אייע־רע אמביציעס זענען גייסטיקע, ליטעראַרישע, קינסטלערישע, אדער אזעלכע ענלעכע. איר וועט אייערע אמביציעס רעאליזירן, פארווירק־לעכן און איר וועט דורך דעם א סאך דערגרייכן, זייער א סאך דער־

גרייכן. צו דעם וועט אייך מיטהעלפן איינע, א בלאָנדע פרוי, מיט וועמען איר וועט איינגיכן זיך באַגעגענען. איר האָט, מיט א קורצער צייט צוריק, דורכגעמאַכט זייער א שווערע טראַגעדיע אין לעבן. איינע א ברונעטע פרוי האָט אייך א סאַך צרות פאַרשאַפט. אָבער ס'איז שוין פאַריבער. איר וועט זי מער נישט קענען און איר דאַרפט זי מער נישט קענען, ס'איז גוט אַזוי, וואָס זי איז דערווייטערט פון אייך. זי וואָלט אויף אייך א סאַך אומגליקן געבראַכט. א בלאָנדע פרוי טראָגט פאַר אייך א סאַך רום, פרייד און א גליקלעכע צוקונפט. אייער צוקונפט איז א רומפולע און א ליכטיקע און אַלץ אַדאַנק דער דאָזיקער בלאָנדער פרוי. איר וועט זיך איינגיכן צוזאַמענטרעפן מיט זייער געהויבענע און באַרימטע פּערזענלעכקייטן און ס'איז פאַר אייך זייער געוואונטשן צו חברן זיך מיט זיי. זיי וועלן אייך ברענגען צו אייער געגאַרטער שטרעבונג. איר האָט מכלומרשטע פריינט, וועלכע רעדן אייך איין, אַז זיי זענען אייך געטריי. זיי גיבן אייך עצות, לערנען אייך, ראַטן אייך וואָס צו טון אין פאַרשידענע פאַלן, אָבער אין דער אמתן זענען זיי אייך פאַלש. פאָלגט נישט זייערע עצות. זיי וועלן אייך פאַראַטן, לאָזט אייך נישט פירן פון זיי.

אַרויסגייענדיק פון דער טרעפערין האָט אַבראַמסאָן געשטראַלט פון צופרידנקייט. איצט — האָט ער זיך געטראַכט — ווייסט ער שוין אויף זיכער וואָס איז זיין אמתער וועג, זיין באַרוף און זיין מיסיע אין לעבן. די טרעפערין האָט עס אים בפירוש געזאָגט. און פאַר גרויס פרייד האָט ער געוואָרפן א געשריי אין דער וועלט אַריין:

— איר וועט נאָך אַלע זען, ווער עס איז דער גרויסער פּאָעט, דוד אַבראַמסאָן!

אָבער ווער זאָל עס זיין די בלאָנדינקע, וואָס וועט אים ברענגען רום, גליק און א ליכטיקע צוקונפט?

אַבראַמסאָן האָט אין געדאַנק דורכגעזוכט און דורכגענישטערט אַלע זיינע באַקאַנטע בלאָנדינקעס, אָבער ער האָט פּאָרט זיך נישט געקאָנט דערטראַכטן, ווער דאָס זאָל קאָנען זיין. ער איז אָבער זיכער געווען און ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז דאָס וואָס די טרעפערין האָט אים צוגעזאָגט, וועט מוזן קומען.

עס זענען געלאָפן טעג נאָך טעג און וואָכן נאָך וואָכן. אבראַמ־סאָן האָט מיט אומגעדולד און אויפרעגונג זיך אויסגעקוקט די אויגן צו זען שוין כאָטש אַן אָנהויב פון דעם אַלעם וואָס די טרעפערין האָט אים צוגעזאָגט, זאָל זיין כאָטש עפּעס אַ צייכן, אַ סימן, אַן אָנדייט פון פאַרווירקלעכונג, אָבער — אומזיסט. זיין לעבן איז פּונקט ווי פריער זיך געגאַנגען מיטן אַלטן אויסגעטראָטענעם און רוטינעם וועג. ביסלעכווייז האָט אַ וואָרעם פון יאוש אָנגעהויבן אים צו טאָטשען און ער האָט שוין גענומען טראַכטן:

— ווער ווייסט, צי עס האָט עפּעס אַ ממשות די אַלע באָבע־מעשה׳ס, וואָס די טרעפערין האָט אים דאָרטן אָנגעפּלוישט!

און אַזוי לאַנגזאַם איז דער יאוש איבערגעגאַנגען אויף כעס און פאַרדרוס אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער, אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ פריידענקער, זאָל זיך גאָר לאָזן פאַרפירן פון באַרבאַרישע, אָבער־גלויבישע שמאַרוואָנצעס, וואָס עפּעס איינע אַ פרוי אַ שווינדלערין האָט אים אָנגעהאַקט אין קאָפּ אריין.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן פון חודש אויגוסט. נאָך אַ פליאָגע־דיקער און צעכליאַפּעטער, רעגנדיקער נאַכט, איז דוד אבראַמסאָן נאָך געשמאַק געשלאָפן, ווען דאָס לאַנגע קלינגען פון טעלעפאָן האָט אים אויפגעוועקט. אַ פרויען־שטימע האָט געפרעגט, צי איז עס ער, דער עלעקטריציסט אבראַמסאָן. זי בעט זייער, אַז ער זאָל באַלד צוקומען צו איר. די עלעקטרי־אינסטאַלאַציע פון הויז איז קאַליע געוואָרן און צוליב דער נויטיקער שטוב־אַרבעט מוז מען שוין, אומבאַדינגט באַלד דאָס פאַרריכטן.

אבראַמסאָן האָט קוים באַוויזן אָרומצווואַשן זיך און אָנצוטון זיך, האָט ער שנעל צונויפגענומען זיינע אינסטרומענטן און איז אַוועק אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס, אויף איינער פון די גאַסן אין קאָלאָניע ראָמאַ.

באַלד אין טויער איז אבראַמסאָנען אַנטקעגנגעקומען אַ יונגע פרוי אַ טונקל־בלאָנדע, אַ הויכע מיט אַ געזונט, פול, צערויטלט פּנים און מיט גוטמוטיקע, צעשמייכלטע, ליכטיקע, בלויע אויגן. אָנגעטון

איז זי געווען אין א לייכטן מאָרגן־ראָק, דורך וועלכן עס האָבן זיך דורכגעשטופּט אַלע טיילן פון אַן אויסגעטאָקטן און שיין־פּאַרמירטן פרויען־קערפּער און אינגאַנצן האָט אויך איר געהויבט מיט פרישקייט, ווי נאָרוואָס פון באָד אַרויס.

זי האָט זיך זייער אַנטשולדיקט, פאַרוואָס זי האָט אים באַלעמטיקט אַזוי פרי, גלייכצייטיק האָט זי אים שטאַרק באַדאַנקט פאַרוואָס ער איז באַלד געקומען און מיט אַ געדיכט־קלינגענדיקער שטימע האָט זי אַזוי צעפּיעשטשעט — קאָקעטיש זיך צערעדט:

— נו, זעט אַליין, הער אַבראַמסאָן, אַלץ אין שטוב, די קיך, דער אייזקאַסטן, דאָס פּרעס־אייזן, דער זייגער און דער ראַדיאָ, האָבן זיך מיט איין מאָל אָפּגעשטעלט און אַז אַלץ שטייט, דאַכט מיר, אַז איך אַליין האָב זיך אויך אָפּגעשטעלט — זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ געזונטן, קלינגענדיקן און נאַטירלעך־פרייען געלעכטער, ווי אַ נאַאיווער אויסדרוק פון צופרידנקייט פון איר אייגענער חכמה, וואָס זי האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט און זי האָט ווייטער פאַרגעזעצט — און דאָ בין איך איינע אַליין. די דינסט איז אוועק שוין צוויי טעג, ווייל די מוטער אירע איז קראַנק. אַזוי זענען זיי די מעקסיקאַנער דינסטן, ווען זיי ווילן, גייען זיי אוועק. תירוצים האָבן זיי גענוג.

אַבראַמסאָן האָט אַלץ אויסגעהערט און געטראַכט זיך:

— די דאָזיקע פרוי מוז יאָ זיין פון יענע, וואָס זענען געבענטשט מיט ניין מאָס רייד און נאָך מיט אַ שמיצל. אָבער... מ'קאָן איר אַלץ מוחל זיין...

און ער האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין איר פרישן, צערויטלטן, דאָרפיש־געזונטן פּנים, פון וועלכן עס האָט געשמעקט מיט פריש־אָפּגעשניטענע, פולע, זאַפטיקע תבואה־זאַנגען און געבלאַנדזשעט האָבן אַבראַמסאָנס אויגן איבער אַלע אירע קערפּער־טיילן, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן מיט זייער נאַקעטקייט דורך דער פאַרדעקעניץ פון איר מאָרגן־ראָק. און ער האָט געפילט ווי אַ מין מחיהדיקע, זיסע פאַרשיכורנדיקע וואַרימקייט צעגיסט זיך אים איבערן גאַנצן קערפּער און שפּאַרט זיך גלייך אין קאָפּ אַריין.

אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר, אַז פונם גאַנצן אַליאַרם וואָס זי, די באַלעבאָסטע, האָט געמאַכט, איז עס נישט מער געווען ווי אַן איבער־

געברענטער „טאַפּאָן". ווי נאָר אַבראַמסאָן האָט עס צערעכט געמאַכט, האָט אַלץ אין שטוב ווידער גענומען אַרבעטן און דער ראַדיאָ האָט פון זיך געלאָזט הערן אַ וואַלץ.

באַלד ווי דער ראַדיאָ האָט זיך צעשפּילט, האָט די פרוי געפרעגט אַבראַמסאָנען:

— איר האָט ליב מוזיק? — און איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט זי אין איין אָטעם ווייטער גערעדט:

— אַך, ווי דום איך בין. איך רעד מיט אַ מענטש און כ'האָב גאָר פאַרגעסן זיך פאָרצושטעלן. פריילין לינאַ שרענצעל איז מיין נאָמען. איך בין מוזיק־לערערין. און איר, הער אַבראַמסאָן, איז דאָס אייער אייגנטלעכער באַרוף — עלעקטריציסט? ווי מיר דאַכט, לויט ווי איך זע פון אייער פּנים און פון אייער גאַנצער פיזיאָנאָמיע, דאַרפט איר האָבן אַ העכערן, אַן אינטעליגענטערן באַרוף.

— איר זענט זייער אַ גוטער פּסיכאָלאָג, פריילין שרענצעל — האָט, מיט אַ געוויסן שטאָלץ און מיט אַן אינערלעכער פרייד, אַבראַמסאָן פייערלעך אויסגערופן — איך בין אַ גרויסער יידישער פּאָעט. ווען מיינע ווערק וועלן איבערגעזעצט ווערן אויף אַנדערע שפּראַכן, וועלן זיי מאַכן אַ קאָלאָסאַלן רושם אין דער וועלט־ליטעראַטור.

— אַזוי! — האָט ענטוזיאַסטיש אויסגעשריגן פריילין שרענצעל — .טאָ גיט מיר אייער האַנט, זענען מיר דאָך נאָענטע, אייגענע. פּאָעזיע מיט מוזיק גייען שטענדיק געאָרעמט.

זי האָט מיט ביידע אירע הענט שטאַרק געדריקט זיין רעכטע האַנט און דערנאָך זיין האַנט צוגעדריקט צו איר ברוסט, פון וועלכן אַבראַמסאָנען איז דורכגעלאָפן אַ שווינדל־ציטער איבערן לייב.

— אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר שטיין — האָט זי שוין מיט אַן אינטים־פריינטלעכן טאָן זיך געווענדט צו אַבראַמסאָנען — קומט, לאָמיר זיך אַוועקזעצן אויף דער קאַנאַפּע ביים ראַדיאָ, וועלן מיר צוזאַמען הערן מוזיק.

ווי אַ פאַרטשאַדעטער פון לינאַס נאָענטקייט האָט אַבראַמסאָן בלינד־געהאָרכזאַם נאָכגעפאָלגט איר ווונטש.

זיצנדיק צוזאַמען, מיט גאָר־געפרעסטער קני־נאָענטקייט האָט לינאַ, מיט אַ קאָקעטיש צעשמייכלטער ליבער וואַרימקייט, שווייגנדיק

געקוקט אַבראַמסאָנען גלייך אין די אויגן אַריין, ווי זי זאָל זיך וועלן שפּיגלען אין זיי און מיטאַמאָל האָט זי אים אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר, פריינט, פון וועלכן לאַנד אייגנטלעך קומט איר קיין מעקסיקע?

— איך קום פון פּוילן.

דערהערנדיק די פּאָר ווערטער, האָט לינאַ געגעבן אַ שפּרונג אויף פּאַר פרייד און זי איז באַלד אַריבער אויף פּויליש:

— אויב אַזוי, זענען מיר דאָך האַלבע לאַנדסלייט. מיין מאַמע איז אַ פּוילישע און מיין טאַטע איז אַ דייטש. מיר האָבן געוווינט אין קעניגסבערג און איך בין אַ לאַנגע צייט געווען מוזיק־לערערין אין וולאָצלאַוועק. אַ שיינע שטאָט, איר קענט וולאָצלאַוועק?

— ניין, איך בין קיינמאָל נישט געווען אין וולאָצלאַוועק. איך בין אַ ראַדאָמער.

— אַזוי, אַ ראַדאָמער! איך האָב אַ מומען אין ראַדאָם, מיין מוטערס אַ שוועסטער. איך האָב אַ סאַך מאָל געטראַכט צו פאָרן אַהין צו דער מומען, אָבער ס'איז מיר נישט אויסגעקומען.

— און ווו זענען היינט אייערע עלטערן?

לינאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי בלומרשט פאַרזאָרגט, און זי האָט געענטפערט מיט אַזאַ נעבעכדיקן, טרויעריקן טאָן:

— אַ לאַנגע צייט האָב איך פון זיי קיין שום ידיעה נישט גע־האַט. צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין פאָטער געפינט זיך אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד און וועגן מיין מוטער ווייס איך גאָרנישט ווו זי איז. וויפל כ'האָב געשריבן בריוו אַהיים, האָב איך קיין ענטפער נישט דערהאַלטן.

אַבראַמסאָן האָט געפילט, אַז לינאַס בלומרשטער טרויער־טאָן איז נישט קיין אויפריכטיקער און אים האָט עס שטאַרק געוווּנדערט, ווי זאָל אַן אייגן קינד זיין אַזוי גלייכגילטיק צום גורל פון די על־טערן. אָבער איין קאָקעטיש־ליבער קוק אירער איז גענוג געווען צו פאַרווישן יעדן פאַרדאַכט און יעדן מין טראַכטן בכלל.

— ווייסט איר גאָר וואָס, ליבער פריינט — האָט לינאַ שוין געביטן דעם טרויער־טאָן — לאָמיר איצט צוזאַמען עסן פרישטיק און דערנאָך וועלן מיר מאַכן אַ שפּאַציר אין מיין אויטאָ. אָבער — האָט

זי זיך באַלד געכאַפּט אויף צוריק — וואָס רעד איך אַזעלכע נאַריש־קייטן. איר זענט דאָך אַ פּאַרנומענער מענטש און איך, פּוילע ליידיק־גייערין, וויל אייך באַרויבן אייער צייט, וואָס איז אַזוי טייער.

אבראַמסאָן האָט דערפילט, אַז ס׳איז געקומען דער מאָמענט צו ווערן דרייסט. האָט ער זי אַרומגענומען, זי צוגעדריקט צו זיך און מיט צעפלאַמטע אויגן וואָס האָבן געברענט מיט פאַרלאַנגען, האָט ער אַריינגעקוקט איר אין די אויגן אַריין און פּייערלעך, כמעט דעק־לאַמירט, האָט ער אויסגעשריגן:

— ווער איז פאַרנומען! וואָס קאָן די צייט זיין פאַר מיר טייע־רער ווי אין דער נאָענטקייט פון אַזאַ ליב ווען, פון אַזאַ האַרציק־זיסער נשמה, ווי עס איז פריילין לינאַ שרענצעל!

דערביי האָט ער איר אָפּגעפּרעסט אַ קוש.

לינאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן כלומרשט פאַרשעמט און פאַר־לוירן... באַלד האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אַזוי ראַפּטומדיק, אומ־געריכט, האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן, האָט אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע אַקסלען און אים אָפּגעצאָלט מיט אַ האַסטיקן קוש און גלייך, מאָמענטאַל, איז זי אַרויסגעלאָפן פון סאַלאָן־צימער, פאַר־מאַכנדיק נאָך זיך די טיר. נאָך אַ קורצן מאָמענט האָט זיך ווידער געעפנט די טיר און בלויז נאָר דער קאָפּ לינאַס האָט אַריינגעשריגן:

— וועסט מיר אַנטשולדיקן, מיין ליבער, איך וועל דיך לאָזן אויף אַ ווייל אַליין. איך וועל נאָר צוגרייטן פרישטיק און זיך איבערטון:

לינאַס קוש מיט דעם פּלוצלונגדיקן איבערגאַנג אויף „דו” איז פאַר אַבראַמסאָנען געקומען עפּעס אַזוי אומדערוואַרט שנעל, אַז ער איז געבליבן זיצן ווי אַ היפּנאָטיזירטער און נישט געוווסט אויף וואָס פאַרא וועלט ער געפינט זיך.

אַז ער איז געקומען צו זיך און דערזעענדיק זיך אַליין, האָט לאַנגזאַם זיין קאָפּ ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן. ער האָט גענומען נאָכטראַכטן איבער אַלץ, וואָס אינם דאָזיקן פרימאָרגן איז מיט אים פאָרגעקומען. ערשט דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן די ווערטער, וואָס די טרעפערין האָט אים געזאָגט: „איינע, אַ בלאָנדע פרוי, וועט אייך ברענגען רום, גליק און פרייד”.

ערשט איצט האָט אַבראַמסאָן דערפילט, אַז ער איז אויף אַן אמת פאַרליבט אין לינאַן — — —

ווייט פון שטאָטישן טומל, קילאָמעטערס ווייט אַוועק פון מענטשלעכן טאָג־טעגלעכן געראַנגל פאַר עקזיסטענץ, אין אַ שטיל ראָמאַנטישן ווינקל, ערגעץ צווישן וועלדער, האָט זיך לינאַס אויטאָ מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. לינאַ האָט מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט די הענט און אַ מידע, האַלב־פאַרשמאַכט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַבראַמסאָנס אַקסל .

— וואָס איז דיר, מיין טייערע? — האָט אַבראַמסאָן געפרעגט אַזוי צערטלעך און זאָרגפול, דערביי האָט ער זיין באַק צוגעדריקט צו איר שטערן — וואָס איז דיר, לינאַ, פילסטו נישט גוט?

— ניין, מיר איז גאָרנישט, מיין ליבער דאַוויד, — האָט זי אַ שווערן זיפץ אַרויסגעלאָזט און מיט אַ טרויעריק־געבראָכענער שטימע שטיל גערעדט — מיר איז גאָרנישט, נאָר עס טרעפט מיר אָפט, אינמיטן פון מיין פריילעכסטער שטימונג, פאַל איך פלוצלונג אַריין אין טרויער, ווען איך דערמאָן זיך פון זיי, דאָרטן אין דייטשלאַנד. מיר דאָ לעבן מיט אַלע פאַרגעניגנס און מיר גענים פון אַלע מענטשלעכע פריידן און דאָרטן, אינם פאַרשאָלטענעם נאַצילאַנד, ווערן טויזנטער מענטש מערדערלעך געפייניקט, מיט די שרעקלעכסטע יסורים, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. צווישן זיי איז אויך מיין ליבער פאָטער, און ווער ווייסט ווו עס מאַטערט זיך ערגעץ מיין גוטע מאַמע.

אַבראַמסאָנען האָבן שטאַרק גערירט לינאַס ווערטער, אַזש טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, און ער האָט געזוכט ווערטער ווי זי צו טרייסטן:

— אָבער וואָס קאָנען מיר דאָ זיי העלפן. וואָס וועט שוין זיי בעסער ווערן דאָרט, אַז מיר דאָ וועלן וויינען, קלאָגן און זיין טרויעריק. אַזוי איז דאָס לעבן. ווער עס לעבט, וויל גענים פונם לעבן.

דערביי האָט ער אַריינגענומען איר קאָפּ אין זיינע אָרעמס און שטאַרק אים געדריקט צו זיין ברוסט.

עטלעכע מינוט איז לינאַ אַזוי געלעגן אין אַבראַמסאָנס אָרעמס, און ס'האָט אויסגעזען ווי זי זאָל האָבן איינגעדרימלט. מיטאַמאָל

האט זי זיך ראַפּטום אויפגעזעצט, זיך אויסגעגלייכט און קוקנדיק ליבלעך אבראַמסאָנען גלייך אין די אויגן אריין, האט זי שוין גאַר אין אַן אנדערן טאָן, אַ פעסטערן, אָנגעהויבן רעדן:

— דו מאַכסט אַ טעות, מיין ליבער דאַוויד. איך האָב שוין אַ סאַך געטראַכט וועגן דעם און איך בין איבערצייגט, אַז מיר דאָ, קאָנען יאָ אַ סאַך העלפן און עס איז אַן אומרעכט פון אונז ווען מיר טוען עס נישט.

— צום ביישפּיל, מיט וואָס קאָנען מיר זיי העלפן, אדרבה, זאָג.

— אָט וועל איך דיר זאָגן. איך האָב געטראַכט, אַז ווען מיר זאָלן וועלן און אָנווענדן אַביסל שׂכל מיט אַביסל טאַקט, קאָנען מיר ארויס־ראַטעווען אַ סאַך ליידנדע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זיי אַרי־בערברענגען אַהער אין פרייען מעקסיקע.

לינאַ איז אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן, זיך פאַרטראַכט און באַלד ווידער אָנגעהויבן.

— ווען דו, מיין ליבער דאַוויד, זאָלסט וועלן, קאָנסטו מיר אַ סאַך העלפן דאָס צו מאַכן.

— איך?! — האָט אבראַמסאָן געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג.

זי האָט נענטער צוגערוקט איר קאָפּ צו זיינעם, שאַרפער אים אריינגעקוקט אין די אויגן און כמעט אויסגעשריגן:

— יאָ, דו! אָט וועל איך דיר דערקלערן: איך ווייס, אַז פון דייטשלאַנד לאָזט מען ארויס יידן, אויב זיי האָבן פּאַפּירן וווהין אריינצופאָרן. איז ווען דו זאָלסט עס וועלן טון, מיר צוליב, קאָנסטו ביי דיינע לאַנדסלייט, אַזעלכע וואָס זענען מעקסיקאַנער בירגער, ארויסקריגן זייערע בירגער־פּאַפּירן, אָדער פאָטאָסטאַטן פון די ביר־גער־פּאַפּירן און דורך דעם קאָן מען דאָ ארויסקריגן רייזע־פּאַספּאָרטן. די דאָזיקע פּאַספּאָרטן, ווען מען שיקט קיין דייטשלאַנד, וואָלט מען דורך דעם געקאָנט אַ סאַך מענטשן ארויסראַטעווען פון די שרעק־לעכע קאָנצענטראַציע לאַגערן.

— אָבער לינאַ, דאָס איז דאָך פאַלשקייט און אומגעזעצלעך!

— און שטאַרבן דורך שוידערלעכע פּייניקונגען און אוממענטש־לעכע יסורים איז יאָ געזעצלעך? — האָט לינאַ אויסגעשריגן מיט

פארקריצטע ציין — דו ביסט דאך א פאעט, דאוויד, און פאעטן זע־נען דאך סענסיטיווער און פילנדער, מער ווי אנדערע פראסטע מענטשן, פארוואס זאלסטו נישט פילן די ליידן פון יענע געפייניק־טע דארט?

פלוצלונג האט זי אנידערגעווארפן דעם קאפ צו אבראמסאנען אויפן שויס און האט היסטעריש זיך צעוויינט.

דא האט אבראמסאן אינגאנצן זיך פארלוירן. דאס לשון איז אים ווי אפגענומען געווארן און ער האט נישט געקאנט געפינען קיין טרייסט ווארט, מיט וואס זי איינצונעמען און צו בארואיקן. שיער שיער האט ער אליין נישט אנגעהויבן צו וויינען. ענדלעך האט ער זיך באהערשט, זיך געשטארקט און גענומען זי בארואיקן:

— וויין נישט, לינא. איך בעט דיר, טו מיר צוליב. איך קאן נישט זען דיך וויינען. איך וועל דיר אויך צוליב טון. איך וועל זיך באמיען נאכצוקומען דיין יעדן פארלאנג.

דערביי האט ער איר אויסגעקושט די טרערן פון די אויגן און פון די באקן.

— נו, זאגסטו מיר צו?

— ווייסטו וואס, מיין טייערע, איך האב א גוטע עצה: איך האב א פריינט, וואס איז א מיטגליד אין דער קאמיסיע פאר פליטים־הילף אין מעקסיקע. איך וועל מיט אים זיך דורכרעדן וועגן דעם.

לינא האט מיט איר האנט פארשטעלט אבראמסאנען דאס מויל און נישט געלאזט אים ווייטער רעדן. און זי האט אן אויפגערעגטע אויסגעשריגן:

— אך, דאנערוועטער, ווי גאט איז דיר ליב, קיין ווארט מיט קיינעם וועגן דעם. בלויז דו, איך און גאט — ווייטער קיינער!

מיטאמאל איז זי ווידער אריבער אין א סענטימענטאלער ליבע־שטימונג, זי האט ארומגעכאפט אבראמסאנען, אים צעקושט ווו נאר ס'האט זיך געלאזט:

— אך, מיין ליבער, דא, מיין זיסער זון מיינער, איך וועל דיך גרויס מאכן, א בארימטער פאעט וועסטו ביי מיר ווערן. פיל אינטע־לקטועלע פערזענלעכקייטן זענען מיינע פריינט, זיי וועלן פאר דיר אלץ טון צוליב מיר, גרויס וועסטו ווערן, מיין הארציקער דאוויד. איך

וועל מיין גאנץ פֿארמעגן פֿאר דיין רום שפּענדן, און אין דיין באַ־רימטקייט וועל איך גליקלעך זיך פֿילן צו זיין אין דיין שאָטן. ביס־טו איינשטימיק?

אַבראַמסאָנען האָט זיך דער קאָפּ געמישט פֿון דעם רום זיינעם, וועלכן ער האָט שוין געזען אַזוי קלאָר. און פֿאר גרויסער פֿריידיקער צעטראָגנקייט האָט ער נישט געקאָנט ענטפֿערן. ער האָט נאָר גע־שעפּטשעט מיט די ליפּן אין דער שטיל, האַלבע ווערטער, מער מיטן האַרץ געטרעדט ווי מיטן מויל:

— יאָ, לינאַ. אַלץ, אַלץ, וועל איך טון, אַלץ וועל איך פֿאר דיר טון. פֿאר דיר, פֿאר דיר.

ווען אַבראַמסאָן איז אַהיימגעקומען פֿון לינאָן, איז שוין געווען גוט טונקל אין דרויסן. אוונט־שאָטנס האָבן זיך שוין געשאַרט אויף די ווענט פֿון זיין צימער.

לאַנג איז אַבראַמסאָן געלעגן אין בעט און נישט געקאָנט איינ־שלאָפֿן. אַלע איבערלעבונגען פֿונם טאָג האָבן זיך נאָכאַמאָל פֿאר אים פֿאַרבייגעטראָגן, זענען פֿאַרבייגעלאָפֿן ווי קינאָ־בילדער און ער האָט מיט אַ גיריקער צופֿרידנקייט געוואָלט זיי זען נאָכאַמאָל און נאָכאַ־מאָל. טיילמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז נישט געווען אין דער ווירקלעכקייט, נישט מער ווי אַ חלום איז דאָס אַלצדינג גע־ווען. אָבער — אַזאַ זיסער חלום, אַזאַ טייערער חלום, אַזאַ צאַרטער חלום און אַזוי טראַכטנדיק און טרוימענדיק איז ער אַנטשלאָפֿן גע־וואָרן.

אינמיטן דער נאַכט האָט אַבראַמסאָן זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ יאָמערלעכן געוואָלט.

אַ קאָשמאַר — אַ חלום האָט אים אויפֿגעוועקט. אים האָט זיך געחלומט, אַז ער זעט גאַנצע קופּעס געשאָכטענע קינדער, גאַנצע גאַסן מיט אויפֿגעהאָנגענע יידן, גאַנצע בערג מיט פֿאַרברענטע פֿרויען, פֿאַר־פּייניקטע מיידלעך, צעהאַקטע מענטשן־לייבער און אַרום דעם אַלע־מען דרייען זיך אַרום דיקע, אָנגעפֿרעסענע דייטשן מיט פֿאַרטעמפּטע פּנימער, מיט רויטע מאָרדעס און פֿרעכע אויגן און אַלע — מיט

פארבלוטיקטע הענט און מיט ציניש געלעכטערס און צווישן די דייטשן זענען אויך פרויען פאראן, אויך זיי זענען מיט פארבלוטיקטע הענט און מיט שארפע מעסערס און אויך זיי, די פרויען, מארדן, שעכטן און רויבן. פלוצלונג האט א גראבער דייטש דערלאנגט אים, אבראמסאנען, א זעץ מיט א שווערן האמער איבערן קאפ און דער גראבער דייטש האט ציניש אים אריינגעלאכט אין די אויגן אריין:

— כי־כי־כי, לינא איז א דייטשקע, יא א דייטשקע איז זי, ווי מיר אלע דייטשן און דייטשקעס.

פון שטארקן ווייטיק פונם קלאפ מיטן האמער איבערן קאפ, האט זיך אבראמסאן אויפגעכאפט.

א גאנצע נאכט איז אבראמסאן שוין נישט געשלאפן. ער איז געלעגן א וואכעדיקער און אין זיין קאפ האט זיך גענומען אויסוועבן און אויסניכטערן די שיכרות פון דעם פארגאנגענעם טאג. אין מוח האט אים אנגעהויבן צו ווערן וואס אמאל אלץ קלערער און קלערער און פלוצלונג איז ווי א בליץ דורכגעלאפן פארביי אים לינאס ווערטער: „אך, דאנערוועטער, ווי גאט איז דיר ליב, קיין ווארט מיט קיינעם וועגן דעם, בלויז דו, איך און גאט, ווייטער קיינער".

— אזוי!... אזוי!... מיך האט זי עס אויסגעקליבן פאר אן אינסטרומענט!... יידישע פאספארטן דארפן זיי צו האבן!... און פאר וועמען?! פאר וועמען?!

אבראמסאן האט איצט גענומען קלאר דערזען פאר זיך די גאנצע „חברותא": די טרעפעריין, וועלכע זעט פארויס „א בלאנדע פרוי, וועלכע וועט ברענגען רום, גליק און פרייד". דער אלטער מיט די גרויע וואנצעס, וועמען „עס איז אזוי שווער אויפן הארצן און דארף זיך אפרעדן". לינא, וועלכע האט פלוצלונג באדארפט האבן אן עלעקטריציסט און האט אזוי ראפטום זיך פארליבט אין אים, איבער די אויערן...

אזוי... אזוי... א קאץ האט מען געוואלט כאפן אין זאק!

— אך, מיין גאט, ווהין האב איך עס געקאנט פארקריכן!

אבראמסאן האט א קאנווולסיוון ציטער געטון און ער האט זיך צעוויינט. שרעקלעך־לאנג האט זיך געצויגן די נאכט. מיט ברענענדיקן אומגעדולד האט אבראמסאן זיך געווארפן אויפן געלעגער. זיך

אויסגעקוקט די אויגן שוין צו דערלעבן דעם אָנקום פון טאָג. אַ גאַנ־צער פּלאַן האָט זיך אים געוועבט אין קאָפּ, ווי אַזוי ער זאָל איצט האַנדלען.

ניין אַזייגער אינדערפרי איז אַבראַמסאָן אוועק צו דער טרעפ־פערין.

ביים אַריינגאַנג איז ביי אַ טישל געשטאַנען דער זעלביקער „אַראַבער" ווי מיט זעקס וואָכן צוריק, מיט די זעלביקע שוואַרצע וואָנצעס, ברייטע הויזן און רויטער פעסקע. ווידער די זעלביקע פּראָ־צעדור — איינשרייבן דעם נאָמען אין אַ בוך און איינצאָלן צען פּעזעס.

דער וואַרט־זאַל איז נאָך געווען ליידיק. קיינער, ווייזט אויס, האָט זיך נישט געפּעדערט. פונדעסטוועגן האָט אַבראַמסאָן געוואַרט מער פון אַ האַלבער שעה ביז ער האָט געקאָנט אויפגענומען ווערן פון דער קורצער און גראָבינקער מאַדאַם פאַטימאַ חאַסין אַל־באַב — די טרעפערין. די דאָזיקע האַלבע שעה האָט זיך פאַר אַבראַמסאָנען שרעק־לעך געצויגן. ער האָט אין דער צייט נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט. און פונקט ווי ער האָט געביטן די זיץ־פּלעצער, אַזוי האָבן זיך אים געביטן די געדאַנקען אין קאָפּ און אַזוי האָבן זיך אַלע מאָל געענדערט די פּלענער זיינע.

דער זעלביקער רויט־טונקעלער צימער, ווי מיט זעקס וואָכן צו־ריק.

— זעצט אייך אָט דאָ אויף דער שטול קעגן איבער מיר.

אַבראַמסאָן האָט זיך געזעצט און באַלד אָנגעהויבן:

— איר דערקענט מיך נישט? מיט זעקס וואָכן צוריק בין איך ביי אייך דאָ געווען.

— זענט איר איצט ווידער געקומען. זייער גוט. זייער גוט — אין איר קול האָט זיך געמערקט אַן אויפרעגונג און זי האָט געקוקט אויף אַבראַמסאָנען מיט גזלנישע, ביסטרע אויגן.

— אָבער ,מאַדאַם, איך בין היינט נישט געקומען, אַז איר זאָלט מיר ט ר ע פ ן — אַבראַמסאָן האָט געצויגן איראָניש דאָס וואָרט „ט ר ע פ ן" — איך בין געקומען זיך דערקונדיקן ווער איר זענט און וואָס פאַר אַ שייכות איר —

איידער אַבראַמסאָן האָט נאָך באַוויזן צו דערזאָגן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, איז ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן פאַר אים אַ הויכער און ברייטער פאַרשוין, ווי אַן אַטלעט, ער האָט אַבראַמסאָנען אַ נעם געגעבן ביי די קלאַפּעס, אים האַסטיק אויפגעשטעלט און דערלאַנגט אים אַ כמאַל צווישן די אויגן, אַז אַבראַמסאָנען איז באַלד פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. בלוט האָט אים געגומען רינען פון אַלע זייטן און ,ווי אַ שמאַטע, איז ער אַרויסגעשליידערט געוואָרן ערגעץ אין אַ הויף אַריין, דורך אַ זייטיקער טיר וואָס אַבראַמסאָן האָט זי פריער גאַרנישט באַמערקט.

אַ צעמזיקטער, אַ צעבלוטיקטער, מיט ברוינבלויע אונטערגעהאַקטע אויגן און מיט אַ צעטרעגצלטן פּלאַן, האָט אַבראַמסאָן קוים זיך דערשלעפּט אַהיים.

מיט קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן אויפגעלאָפענעם פּנים, איז דער ערשטער געדאַנק אַבראַמסאָנס געווען, אַז אַ פּרעכטיקע פּאָעמע קאָן אַרויס אָט פון דער דאָזיקער גאַנצער געשיכטע. אָדער בעסער גאָר — אַ דראַמע. אָך, סאַראַ וווּנדערבאַרע דראַמע עס וועט אַרויס, מיט דער הויפּט־העלדין — די טרעפּערין.

א רעטעניש

אַנדערע זאָגן, אַז קערפּערלעך איז נישטאָ קיין מיאוסער מענטש. עס איז נאָר פאַראַן אַ שיינער און נישט־שיינער מענטש. עס קאָן זיין — עטיש גענומען — אַז דאָס איז אַ פיינע דעפיניציע. אויב אָבער, ווי פּשוטע מענטשן זאָגן, אַז ס׳זענען יאָ דאָ קערפּערלעך מיאוסע מענטשן, איז זיכער איינער פון זיי — לואיס מענדעז.

אַ נידעריקער, מיט אַ הויקער אויף דער פּלייצע, מיט אַ גרויסן קאָפּ, וועלכער ליגט טיף אריינגערוקט אין די אַקסלען; אַ רויט־גע־שטופּלט פּנים, מיט אַ ברייט־צעצויגן מויל, פון וועלכן עס פאַלט אראָפּ אַ גראָבע אונטערשטע ליפּ — דאָס איז ער, הער לואיס מענ־דעז.

קיינער איז אָבער נישט געשטראָפט מיט אַלעמען. קוקן אָבער דערפאַר ארויס פונם דאָזיקן מיאוסן קאָפּ (אויב מען מעג אזוי זאָגן) אַ פּאָר ליכטיקע, מילדע בורשטין־אויגן. זיי קוקן מיט אַזויפיל קלוג־שאַפט, פאַרשטענדעניש און ליבער וואַרימקייט, אַז ס׳איז פּשוט אַ מחיה צו געפינען זיך אין ליכט פונם דאָזיקן קוק זיינעם.

און די אויגן גיבן אויס, אַז אינם דאָזיקן נישט שיינעם קער־

פער געפינט זיך אַ גאָר צאַרטע און פּרעכטיק־שיינע נשמה. די אויגן זיינע דעקן אויף און ווייזן, אַז דאָרטן אינעווייניק, הינטער דער מאַס־קע פון נישט שיינעם קאָפּ זיינעם, ליגט אַן אוצר מיט וויסן.

לואיס מענדעז איז געבוירן געוואָרן דער דריטער און יינגסטער זון ביי זיין פאָטער, ליסענסיאַדאָ אַרטוראָ מענדעז.

דאָן אַרטוראָ איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַן אָרימער מענטש. אין די יונגע יאָרן האָט ער געדינט אַלס באַאַמטער אין דער רעגי־רונג פון פּאָרפיריאָ דיאַז. שפּעטער, מיטן פאַלן פון דאָן פּאָרפיריאָס רעגירונג, האָט דאָן אַרטוראָ מענדעז אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן זיך מיט אַדוואָקאַטור, פון וועלכער ער האָט קוים געקאָנט פאַרדינען אויס־צוהאַלטן זיין פאַמיליע מיט אַן אָרים באַשיידן לעבן.

קיין שום מאַטעריעלע ירושה האָט דאָן אַרטוראָ נישט איבערגע־לאָזט פאַר זיינע קינדער. די איינציקע ווערטפולע זאַך, וואָס ער האָט יאָ געלאָזט בירושה, איז געווען די שטאַרקע נייגונג צו לערנען און די גרויסע שטרעבונג צו וויסנשאַפט, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין די קינדער זיינע פון זייער פריסטער יוגנט אָן.

פון קינדוווייז אָן האָט לואיס מענדעז אַרויסגעוויזן געניאַלע פע־איקייטן אין מאַטעמאַטיק. דער פאָטער זיינער האָט אים זייער ליב געהאַט און ער האָט געגלויבט, אַז פון לואיסן וועט אויסוואַקסן אַ גרויסע וועלט־באַרימטע פּערזענלעכקייט און דערמיט זאָל ער, דער אָרימער לואיס, גראַטיפיקירט ווערן פאַר זיין פיזישער באַשטראָפט־קייט.

אַז לואיס איז אַלט געוואָרן 18 יאָר, האָט דער פאָטער, מיט דער לעצטער אָרימער מעגלעכקייט זיינער, אים אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד צו שטודירן פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק.

לואיס מענדעז, אַ מענטש שוין אין די פופציקער, איז דער אייגנ־טימער פון אַ קליין אַפּטייק־געשעפט, אויף איינער פון די זייטיקע גאַסן אין מעקסיקע־שטאָט.

שוין אַ צייט ווי ער, לואיס, שטייט פאַר אַ רעטעניש, צוליב אַ פאַל, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. ער קאָן אויף קיין אופן נישט פאַר־

שטיין דעם באדייט פון דעם, וואָס איז מיט אים דעמאָלט פּאָרגעקו־מען. אַ רעטעניש איז עס אויך געבליבן פאַר אַלע, פאַר וועמען לואיס האָט עס דערציילט. קיינער קאָן די זאַך נישט באַגרייפן.

און געשען איז עס אַזוי:

אין איינעם אַ מאָנטיק, באַלד אינדערפרי, ווען ל. מענדרעז האָט געעפנט זיין געשעפט, האָט ער געפונען אויף דער שוועל ליגן אַ פאַר־מאַכטן בריוו, געשיקט דורך פּאָסט און אַדרעסירט צו אים. עפענענ־דיק דעם קאָנווערט, האָט ער פון דאָרט אַרויסגענומען אַ ווייס קאַרטל, אויף וועלכן ס'איז מער נישט געווען ווי אַ רויט רעדל און אינמיטן פונם רויטן רעדל — אַ שוואַרצע 65. לואיס מענדרעז האָט לכתחילה געמיינט, אַז ס'איז אַ פּראָפּאַגאַנדע אַזאַ פון עפּעס אַן אַרטיקל. ער האָט אויף דעם גאָר קיין אַכט נישט געלייגט און גלייך אַוועקגע־וואָרפן דעם בריוו מיטן קאַרטל אין מיסט־קאָרב אַריין. אָבער מערק־ווירדיק, צו וואָס ער, מענדרעז, האָט זיך נישט גענומען און וועגן וואָס ער האָט נישט געטראַכט, האָט זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן דאָס רויטע רעדל מיטן שוואַרצן 65 אינמיט. איז ער צו צום מיסט־קאָרב, ווידער גענומען דעם בריוו אין האַנט אַריין, נאָכאַ־מאָל באַטראַכט דאָס ווייסע קאַרטל מיטן שוואַרצן 65 אינמיט פון אַ רויט רעדל און אים האָט מיטאַמאָל גענומען וווּנדערן, פאַרוואָס איז דאָס געדרוקטע קאַרטל געקומען אין אַ פאַרמאַכטן בריוו. סטייטש — פּראָפּאַגאַנדע קומט דאָך געוויינלעך אין אָפענע קאָנווערטן. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, ווי נאַריש עס איז אַוועקצושטעלן זיך און טראַכטן איבער עפּעס אַ מאַכערייקע — אַ קאַרטל. האָט ער צעריסן דאָס קאַרטל און ווידער אַוועקגעוואָרפן די שטיקלעך אין מיסט־קאָרב אַריין.

קורץ נאָכדעם איז אַריין צו מענדרעזן אין געשעפט אַ יונגע פרוי, אַ הויכע, אַ העל־בלאָנדע, מיט אַ מאָגער, מענלעך־האַרט פּנים און מיט שטרענגע העל־גרינע אויגן. זי האָט געבעטן פרייזן פון פאַרשי־דענע קאָסמעטישע אַרטיקלען. רעדנדיק אַזוי מיט דער בלאָנדער פרוי, האָט לואיס מענדרעז באַמערקט, אַז אין לאַץ פון איר מאַנטל שטעקט אַ קליינער זשעטאָן מיט אַ ציפער 65. מענדרעזן האָט דאָס עפּעס אויסגעזען אויפפאַלנדיק און פאַרדעכטיק. ער האָט מיט פרעגנדיקע

אויגן שאַרף אָנגעקוקט דער פרוי. זי האָט, מיטן זעלביקן שאַרפן קוק, שטום אים געענטפערט, אָן ענטפער, וואָס האָט עפּעס געזאָגט און אויף עפּעס געוואַרט. אָבער מענדעז האָט נישט געקאָנט פאַר־שטיין, נישט איר אויגן־ענטפער און נישט איר שטומען וואַרטן.

נאָך איר אַוועקגיין, איז מענדעזן ווידער געקומען אויפן געדאַנק דאָס ווייסע קאַרטל מיטן שוואַרצן ציפער 65 אינמיט פונם רויטן רעדל, און ער האָט געזוכט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם קראַטל, וואָס ער האָט אינדערפרי דערהאַלטן, מיט דער בלאָנדער פרוי, וואָס איז נאַרוואָס אַוועק. לואיס מענדעז איז צו צום מיסט־קאַרב, האָט אַרויסגענומען די שטיקלעך פונם צעריסענעם קאַרטל, האָט זיי אונ־טערגעקלעפּט און ווידער האָט ער זיך אַריינגעטראַכט אינם רויטן רעדל מיטן שוואַרצן 65. נאָך אַ ווייל אַזוי טראַכטן איז ער אין כעס געוואָרן אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער מאַכט זיך אַזוי נאַריש. האָט ער גענומען דאָס צונויפגעקלעפּטע קאַרטל, צעריסן עס אויף פּיץ־פּיצ־לעך און האַסטיק אַוועקגעוואָרפן די שטיקלעך אין מיסט אַריין.

אינם זעלביקן טאָג, באַלד נאָכמיטאָג, האָט צו מענדעזן אָנגע־קלונגען דער טעלעפאָן און אַ מאַן מיט אַ גראָבער באַס־שטימע האָט געפרעגט אין פראַנצויזיש:

— זענט איר הער לואיס מענדעז?

— יאָ, איך בין עס.

— רעדט איר פראַנצויזיש?

— יאָ, איך רעד פראַנצויזיש.

— ווילט איר אפשר אַזוי גוט זיין, הער מענדעז, און מיר זאָגן, ווי מען זאָגט אויף שפּאַניש: פינף און זעכציק?

— פריער וויל איך וויסן, מיט וועמען האָב איך דעם כבוד צו רעדן.

— אַזוי, איר ווילט מיך קענען. איך וואָלט אויך זייער צופרידן געווען אייך צו קענען. איר קענט מיך טרעפן אויף דער גאַס... נומער... דאָרט אינם גלאָז־געשעפט, מיטן נאָמען... עס וועט זיין פאַר מיר אַ פרייד צו טרעפן זיך מיט אייך, איך וואַרט אויף אייך.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ל. מענדעז זיך פאַרטראַכט נאָכן דאָזיקן טעלעפאָן־געשפּרעך. ווער שפּילט זיך עס דאָ מיט מיר און

האָט אַן אינטערעס מיר צו פאַראינטריגירן? און וואָס איז דאָ פאַר אַ מעשה מיט אַ ציפער 65, מיט וועלכער מען מוטשעט מיך פון אינדערפרי אָן?

און וויפיל לואיס מענדעז האָט געוואָלט זיך אויסלאַכן פון דעם אַלעמען, געבן אַ שפּיי אויף די נאַרישקייטן, וואָס עפּעס איינעם אַ שוטה, אַ לײדיקגייער האָט זיך פאַרגלוסט אונטערצופירן, האָט אים פאָרט נישט געלאָזט רוען די ציפער 65.

ניין, עס איז עפּעס נישט אַזוי גלאַטיק מיט דעם — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן און אַ נייגעריקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו וועקן אין אים:

— מען מוז דערגיין, וואָס דאָס איז פאַר אַ געשיכטע!

און ער האָט באַשטימט צו גיין אַהין, אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס.

ווי נאָר לואיס מענדעז האָט באוויזן איבערצוטרעטן די שוועל פונם גרויסן גלאָז־געשעפט, אויף איינער פון די פאַראַדנע גאַסן אין מעקסיקע, איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ הויכער, גראָב־בייכיקער מאַן, מיט אַ רויט אָנגעפּולט פּנים, מיט קליינע וואַסערדיקע אייגעלעך און מיט שיטערע בלאָנדע האָר, נעט פאַרקעמט אויף אַ זייט. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייסן כאַלאַט און געדרייט אַ דיקן ציגאַר צווישן די ציין. ער איז מענדעזן אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ ליבן שמייכל. ער האָט מענדעזן אָנגערופן ביים נאָמען, איז באַלד אַריין מיט אים אין נאָענטער גוטברודערשאַפט, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— הער מילהאַרדט.

אויף דעם וואָס מענדעז האָט אים געפרעגט, צי ער האָט עס אים אָפּגערופן דורכן טעלעפאָן, אויף פראַנצויזיש, האָט הער מילהאַרדט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, מיט גרויס פאַרוואונדערונג, און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי פון יענער וועלט אַראָפּגעפאַלן.

— איך — איך, דורכן טעלעפאָן, אויף פראַנצויזיש?! ווי פאַלט אייך גאָר איין אַזעלכעס?! ערשטנס — קען איך גאָר קיין פראַנצויזיש נישט, און צווייטנס — ווייס איך אבסאָלוט נישט פון גאָרנישט!

הער מילהאַרדט האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער מיט אַזוי פיל אויפריכטיקייט און מיט אַזאַ נאַאיוו־תמימותדיקן טאָן, אַז מענדעזן האָט דער מינדסטער געדאַנק נישט געקאָנט קומען צו צווייפ־לען אין זייער ריכטיקייט.

לואיס מענדעז איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, אין פאַר־לוירענער פאַרלעגנהייט און מאָדנע מחשבות האָבן זיך אים גענומען פּלאָנטערן אין קאָפּ.

איבערגעשלאָגן די צעטומלטע געדאַנקען האָט אים די זייער פריינטלעכע שטימע פון הער מילהאַרדט:

— אָבער וואָס איז דען וויכטיק ווער עס האָט אייך גערופן דורכן טעלעפאָן, הער מענדעז. עס איז נישט כדאי צו טראַכטן וועגן דעם און צו מאַכן זיך גאָר אַ וועזן פון אַזעלכע זאַכן. נאָר, אַז דער צופאַל האָט אייך שוין יאָ געבראַכט אַהער, קומט מיט מיר, וועלן מיר אַביסל שמועסן. איך האָב אַ סאַך געהערט פון אייך און עס איז שטענדיק מיין גרעסטער פאַרגעניגן צו שמועסן מיט אינטעליגענטע מענטשן.

הער מילהאַרדט איז אַוועק פאָרויס אין אַ הינטער־צימער פון געש־שעפט און מענדעז איז אים נאָכגעגאַנגען, מיט נייגיר און שטוינען. און ער האָט געטראַכט: „צי איז עס נישט אַמאָל עפּעס אַ פּלאָנטער פון אַ חלום?...״

דער צימער, אין וועלכן זיי זענען אַריין, אַזוי געווען קליין און פולשטענדיק ליידיק, בלויז נאָר צוויי שטולן זענען געשטאַנען אַרום אַ קליין קיילכדיק טישל.

באַלד נאָכן אַוועקזעצן זיך, האָט הער מילהאַרדט געפרעגט זייער העפלעך און ליבנסווירדיק:

— איר, הער מענדעז, האָט דאָך, דאַכט זיך, שטודירט אין דייטשלאַנד?

— יאָ, — האָט מענדעז געענטפערט קורץ — איך האָב שטו־דירט אין דייטשלאַנד.

— אויב אַזוי, רעדט איר דאָך דייטש. ס׳וועט זיין פאַר אונז באַקוועמער צו רעדן אין דייטש. זאָלן די לייט פון דאָרטן אונז נישט

פאַרשטיין — דערביי האָט ער אָנגעוווּנקען אויף דער טיר.

און גלייך איז ער אַריבער אויף דייטש:

— אייער זון, הער מענדעז, לערנט אין די שטאַטן אויף אינזשי־ניער, ס'איז וואָר?

לויט מענדעז האָט זיך געוווּנדערט, פון וואַנען ווייסט יענער דאָס אַלצדינג און ער האָט געקלערט אין זיך: „צו וואָס זאָל דאָס אַלץ צילן?" אָבער אויס העפלעכקייט האָט ער געענטפערט:

— יאָ, הער מילהאַראָט, מיין זון לערנט אין די שטאַטן, אויף אינזשיניער־געאָלאָג.

— פאַרדינט ער דאָרטן עפּעס אויך — אויב ס'איז מיר דער־לויבט צו פרעגן — אָדער ער לעבט אינגאַנצן אויף אייער חשבון?

מענדעזן האָבן די דאָזיקע פראַגעס אָנגעהויבן צו ווערן פאַר־דראָסיק. האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט:

— צו וואָס זענען די אַלע פראַגעס אייערע געצילט, אויב איך מעג וויסן?

— אַך יאָ, מיין ליבער פריינט, וואָרום דען נישט? מיר אינטע־רעסירט צו וויסן, צי וואָלט אייער זון געוואָלט דאָרט פאַרדינען ביי אַ לייכטער אַרבעט, וועלכע וועט ביי אים נישט אָוועקרויבן די צייט פון זיין לערנען.

מענדעזן איז עפּעס נישט געפעלן געוואָרן דער אופן פון דער האַלב־פאַרשטעלטער און נישט דערזאָגטער אָנדייטונג פון מילהאַרדטס פאָרשלאָג. לויט מענדעז האָט זיך דערפילט באַליידיקט פון דעם, כאָטש ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס. האָט ער דעריבער מיט עזותדיקן שטאָלץ געענטפערט:

— דאַנקען גאָט, מיין זון נויטיקט זיך נישט אין קיין זייטיקן פאַרדינסט. איך שיק אים גענוג פאַר זיין אויסהאַלטונג. פונדעסט־וועגן — האָט מענדעז ווי זיך עפּעס דערמאָנט — וואָלט איך וועלן וויסן, וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט, וועלכע איר שלאָגט פאָר פאַר מיין זון.

הער מילהאַרדט האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק די לעצטע ווערטער מענדעזעס און ער איז מיטאַמאָל אַריבער גאָר אויף אַן אַנ־דער שמועס:

— דייטשלאנד איז הערלעך שיין, ס'איז וואר?

— יא, אין יענע צייטן איז דייטשלאנד געווען הערלעך שיין און אינטערעסאנט.

— היינט איז עס נאך שענער און פיל אינטערעסאנטער.

מענדעזן האט שוין בכלל דער גאנצער דאזיקער שמועס דערעסן און דא — הערנדיק, אז דייטשלאנד איז היינט פיל אינטערעסאנ־טער, האט זיך מיטאמאל אין אים אנגעצונדן דער האס און צארן צום היינטיקן דייטשלאנד, וואס איז אנגעזאמלט געווען ביי אים שוין פון א צייט — האט ער אויסגעשריגן מיט כעס און פארביטערט־קייט:

— און אויך פיל בארבארישער!

דעם הער מילהארדטס פנים האט ראפטום פארלוירן די ליבלעכ־קייט, די פריינטלעכקייט און דעם לאקריצדיקן חניפה־שמייכל. א האר־טע שטרענגקייט האט זיך מיטאמאל פארצויגן איבערן רויטן, פולן פנים און מיט א שטעכעדיק־דורכדרינגענדיקן קוק האט ער אפגע־מאסטן מענדעזן פון קאפ ביז די פיס. באלד האט ער זיך אויפגע־שטעלט, א קוק געגעבן אויף זיין האנט־זייגער און מיט א שטרענגן געשעפטמעסיקן טאן האט ער, מיט געצווונגענער העפלעכקייט, זיך געווענדעט צו מענדעזן:

— איר זענט דאך א פארנומענער מענטש, הער מענדעז, און איך בין אויך פארנומען. קומט בעסער מארגן עלף אינדערפרי, וועלן מיר פרייער און ברייטער קאנען שמועסן און אפשר אויך מאכן גע־שעפט...

באטש לואיס מענדעז איז אוועק פונם הער מילהארדט אן אויפ־געקרעגטער און מיט א שווער געמיט, פונדעסטוועגן האט ער באשלאסן ווידער זיך צו טרעפן מיט אים אין דער אפגערעדטער שעה. עס האט מענדעזן געצויגן די נייגעריקייט צו דערגיין, צו וואס דאס אלץ וועט צופירן.

צומארגנס, פינקטלעך עלף אינדערפרי, איז לואיס מענדעז אריין אינם זעלביקן גלאז־געשעפט. ער האט מיט די אויגן ארומגעזוכט דעם הער מילהארדט, אבער — נישט געפונען. האט ער, מענדעז, זיך נאכגעפרעגט ביי די מענטשן דארט, אויף דעם הויכן, דיקן און בלאנדן

הער מילהארדט, מיט וועמען ער האָט זיך נעכטן דאָ געטראָפֿן. אָבער אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט פֿאַרווּנדערונג:

— דאָ איז גאָר קיינמאָל אַזאַ מענטש נישט געווען, — האָבן אַלע געענטפֿערט דאָס זעלביקע — און מיר קענען גאָר אַזאַ מענטש נישט.

מען האָט מענדעזן געגעבן דאָרט צו פֿאַרשטיין, אַז ער מאַכט אַ טעות. ער האָט אַוודאי געמוזט זיך טרעפֿן מיט אַזאַ הער אין אַ צווייטן פּלאַץ און אַז דורך אַ טעות האָט ער פֿאַרבלאָנדזשעט.

די מענטשן פֿון געשעפֿט האָבן נאָר אויסגעדריקט באַדויערן מענדעזן, וואָס פֿון נעכטן ביז היינט האָט ער שוין פֿאַרגעסן ווו ער איז געווען. און זיי האָבן אים געראָטן, אַז ער זאָל אַהיימגיין און זיך אויסשלאָפֿן, אפֿשר וועט ער דערנאָך זיך דערמאָנען וווהין ער דאַרף גיין...

לואיס מענדעז איז אַרויס פֿון דעם גלאָז־געשעפֿט אַ באַליידיקטער, אַ פֿאַרשעמטער און צעטומלטער, געמאַטערט פֿון אַ שווערער רעטע־ניש, וואָס ער קאָן נאָך ביז היינט נישט פֿאַרשטיין:

— וואָס איז פֿאָרט אין יענעם טאָג מיט אים פֿאָרגעקו־מען — — — ? !

א בפירושער פסוק

— ווען די וועלט וואָלט נישט געווען אַזאַ עקלדיקע, פּאַלשע, פאַרדאָרבענע, נידערטרעכטיקע און שמוציקע, וואָלט איך, משה נאַרקעס, גאָר אַן אַנדער פּלאַץ פאַרנומען און איך וואָלט גאַנץ אַנדערש אויסגעזען.

ער זאָגט עס נישט ווערטלעך און נישט אַזוי דייטלעך, אָבער אין זיינע שמועסן מיט מענטשן גיט ער עס גענוג אָנצוהערן.

און אפשר איז ער גערעכט.

געווען איז דאָס אין איינעם אַ נאָכמיטאָג.

אין יידישן קלוב איז געווען — ווי געוויינטלעך — האַלב חושכדיק. זענען מיר דאָך היינט אַזעלכע פילפאַכע אבלים, שרויים בצער, דאַרפן מיר טאַקע נישט דערלאָזן צופיל ליכט אין אונזערע געצעלטן.

אין מיטן זאַל, אויף ענג־צונויפגערוקטע שטולן, זענען געזעסן 6 פערזאָן. דער אויסזען פון זייער צוזאַמענזיצן און פון זייער צערעכצטן שמועס איז געווען, פונקט ווי דער זאַל, סודותדיק־פאַרחושכט און טרויעריק־מיסטעריעז און עס האָט אויסגעזען ווי עס זאָל

זיין אַ געהיימע פאַרזאַמלונג פון אַמאָליקע אנוסים, ערגעץ אין אַ קע־לער. אויף די ווענט אַרום זענען זעקס שאָטנס געקראָכן. זיי האָבן זיך געשטאַלטיקט אין פאַרשידענע, אומגעלומפּערטע, מוראדיקע פי־גורן. זיי האָבן אַזוי פּאַסיק דערגאַנצט דאָס בילד פונם קלוב, און גע־שאַפן אַזאַ פּחדימדיק, דערשלאָגן געמיט, ווי עס פּאַסט פאַר היינטי־קער, קלאָגעדיקער צייט.

האָט איינער אַ שווערן זיפץ געגעבן:

— און ער איז נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק, דער ימח שמוניק. וואָס וועט פאָרט זיין דער סוף?

האָט דער צווייטער אָפּגעקרעכצט אַ טרייסט־ענטפער:

— נישקשה, הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל, עס וועט זיין סוף אויך קומען. מיר האָבן ערגערע צוררי ישראל איבערגעלעבט, וועלן מיר נאָך דערלעבן זיין וויסטע מפּלה אויך.

צווישן די זעקס איז אויך געווען משה נאַרקעס.

ווען דאָס יידישע פאָלק זאָל געווען האָבן אַן אייגענע, זעלבסט־שטענדיקע מלוכה, מיט אַלץ אייגנס, אויך מיט אַן אייגענע אַרמיי, וואָלט זי זיך נישט געקאָנט ווינטשן קיין שענערן גענעראַל ווי אונ־זער משה נאַרקעס.

אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער, מיט אַ פעסטן שטייפן קאַרק, מיט אַ רויט, גוידערדיק געזיכט, מיט אַ שמאָל מויל, אויף וועמענס פאַר־ביסענע ליפּן עס ליגט אַ סאַרקאַסטישער ביטול־שמייכל פאַר דער גאַנצער וועלט און מיט אַ פּאָר ליכטיקע קלוגע אויגן, פון וועלכע עס שטראַלט אַרויס אַ וועלט מיט חכמה. אַזוי זעט אויס אונזער משה נאַרקעס.

און עפנט ער דאָס מויל, שיט זיך פון דאָרט אוצרות מיט פּערל. יעדעס וואָרט — אַ שאַרפזין, יעדער געדאַנק — אַ לעבנס חכמה. וואָלט מען אַלע זיינע ווערטער געווען אויפזאַמלען, וואָלט אַן אוצר נישט פאַרפאַלן געוואָרן.

ער רעדט נישט, משה נאַרקעס, ווי געוויינלעך עס רעדט אַ מענטש צו אַ צווייטן, וועלכער דאַרף אים הערן. ניין, ער טראַכט עס

בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר ער טראַכט אַזוי אויפן קול, אַז די אַרומיקע הערן זײַנע טראַכטענישן. ווײַל ער אַמאָל טראַכטן, ווי יעדער מענטש, אין דער שטיל, קאָן ער עס נישט. עס איז נישט אין זײַן נאַטור. פון אַ שטילן טראַכטן ווערט ער באַלד אַנטשלאָפן און אויס מיט אַלע מחשבותן.

וואָלט ער, משה נאַרקעס, נאָך געווען האָבן בילדונג, וויסן, וואָלט ער זיכער געווען דערגרייכט צו פענאָמענאַלער גאונות. דאָס איינציקע, אויף וואָס ער איז אימשטאַנד זיך צו שטיצן, איז דער תנ"ך, וועלכן ער האָט געלערנט אין די גאָר פריסטע קינדער־יאָרן, אָבער דער אײַזערנער זכרון זײַנער דינט אים גוט און קומט אים שטאַרק צו הילף. ווײַל משה נאַרקעס עפּעס באַווײַזן און פעסטשטעלן מיט זיכערקייט, אַז ער איז גערעכט, האָט ער באַלד אַ גרייטן פּסוק פון תנ"ך, וואָס קומט אים צו הילף. און טאָמער איז אַזאַ פּסוק נישט־טאָ אין תנ"ך, געפינט אים אויך משה. ער פאַרשטייט און איז זי־כער, אַז אַזאַ פּסוק וואָלט באַדאַרפט דאָרט זײַן.

נאָכדעם ווי משה נאַרקעס האָט אויסגעהערט די קרעכצן, זיפצן און „פּאָליטישע חכמות" פון זײַנע אַרומיקע מיטשמועסער, וועגן דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה און וועגן די צוקונפטיקע ענגלישע נצחונות, וועלכע מוזן קומען, צוליב דעם יידישן פאָלק, וואָס דאַרף און מוז גובר זײַן דעם כוח הטומאה און מוז אויף כוח בײַקומען דעם ימח שמוניק, היטלערן, מיט זײַנע חיילות, אַז עס זאָל פון זײ קיין שריד ופליט נישט בלײַבן — האָט ער, משה, מיט זײַנע שאַרפע אויגן און מיט זײַן סאַרקאַסטישן ביטול־שמייכל, באַטראַכט יעדן איי־נעם פון די אַרומיקע און ער האָט זיך אָנגערופן:

— שטילער, בטלנים, לאָזט אויך נאַרקעסן (אַזוי רעדט ער וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן) קומען צום וואָרט.

אַלע זענען שטיל געבליבן, אויסגעדרייט די אויגן צו נאַרקעסן מיט געשפּאַנטקייט, צו הערן וואָס ער האָט צו זאָגן. נאַרקעס האָט געשוויגן אַ ווײַל, נאָכאַמאָל דורכגענומען די אַרומיקע און אָנגע־הויבן:

— איר זענט אַלע בלינדע מענטשן, ווייל איר זענט קינדער פון אַ בלינדער, פאַלשער און שמוציקער וועלט. איר זעט נישט ווייטער פון אייער אייגענער נאָז. מיינט נישט, אַז עס גיסט זיך טייכן בלוט אומזיסט, נאָר בלויז כדי ענגלאַנד זאָל ווידער ווערן אַ שטאַרקע און מעכטיקע אימפּעריע; אַז מיליאָנען מענטשן זאָלן ווידער שמאַכטן אונטער ענגלאַנדס קנאַפּל און זי, די שטאַרקע ענגלאַנד, זאָל זיך שפּילן מיט דעם לעבן פון גאַנצע פעלקער ווי אַ קונצנמאַכער מיט זיינע הילצערנע פיגורן. ניין, ברידער, נישט דאָס איז עס! אָדער איר ווילט זיך איינרעדן, אַז ענגלאַנד מוז געווינען צוליבן יידישן פאָלק, ווי נאַריש איר רעדט! וואָס פאַרא ראָל שפּילט איין ליידנדיק פאָלק אַנט־קעגן אַזאַ גרויסער וועלט, וואָס טרינקט זיך אין בלוט און אין טרערן פון כמה הונדערטער יאָרן. אַ וועלט, וווּ מיליאָנען לעבנס ווערן צע־טרעטן ווי ווערים אונטער דעם יאָך פון איין פאָלק, צי איז עס ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד אָדער האָלאַנד. ניין, מיינע פריינט. די גאַנצע וועלט מוז איבערגעבויט ווערן; די וועלט מוז אַרויס פון איר נידערטרעכטיקייט. און אַ נייע פרייע וועלט מוז געבוירן ווערן. פולשטענדיקע פרייהייט פאַר יעדן פאָלק און אויך אמתע פרייהייט פאַר יעדן יחיד.

דאָס גאַנצע בינטל אַרום נאַרקעסן האָט מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט זיך צוגעהערט צו זיינע נייע און מאָדנע ווערטער און גאָר־נישט באַמערקט, ווי אין זאָל איז אַריין אַ פרעמדער יונגערמאַן, אָנ־געטון אין ספּאָרט־קליידונג און אויסגעזען האָט ער ווי אַן אַמערי־קאַנער טוריסט. ער האָט אויך זיך איינגעהערט אין נאַרקעסעס דרשה און עפּעס זענען אים נישט געפעלן געוואָרן זיינע ווערטער. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס שמעקט מיט קאָמוניזם.

משה נאַרקעס האָט ווייטער גערעדט:

— אַזאַ פאַרשקלאַפטע און פאַרדאַרבענע וועלט! עס האָט גע־מוזט קומען צו טייכן מענטשלעך בלוט כדי זי צו רייניקן, אָבער עס וועט כדאי זיין. די וועלט מוז אַרויס פון שקלאַפעריי און פון הייני־טיקער פאַסקודסטווער געמיינהייט!

דער אַריינגעקומענער יונגערמאַן האָט שוין מער נישט געהאַט קיין געדולד צו שווייגן און ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך זע צו וואָס איר צילט. איז וואָס זשע מיינט איר, אַז סטאַלינס בלוטיקע הענט וועלן עס ברענגען די ישועה אויף דער וועלט — — — ? !

אַלע האָבן זיך דערשראָקן פון דעם פּלוצלונגדיקן אַריינזאָגן און האָבן זיך אומגעקוקט צום נייעם מיטשמועסער, וועמען זיי האָבן ביז אַהער גאַרנישט באַמערקט. משה נאַרקעס אַליין איז אויך אין אָנהויב אַביסל מבולבל געוואָרן, בפרט ווען ער האָט דערזען, אַז יענער איז אַן אַמעריקאַנער. אָבער מאָמענטאַל איז ער געקומען צו זיך און ווי־דער גענומען רעדן:

— נישט וויכטיק ווער דער גואל איז, וויכטיק איז די גאולה. דורכן געמיינסטן באַרוועסן שייגעצל קאָן מען אַמאָל שיקן די וויכ־טיקסטע שליחות.

און נאַרקעס האָט זיך געווענדט דירעקט צום אַמעריקאַנער:

— דער פּסוק זאָגט: „הנה בא מאדום חמוץ בדם לבושו להחיש גאולה" — ער וועט קומען פון אדום, זיינע קליידער אויסגעווייקט אין בלוט, כדי צוצואיילן די אויסלייזונג.

— ו ו אָ ס ! ? — האָט דער אַמעריקאַנער יונגערמאַן אַ געשריי געגעבן — וואָס!? וועמען גייט איר דערציילן אַ מעשה מיט אַ פּסוק! ווו געפינט זיך אַזאַ פּסוק אין תנ"ך? איך קען גוט תנ"ך. איך ווייס נישט פון אַזאַ פּסוק. זאָגט, אדרבה, ווו געפינט זיך דער פּסוק!

אַזאַ באַליידיקונג, און נאָך פון אַן אַמעריקאַנער שניעק, האָט משה נאַרקעס נישט געקאָנט שוין פאַרטראָגן. ער האָט זיך צעלאַכט מיט פאַרביטערטקייט:

— זעט נאַר זעט, ווער עס גייט מיר לערנען אַ פּסוק אין תנ"ך. אַז איך, משה נאַרקעס זאָג, ווייס איך וואָס איך זאָג. אוודאי געפינט זיך אַזאַ פּסוק אין תנ"ך: אין ישעיה, צי אין יחזקאל, אָדער אין עמוס, אָדער גאָר אין חבקוק. עס איז אַ בפירושער פּסוק...

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט משה נאַרקעס זיך גענומען שאַרן צו דער טיר, וואַרפנדיק הינטער זיך מיט ווערטער:

— אַזאַ נישטיקע, פאַרדאַרבענע און שמוציקע וועלט!

און געמיינט האָבן די ווערטער אַזוי צו זאָגן:

— ווען נישט אַזאַ פּאַסקודנע וועלט, וואָלט אַזאַ אַמעריקאַנער

שניעק נישט געהאַט די חוצפּה זיך קעגנצושטעלן קעגן מיר, משה נאַרקעס, און ווען נישט אַזאַ נידערטרעכטיקע וועלט, וואָלט איך, משה נאַרקעס, גאָר אַן אַנדער פּלאַץ פאַרנומען און וואָלט גאַנץ אַנ־דערש אויסגעזען.

— אוואדע איז עס אַ פּסוק. אַ בפּירושער פּסוק!

א קרבן

דאָס געסל איז נאָך האַלב געשלאָפן. צוויי גאַסן־קערער האָבן מיט זייערע בעזימס געהויבן אַ שטויב ביזן הימל אַריין. דער שטויב האָט נאָך טונקעלער געמאַכט דעם געסלס פרימאָרגן, וועלכער האָט אַזוי אויך זיך געשטעלט אַ כמורנער. און דורכן גאַנצן שטויב האָט זיך דורכגעטראָגן אַ לאַנגער פאַרשלאָפענער געניץ. דער זייגער איז קוים געווען אַכט.

עס האָט נאָך געפעלט אַ שעה ביז צום עפענען די געשעפטן. אין אַנדערע גאַסן האָט שוין דער טאָג אַריינגעבראַכט זיין טומל. און מענטשן, אויסגעשלאָפענע און אויסגערוטע, האָבן מיט נייעם מוט און פרישקייט זיך שוין געהאַט אַריינגעוואָרפן אינם געפילדער פון נייעם טאָג, אָבער נישט אינם דאָזיקן געסל. אַהין פוילט זיך אונטער דער טאָג צו קומען און ער פאַרשפעטיקט דאָרט שטענדיק.

דער איינציקער אין יענעם געסל — אויסער די צוויי גאַסן־קערער — איז געווען זלמן, וועלכער האָט זיך שוין געדרייט הין און צוריק פאַר דער פאַרמאַכטער טיר פון זיין געשעפט און פאַבריק פון סוועטערס. זלמן — אַ נידעריק, פעסלדיק יידל, מיט אַ קיילעכדיק

קינדיש פּנים, אויף וועלכן ס׳איז צעלייגט אַ זאָרגלאָזיקייט און צו־פרידנקייט — האָט אַרומשפּאַצירט אויפן טראָטואַר, אַ פּאָרטראַכ־טער, מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. ס׳איז קענטיק געווען, פון זיינע אָנגעשפּיצטע אויגן, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט ווי פאַר־קוקט זיך אין מרחקים, אַז ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף וועמען.

ערשט שוין נאָענט פאַר ניין האָט זלמן מיטאַמאָל אויפגעלעבט. ער האָט אַפּערגענומען די הענט פון הינטן, זיי גענומען רייבן איינע אָן דער צווייטער און איבער זיין פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ צופרי־דענער שמייכל. ער האָט דערזען ווי עס דערנענטערט זיך איינער פון „זיינע מענטשן". עס איז אָנגעקומען קאַפּלאַן. אַ יונגערמאַן, פון אַ יאָר דרייסיק, העכער פון מיטלוווקס, מיט זייער אַ דאַר און אויסגע־צויגן פּנים און מיט גרויסע פאַרחלומטע אויגן. ער איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט און דעם קאָפּ געשיקט פאָרויס, ווי אַ שליח וואָס דאַרף אָנזאָגן זיין קומען.

באַלד נאָך קאַפּלאַנען האָבן זיי גענומען אָנקומען איינער נאָך איינעם, ביז זיי האָבן זיך געבינטלט, אין פינף פּערזאָן, פאַר זלמנס געשעפט.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן:

דער אַלטער לייזער האָט זיך צעשריגן מיט אַזאַ הייזעריק־קווי־טשיק שטימעלע:

— אָבער איר זעט, וואָס האָב איך אייך געזאָגט. איך קען דעם ענגלענדער. דאָס איז אַ קאַלטער גזלן. ער האָט צייט. ער יאָגט זיך נישט. איך בין געווען זיבן יאָר אין לאָנדאָן. איך קען אים אויסגע־בונדן.

דער אַלטער לייזער האָט דערווייל געפּאַקט אַ גוטע געלעגנהייט צו דערציילן, צום טויזנטסטן מאָל, וועגן ענגלאַנדס גרויסקייט און פון די וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס ער האָט זיך אַלץ דאָרטן אָנגעזען, אין יע־נער צייט ווען ער האָט, מיט כמה יאָרן צוריק, געשניידערוועט אין ווייטשעפּל.

אָבער שמואַלקע פּאַרך, וואָס איז שוין אָנגעשמעקט מיט קאָ־מוניזם, האָט דעם אַלטן לייזערן נעבעך, נישט צוגעלאָזט דאָס פאַרגע־ניגן און ער האָט אים איבערגעשריגן מיט זיין געזונטער באַס־שטימע:

— וואָס איז עס אַזוי די שמחה אויף אייך מיט ענגלאַנד! די זעלביקע אימפּעריאַליסטישע מלוכה ווי דייטשלאַנד, און אפשר נאָך ערגער. אַז עס האָט זיך איר געלוינט, האָט דריי יאָר נאָכאַנאַנד זיך געגאָסן יידיש בלוט אין פּאַלעסטינע. טויזנטער יידן זענען פאַרפרוירן געוואָרן אויף שיפן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט איבער אַלע ימים און ענגלאַנד האָט זיי אין ערגעץ נישט געוואָלט אַריינלאָזן.

שמואלקע פאַראַך גיט אַ האַסטיקן שפּיי אויס אין דער לופט און שרייט אויס נאָך העכער:

— איין שוואַרץ יאָר זאָל זיי ביידע אויפפרעסן, ענגלאַנד מיט דייטשלאַנד צוזאַמען און מיר זאָלן עס נאָך דערלעבן צו זען.

— און דיין סטאַלין?! — האָט זיך פון דער זייט אַריינגעריסן אַ שטימע ווי פון דער גמרא — היטלערס שותף, אַ נכפה אויף זיי ביידע! וואָס איז? סטאַלין איז בעסער פון היטלערן?! שיסט אויס טויזנטער אומשולדיקע מענטשן, יעדערער לעבט דאָרט ווי אין אַ טור־מע, מען האָט מורא פאַרן אייגענעם שאָטן. פרעגט מיין זון, וועט ער אייך דערציילן, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין סטאַלינס גן־עדן. מיין זון לייענט אַלע צייטונגען, ער ווייסט אַלצדינג.

דערווייל האָט זלמן אויפגעהויבן די רוק־טיר פון זיין געשעפט און דאָס גאַנצע בינטל פּאָליטיקער האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אַי־נעווייניק.

דער דאָזיקער צווישן־צייט, פון איבערפּעקלען זיך פון דרויסן אין געשעפט אַריין, האָט דערווייל אויסגענוצט דער הויבער קאַפּלאַן, וועלכער איז בטבע אַ שווייגער און ווען מען לאָזט קיינמאָל נישט קומען צום וואָרט, האָט ער איצט אָנגעהויבן מיט זיין שטאַמלענדיקן לשון:

— אונזער לע־ע־עצטן ק־ק־אָן שפּילן מי־מי־מיר יידן אויף ע־ע־ענגלאַנד.

אָבער איידער קאַפּלאַן האָט באַוויזן אַרויסצומעקען אינגאַנצן וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט מיט אימפּעט אַריינגעפּאַטשט מענדל מיטן בערדל. ער איז אַריין אַ פאַריאַכמעטער און פאַרסאָפּעטער און אַ שים אויס געגעבן:

— יידן, אַ וויכטיקע נייעס! מהרסיך ומחרביך ממך יצאו... גע־

רינגס הויפט געהילף איז א ייד. ער איז דער גרעסטער גאון פון דער לופט און ער איז עס דער גאַנצער פירער פון אַלע דייטשישע לופט־אָפעראַציעס.

די גאַנצע צייט האָט זלמן, מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, זיך שטיל צוגעהערט צו יעדנס ווערטער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז מיט יעדן מסכים. ער האָט זיך באמת נישט געקאָנט אָריענטירן ווער עס איז טאַקע גערעכט. ערשט איצט, נאָך מענדלס פלוצלונגדיקער נייעס, האָט זלמן, מיט א שטילן, רואיקן, און באַזאַכטן טאָן, און מיט פערלדיקע געקליבענע ווערטער זיך אָנגערופן:

— זאָלסט מיר מוחל זיין, מענדל, ביסט א גרויסער בלאָפער.

מענדל איז מיטאַמאָל געבליבן בלייך ווי קאַלך און יעדעס אבר אין אים האָט זיך געגומען ווארפן. מיט פאַרקריצטע ציין און שטעכעדיקע אויגן האָט ער זלמנען אָפגעמאָסטן און אים געשטופּט די צייטונג גלייך אין פּנים אריין:

— איך בין א בלאָפער, בין איך?! אָט נאָ, לייען די צייטונג, נאָ, זע!

זלמן האָט פון זיך אָפּגעשטופּט די צייטונג און מיט א געלאַסענעם שמייכל, וואָס האָט זיך צעלייגט אַזוי נאַריש אויף זיין פּנים, האָט ער ווידער, פּאַמעלעך, רואיק און איראָניש, א זאָג געטון:

— ביסט גערעכט מענדל, נישט קיין בלאָפער ביסטו, נאָר פּשוט א ליגנער.

— וואָס?! — איז מענדל אריין אין רציחה און ער האָט זיך צעפלאַמט — דו זאָגסט מיר ליגנער, דו גראָבער פּליגל, דו קענסט דאָך אפילו קיין יידישע צייטונג נישט איבערלייענען! וואָס מיינסטו, ווייל האָסט געקראָגן געלט, ביסטו שוין א גאַנצער חכם, א כלל־טוער און קהלישער פּאַרזאָרגער! ווער, ווער, אָבער איך ווייס דאָך יאָ ווער דו ביסט, דו כאַמולע איינער, איך קען דאָך דיך פון דער היים, דו באַלעגאַלע דו!

ביז די לעצטע ווערטער מענדלס, איז זיך זלמן געשטאַנען מיט א סטאָאישער רואיקייט, ווי נישט אים מיינט מען. דער שמייכל איז אים נישט אראָפּ פון די ליפּן און זיין פּנים איז געוואָרן וואָס אמאָל

אַלץ מער נאַרישער און לעקישעוואַטער. אָבער ווען ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „באַלעגאַלע", איז מיטאַמאָל ווי אָראָפּגעפאַלן אַ מאַסקע פון זיין פּנים און זיין גאַנצער אויסזען האָט זיך מאָמענטאַל געביטן: די ליפּן זענען ווי אויסגעקרומט געוואָרן, די אָדערן פון שטערן זע־נען, ווי בלויע קישקעס, אָנגעשטייפט געוואָרן און די אויגן, פאַר־גרעסערטע, האָבן זיך גזלניש אָנגעצונדן.

און איידער די אַרומיקע האָבן צייט געהאַט זיך צו דערשרעקן פאַר זלמנס פּלוצלונג־באַקומענער מאָנסטרואַישער געשטאַלט, האָט ער, זלמן, שוין געהאַלטן אויפגעהויבן אַ שווער שטיק אייזן.

מענדל האַלט, אַז פּעריציק טעג איידער דער מענטש ווערט גע־בוירן, פּונקט ווי עס ווערט אין הימל אויסגערופן זיין זיווג, אַזוי ווערט אויסגערופן ווי לאַנג ער זאָל לעבן אויף דער זינדיקער וועלט. אַנדערש, זאָגט ער, פאַרשטייט ער נישט ווי אַזוי ער האָט זיך גע־ראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט פון זלמנס הענט; ווי אַזוי עס איז אים געלונגען קונציק־פלינק, מאָמענטאַל, אַרויסצולויפן פון זלמנס געשעפט, כדי אויסצומיידן, אַז דאָס שווערע שטיק אייזן זאָל אים נישט טרעפן אין קאָפּ אריין. דאָס שטיק אייזן אָבער איז אויך געווען גענוג פלינק, נאָכגעלאָפן מענדלען ביז אין גאַס אריין און געטראָפן אים אין אַ פּוס.

אַ צייט לאַנג איז מענדל אַרומגעגאַנגען אַ הינקענדיקער, מיט אַ באַנדאַזשירטן פּוס און יעדערן געוויזן, אַז ער איז אַ קרבן פון גע־רינגן, ימח שמו וזכרו...

העלדן...

אז מ׳זאָגט סתם „אין באַנק״, פאַרשטייט יעדער ייד, וואָס פּאַ־ראַ באַנק מען מיינט. וואָרן אין וועלכער דען באַנק קומען זיך יידן צוזאַמען ספּעציעל, כדי צו שמועסן פּאָליטיק און פירן דעם גאַנג פון דער מלחמה, אויב נישט אין דער יידישער?

אַז צוויי יידן טרעפן זיך און זאָגן, אַז מ׳דאַרף גיין צאָלן אַ וועקסל, וועלן זיי באַלד צוגעבן אין וועלכער באַנק עס איז צו צאָלן. אָבער אַז יידן זאָגן „קומט, וועלן מיר אַריינגיין אין באַנק הערן נייעס״, איז עס אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז מען מיינט אין „באַנקאָ מערקאַנטיל״.

און אייגנטלעך, ווו דען זאָלן זיך יידן צוזאַמענקומען און פירן די וועלט מלחמה? קיין יידישער „מרחץ״ איז אין מעקסיקע נישטאָ. ווידער דער בית המדרש, להבדיל, האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין דער צענטער פון יידישן לעבן. אָבער צוזאַמענקומען זיך מוז מען דאָך פאָרט. בפרט אין אַזאַ צייט. מ׳קאָן דאָך נישט לאָזן די וועלט אויף הפקר.

נו, איז נאַטירלעך, ביי אונזערע מעקסיקאַנער באַדינגונגען, דער

בעסטער, באַקוועמסטער און פּאַסיקסטער פּלאַץ פאַר אַזעלכע עני־נים — איז אין דער יידישער באַנק.

קומען אַהין, אין באַנק אַריין, דריי קאַטעגאָריעס יידן:

איין קאַטעגאָריע, די וואָס כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין באַנק הערן נייעס. קיין שפּאַנישע בלאַט־צייטונג פאַרשטייט מען נישט אַזוי גוט. און אַפילו אַז מ'פאַרשטייט שוין יאָ, קאָן מען זיך נישט אַרויס־פּלאָנטערן פון די חמרים ליגנס, וואָס פאַלן פון ביידע קעמפנדיקע צדדים. היינט גיי דערגיי אַ טאָלק ווי די לאַגע האַלט! כאַפּט מען זיך אַריין אין באַנק. דאָרטן ווייסט מען גאַנץ באַשטימט, ווער־וואָס און ווער־וועמען.

אַ צווייטע קאַטעגאָריע, אויך נייעס־דורשטיקע, אָבער שוין מער באַשטענדיקע באַנק באַזוכער. זיי קאָנען זיך אַליין גאַנץ גוט און ווייסן, אַז אַליין זענען זיי נישט אימשטאַנד אַריינצודרינגען אין דער טיפעניש פון דער חכמת הפּאָליטיקע און ווער שמועסט נאָך, אָנצו־פירן מיט די אַלע ביטערע שטיק פון דער וועלטלעכער הינטערקוליסן פּאָליטיק — זענען זיי אַוודאי און אַוודאי נישט ביכולת, קומען זיי אין באַנק אַריין, אין באַשטימטע שעה, שפּיצן אָן מויל, נאָז און אויערן און הערן זיך צו אויפמערקזאַם, וואָס די יודעי חן, די אמתע פּאָליטיקער, האָבן צו זאָגן.

די דריטע קאַטעגאָריע איז, צו וועמען אַלעמענס אויגן זענען געווענדט, וועמענס וואָרט עס ווערט אויפגעכאַפּט ווי, להבדיל, אַ תורה. דאָס זענען די, וואָס פירן זעלבסטשטענדיק אַליין אָן מיטן גאַנצן גאַנג פון קריג און דעריבער איז פאַר זיי קלאָר אַלע באַהאַל־טענע געהיימנישן און אַלע סודות פון דער סטראַטעגיע. דאָס זענען די וועלכע האָבן אַראָפּגעזעצט טשעמבערלייגען און אַרויפגעזעצט טשווירטשילן. און זיי ווייזן עס כסדר אָן — טשווירטשילן מיט זיינע מיניסטאָרן — וואָס עס איז דאָ צו טון, ווי מ'דאַרף גיין, וווּ איז סטראַטעגיש בעסער פאַר ענגלאַנד און וועלכע באַוועגונג און האַנד־לונג איז אויסגעהאַלטענער.

איינער פון די דאָזיקע סטראַטעגן־פּאָליטיקער איז דער גרויסער שלמה.

שטייט ער אַזוי, דער גרויסער שלמה, אין מיטן באַנק און אַרום

אים וויקלט זיך א רעדל מענטשן, וואס האלטן פאררים אויגן, מויל און אויערן ארויף צו אים, ווייל ער איז העכער פון אלע. ס'דאכט זיך, אז עס, שלמה, איז לכתחילה געוואקסן אזוי הויך, כדי ער זאל אין די מלחמה־יארן קאנען דרשענען פאר אן עולם אין דער יידישער באנק און אלע זאלן אים קאנען זען און הערן.

שלמה איז צעפלאמט און רעדט מיט פאטאס:

— מיר געפעלט נישט זיין גאנצער אופן פון פירן דעם קריג (ער מיינט אוואדע טשוירטשילן, וועמען דען?), וואס איז דאס פאר א סיסטעם פון פירן מלחמה! איר האט שוין געהערט א מאדע פון יד תחת יד: דו באמבארדירסט מיר א שטאט, איך דיר א שטאט. דו מיר אן עראדראם, איך דיר אן עראדראם. וואס איז דאס פאר א ווארטן אויף כבוד?! דו פארדאסטער ענגלענדער, דערלאנג דו פריער, גיב אים, אז ער זאל האבן צו פילן... (שלמה פארביילט דערביי מיט א פויסט און ווייזט ווי מ'דארף ארויסווייזן העלדישקייט און אנטשלאסנקייט) דו לאז זיך ארויס אויף דייטשלאנד און מאך חרוב שטאט נאך שטאט, מאך דו פריער פון זיי א בארג אש, וועלן זיי שוין פארשפארן קומען צו דיר...

שלמה פאלט אריין אין העכסטן עקסטאז, דאס פנים צעבליט און די אויגן צעשטראלט, שרייט ער אויס:

— ווען איך וואלט געווען אויף טשוירטשילס ארט, וואלט איך —

— וואס איז געשען?

שלמה האט פלוצלונג פארלוירן דעם גלאנץ פון די אויגן, דאס פנים איז מיטאמאל אראפ פון דער מראה און איז פארצויגן געווארן מיט א שאטן. די הענט האבן אים גענומען ציטערן, די ליפן עפעס באלאקען און אינגאנצן איז ער געבליבן אין א לעקישעוואטער, אומבאהאלפענער פאזע.

צוזאמען מיט שלמהס דערשראקענע בליקן האבן אלעמענס אויגן זיך געווענדט צום אריינגאנג פון באנק. דארטן האט זיך באוויזן א מיטליאריקע, דיקלעכע פרוי, מיט א שיין און שטאלץ געזיכט און מיט א פאר גזלנישע אויגן. זי איז אזוי געשטאנען אין דער טיר, אומבאוועגלעך, און מיט שפיציק־שטעכיקע אויגן האט זי באטראכט איר

מאַן, דעם גרויסן שלמהן, מיטן גאַנצן רעדל, וואָס האָט זיך געפּלאָנ־
טערט אַרום אים.

שלמה, אַ פאַרלוירענער, ווי אַ קינד, ווען די מאַמע האָט
געכאַפּט ביי אַ מיאוסער מעשה, האָט זיך גענומען דרייען, שטייענ־
דיק אויפן זעלביקן אָרט און נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זיך. אַ
דערשלאָגענער און מיט אַ ציטערנדיקער שטים האָט ער קוים אַרויס־
געבעבעט:

— וו אָ ס . . . וו אָ ס האָט איר זיך אַרומגעשטעלט אַרום
מיר...

און ווי ער זאָל זיך מיטאַמאָל אָן עפּעס דערמאַנען, האָט ער
שנעל אַרויסגעכאַפּט זיין פאַנטען־פען און אוועקגעשטעלט זיך ביים
טיש עפּעס שרייבן...

פון יענע לייט

אין טראַמוויי, ביי אַ פענסטער, איז זי געזעסן, אירענע, פאַרטיפט אינם עדיטאָריאַל פון אַ היגער טאָג־צייטונג. לויט די אויסדרוקן פון פנים, וועלכע האָבן זיך געביטן פון מאָמענט צו מאָמענט אין פאַרשידענע פאָרמען, איז קענטיק געווען, אַז נישט נאָר לייענט זי דעם אַרטיקל, נאָר זי רעאַגירט אויך, אין געדאַנק, מיט אירע אייגענע באַמערקונגען, איבער די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען פונם עדיטאָריאַל־אַרטיקל.

אַ טונקלהויטיקע איז זי געווען, אירענע. העכער פון דורכשניט; מיט אַ לענגלעך געזיכט, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ שאַרף־שפּיציק גאָמבעלע; מיט שמאָלע מאַנדל אויגן, וועלכע האָבן אַזוי גוטמוטיק געשיינט מיט זייער גלאַנציקער און ליכטיקער שוואַרצקייט. און די דיקע שוואַרצע ברעמען אירע (גאָרנישט ווי די מאָדע) האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערע ליבלעכע חנעוודיקייט צו איר גאַנצן אויסזען. — אַן עכטע מעקסיקאַנערין, וועראַקרוזאַנער טיפּ; אין די יאָרן: צוואַנציק—דרייסיק—דרייאונצוואַנציק.

סאַמועל איז אַריין אין טראַמוויי מיט אַ קליינעם ראַדיאָ־אַפּאַ־

ראַט אין האַנט און באַמערקנדיק אַ פּרייעם פּלאַץ נעבן אירענען, האָט ער זיך דאָרט געזעצט. סאַמועל איז געווען אַ הויכער, אַ העל־בלאָנדער, מיט בלויע אויגן, מיט אַ קיילעכדיק פּנים און לאַנגן האַלז. ווען נישט די צרות זיינע, וואָס ער שלעפּט אויף זיך, ווי אַ שווערן באַלאַסט, נאָך פון נאַצי־דייטשלאַנד אָן, וואָלט סאַמועל געקאָנט הייסן נישט קיין מיאוסער בחור. אָבער זיינע שוידערלעכע איבער־לעבונגען ביז זיין אָנקומען אין מעקסיקע און זיין שווער לעבן אין מעקסיקע גופא, האָבן געלייגט אַזאַ דערשלאָגנקייט, מרה שחורה און מוטלאָזיקייט אויף זיין גאַנצן וועזן, אַזוי, אַז זיין אויסזען האָט נאָר געקאָנט, אין בעסטן פאַל, וועקן אַ רחמנות געפיל צו אים, אָבער נישט ציען צו זיך קיין אויפמערקזאַמקייט פון אַ מיידל. ער אַליין האָט עס שוין גאָרנישט דערוואַרט אפילו.

זיצט ער אַזוי, סאַמועל, אין טראַמוויי, מיטן ראַדיאָ־אַפּאַראַט אויף זיך, און ווי זיין שטייגער איז — מיט קאָפּ און לאַנגן האַלז פאַר־ריסן אויף פאָרויס און מיט גרויסע פאַרשטאַרטע אויגן, וואָס קוקן אין ערגעץ נישט און זעען פאַר זיך גאָרנישט. אָבער דאָך, ווי ער איז געווען דערשלאָגן, גלייכגילטיק און אַטראַפּירט, האָט ער פונדעסט־וועגן, אינסטינקטיוו, דערפילט אויף זיך די דורכנעמעדיקע און דורכשטעכנדיקע בליקן פון זיין שכנטע, וועלכע האָט פון אים די אויגן נישט אַראָפּגענומען.

סאַמועל האָט זיך אומגעקוקט. צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך שאַרף פאַרטשעפּעט איינע אָן דער צווייטער. סאַמועל איז רויט געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל, נאָך יאָרן, האָט ער איצט ווידער דערפילט אַן אומרואיקייט און פאַרלוירנקייט אין דער קעגנוואַרט פון אַ מיידל. אין אים האָט עפּעס מיטאַמאָל דערוואַכט, וואָס האָט אים פּלוצלונג אַרויסגעריסן פון זיין דערשלאָגענער גלייכגילטיקייט. די ליבלעכע און ליכטיק־שוואַרצע אויגן פון זיין שכנטע, וועלכע האָבן אויף אים גע־שטראַלט מיט אַזאַ וואַרימקייט, האָבן אים, סאַמועלן, צעטומלט.

אירענע האָט די ערשטע, אָן צערעמאָניעס, זיך געווענדט צו סאַ־מועלן. געפרעגט אים, צי ער פאַרקויפט ראַדיאָס.

דאָס דרייסטע ווענדן זיך צו אים און דער אופן פון איר באַציען זיך צו אים, מיט רעספּעקט און ליבלעכקייט, האָט סאַמועלן מאַ־

מענטאַל אַרויסגענומען פון זיין צעטומלטקייט. פון זיינע אויגן איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן די מאַטע מוטלאָזיקייט. די אויגן זיינע האָבן באַקומען דעם אויסזען פון פיין געשליפענע שפיגלען, פון וועלכע מען האָט נאָרוואָס אָפּגעווישט דעם שטויב, וואָס האָט זיך יאָרן לאַנג אָנ־געזאַמלט אויף זיי. סאַמועל האָט איצט, מיט קלאָרע און דרייסטע אויגן, אויף אַן אמת גענומען באַטראַכטן זיין שכנטע: איר ווייסע בלוזקע — פאַרקנעפּלט הויך ביזן האַלז און ביים האַלז איבערגעוואָרפן מיט אַ מענלעכן קראַגן און אונטערגעבונדן מיט אַ מענלעכן קראַוואַט — האָט אין סאַמועלס אויגן אויסגעזען לאַקנדיק און חנעוודיק. עס איז אים אויסגעקומען זייער האַרמאָניש דאָס מענלעכע, וועלכע האָט אַזוי עלעגאַנט צוגעדעקט דאָס ווייבלעכע פּאָר, וואָס האָט שטייף און רייצנדיק זיך געבערגלט פון הינטער דער בלוזקע אַפער.

סאַמועל האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אַן אירענען, אַן יעדן גליד אירן, און געענטפערט אויף איר פראַגע:

— יאָ, איך בין אַן אַגענט פון ראַדיאָס. איך פאַרקויף אויך אויף אויסצוצאָלן אין גוטע באַדינגונגען.

— איך אַליין וואָלט געוואָלט קויפן אַ ראַדיאָ, אויב נישט טייער.

— עס זענען פאַראַן אויך קליינע ראַדיאָס, פאַר הונדערט און צוואַנציק פעזעס און זיי זענען זייער גוט, אָפּטמאָל — נאָך בעסער פון די גרויסע. אויב איר ווילט, קאָן איך עס צוברענגען צו אייך אהיים.

סאַמועל האָט אַ כיטרען בליק געוואָרפן צו אירענען, צו זען ווי זי האָט אויפגענומען זיינע לעצטע ווערטער.

אירענע האָט צו אים זייער פריינטלעך געשמייכלט, וואָס האָט געהייסן, אַז זי פאַרשטייט אים אויסגעצייכנט...

— האָט איר דייטשישע ראַדיאָס אויך?

סאַמועלן האָט די דאָזיקע פראַגע ווי אַ שמיץ געטון מיט אַ בייטש איבערן פנים. ער איז מיטאַמאָל אַריין אין אַן ערנסט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט כעס און ער האָט געענטפערט שאַרף:

— מיט מענטשלעך בלוט האַנדל איך נישט, אַפילו ווען איך זאָל דאַרפן שטאַרבן פון הונגער!

זי האָט אים אָנגעקוקט אַזוי כּלומרשט פאַרווּנדערט און גע־פרעגט תמעוואַטע:

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

סאַמועל האָט איר שאַרף אָנגעקוקט. אים האָט אויסגעוויזן, אַז זי איז שוין גאָרנישט אַזוי תמעוואַטע ווי זי מאַכט זיך, און אַז איר פראַגע איז שוין גאָרנישט אַזוי נאַאיוו, ווי זי וויל עס ווייזן, און ער האָט געענטפערט:

—'איך בין אַ פליכטלינג פון דייטשלאַנד. דאָרטן בין איך גע־בוירן און דערצויגן געוואָרן, דאָרטן האָב איך געבּלוטיקט און בין געפּייניקט געוואָרן אונטער די טייוולאָנישע נאַצי־הענט און פון דאָרט בין איך קוים ארוים מיטן לעבן.

— עס איז באמת אינטערעסאַנט. איך וואָלט טאַקע געוואָלט וויסן פון אַלץ, וואָס טוט זיך אין היינטיקן דייטשלאַנד. אויב עס איז אייך אָנגענעם, קומט צו מיר מאָרגן אין אָוונט, וועלן מיר אומגע־שטערט קאָנען שמועסן.

דערביי האָט זי אים געגעבן איר וויזיט קאַרטל מיטן אַדרעס און זי האָט אים דערמאָנט נאָכאַמאָל: — קומט צו מיר מאָרגן אין אָוונט. איך וועל וואַרטן אויף אייך. איר וועט זיין ביי מיר אַ חשובער גאַסט.

לאַנג האָט סאַמועל נאָכגעטראַכט וועגן אירענען. אים האָט אַלץ געדאַכט, אַז הינטער אַלע אירע רייד ליגט עפּעס באַהאַלטן, עפּעס אַ פאַרשטעלטס אַזאַ, וואָס זי באַמיט זיך נישט אָפּצודעקן און אַלע אירע נאַאיווע פראַגעס זענען קינסטלעך געמאַכטע בלויז, נישט קיין אויפריכטיקע. און ער האָט זיך געטראַכט, אַז עס וואָלט אפשר גליי־כער געווען זי אויסצומיידן, נישט גיין צו איר. אָבער עס האָט אים געצויגן איר געשטאַלט, איר ליבלעכער שמייכל, איר צוגעלאָזנקייט, איר אַזויפיל רייצנדיקע ווייבלעכקייט. און אין דער באַשטימטער צייט איז ער, סאַמועל, אַוועק צו אירענען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן ביידע, סיי אירענע און סיי סאַמועל, גאָר פאַרגעסן דעם ציל פון זייער צוזאַמענטרעפן זיך, יע־נעם אָוונט, אינם רייכן און עלעגאַנט־מעבלירטן דעפּאַרטמענט, ווי

אירענע האָט געוווינט. דער ווייַן, דאָס בעט און דאָס צעהיצטע בלוט האָבן נישט געלאָזט קיין פּלאַץ פאַר קיין אַנדערע שמועסן, וואָס זאָלן אַריבער די גרענעצן פון אייגענעם איך.

ערשט שפּעט אין דער נאַכט, אין צוגעטוליעטער נאַקעטער געאייניקטקייט, האָט אירענע זיך געווענדט צו סאַמועלן אין אַ פּרעכ־טיקן דייטש:

— ווי דענקסטו, מיין ליבער, וועט דאָס צוקונפטיקע גרויסע און מעכטיקע דייטשלאַנד ווייטער אָנהאַלטן איר פאַרפאָלגונגס פּאָלי־טיק קעגן אַנדערש־דענקענדיקע און אַנדערש גלויביקע?

ווי מיט אַ שווערן האַמער איבערן קאָפּ האָט סאַמועלן אַ זעץ געטון די דאָזיקע פּלוצלונגע פראַגע, געשטעלט פון אירענען און נאָך אין אַן עכטן דייטש. ער האָט זיך שנעל אויסגעניכטערט פונם אַלטן קאַלטן ווייַן און פון יונגן צעפלאַמטן לייב.

— וואָס? — האָט ער אַ הילכיקן געשריי געגעבן, ווי נישט מיט זיינע כוחות — דו ביסט אַ דייטשקע?

— יאָ, מיין ליבער, — האָט אירענע אים געגלעט איבערן קאָפּ און געדריקט צו זיך — איך בין שטאָלץ מיט מיין ווידער מעכטיקן פאָטערלאַנד, געפירט פון אונזער גרויסן פירער. ביסטו דאָך אויך אַ דייטש, רוען דאָך די ביינער פון דיינע זעליגע עלטערן און אור־על־טערן אין אונזער פאָטערלאַנד. האָסטו דאָך זעלבסט געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז דיר פרעמד און דיין האַרץ איז פול מיט בענקשאַפט צו אונזער היימלאַנד.

סאַמועל איז געבליבן ליגן אַ געפּלעפטער, מיט פאַרשיכורטע און צעמישטע געדאַנקען און אין די אויגן האָבן זיך אים געשטעלט טרערן.

אירענע האָט סאַמועלן שטאַרקער געדריקט צו זיך און זי האָט ווייטער גערעדט:

— די אַלע פאַרפאָלגונגען קעגן יידן, קאַטאָליקן און אַנדערש־דענקנדיקע זענען נאָר צייטווייליקע און פאַרבייגייענדיקע. אַ גרויס און מעכטיק דייטשלאַנד וועט ווידער זיין אַ ליבע מאַמע פאַר אַלע אירע קינדער אָן אונטערשיד. דעריבער דאַרפן אַלע אירע קינדער, וו זיי זאָלן נישט זיין, צעשפּרייט איבער דער וועלט, העלפן באַ־

קעמפן די שונאים פון פאַטערלאַנד. דייטשלאַנד מוז גרויס און מעכ־טיק ווערן, אונטער דעם גרויסן פירער אונזערן. הייל היטלער!

אירענע האָט, אין עקסטאַז, באַשאָטן סאַמועלן מיט הייסע קושן און ווייטער גערעדט:

— פאַרוואָס זאָלסטו, מיין טייערער, אַזוי פיל דאַרפן ליידן, זיך מאַטערן מיט ראַדיאָס פאַרקויפן און פאַרדינען קוים אויף טרוקן ברויט. קום מיט מיר, מיין ליבער, אונזער פאַטערלאַנד באַלוינט ער־לעך און פיין אירע איבערגעגעבענע זין און טעכטער, וועלכע שטייען איר צו דינסט.

מער האָט שוין סאַמועל נישט געהערט אירענעס רייד. אין אירע אָרעמס איז ער זיס איינגעשלאָפן.

די מלחמה האָט געראַטעוועט

עטל איז נישט געווען פון די מיידלעך, וועמען מ׳קאָן איבער־רעדן אָדער איבערשפּאַרן. האָט זי איינמאָל אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, האָט מען שוין מיט האַמערס אים נישט געקאָנט אַרויסקלאַפּן. אַזוי איז זי געווען פון קינדוווייז אָן. די עלטערן — ביי וועמען עטל איז געווען אַן איינאונאיינציקע און צעפּיעשטשעטע — האָבן קיין אַנדער נאָמען פאַר איר נישט געהאַט, ווי „די איינגעשפּאַרטע ציג״.

פון קינדוווייז אָן איז זי, עטל, געווען אַן איבערגעוואַקסענע. ווען זי איז קוים צען יאָר אַלט געווען, אַז זי פלעגט גיין אין גאַס מיט אירע שול־חברטעס, פון די זעלביקע יאָרן, האָבן זיי, רעדנדיק מיט עטלען, געמוזט אַרויפרייסן די קעפּלעך צו איר, כדי אָנצוקוקן זייערע אויגן מיט אירע.

און שיין איז זי געווען, עטל: — אַ לענגלעך, פול, בלוט־מילך־פּנים, באַהויכט מיט אַזאַ פרוכט־רייפע פרישקייט, ווי פון אַ צייטיקן עפּל אויפן בוים; העל־בלויע אויגן און טונקל בלאָנדע האָר; און אויף איר פּנים, אויך אויף איר גאַנצן באַנעם, איז געלעגן אַ חוצפּהדיקע

פארשייטקייט אזא, וואס האט געריסן די אויגן פון פארבייגייער, זי דורפצוזנעמען און נאכצוקוקן...

אבער א קאפ האט זי געהאט — א פארשטאפטן. קיין איין קעגנשטאנד, וואס מען האט געלערנט אין שולע, איז איר נישט גע־קראכן אין קאפ אריין. עס האט זיך צו איר נישט געקלעפט קיין איי־נע פון די אלע למודים, מיט וועלכע מען האט איר אומזיסט געפיי־ניקט אין די אלע שול־יארן.

נאר אדאנק צוויי שטארקע, ווירקזאמע כוחות איז זי, עטל, דורכגעקראכן, קוים מיט צרות, די פאלקס־שול און — סטאפ, דא איז זי געבליבן. א גרויסער כוח איז געווען איר טאטנס רייכקייט און נישט קיין קלענער ווירקזאמער כוח איז אויך געווען איר שיין פנים, צו וועלכן איר לערער, סירקין — א יונגער בחור פון עטלעכע און צוואנציק יאר — איז נישט געווען גלייכגילטיק.

איינמאל — עטל איז שוין דעמאלט אלט געווען פופצן יאר און אויסגעזען האט זי ווי א מויד פון 25 — האט דארט, אין איר געבוירן־שטאט, א גרויסע שטאט אין פוילן, געגעבן א קאנצערט א וועלט־בארימטע יידישע זינגערין. עטל איז געזעסן אין טעאטער־זאל א פארגאפטע און פארכישופטע, בארוישט פון די הערלעך־שיינע שטים־קלאנגען, וועלכע האבן ארויסגעצויבערט פון דער זינגערינס מויל. עטל איז פארטראגן געווארן אין א צווייטער וועלט, אין א העכערער וועלט פון לויטער געזאנג און קלאנג. עס האט בישלעכווייז גענומען אין איר פארשווינדן איר אייגענע עקזיסטענץ און זי האט זיך איינגאנצן אריינגעלעבט אין דער זינגערין. זי האט אנגעהויבן, אומבאוווסטזיניק, מיטמאכן מיט דער זינגערין די מימיק און בא־וועגונגען פון קערפער און מויל. עס האט איר, עטלען, גענומען אויס־דאכטן, אז זי זינגט מיט, מיט דער זינגערין און אז איר, עטלס, קלאנג ווערט געהערט פון פובליקום און ווערט פון אים באוווג־דערט... און צום סוף, ווען עס האט געדונערט אין זאל פון די אפ־לאדיסמענטן, איז עטל זיכער געווען, אז א טייל פונם אפלאז גייט אויך פאר איר, אזוי גוט ווי פאר דער זינגערין אויף דער סצענע. אזוי, אונטער דער דאזיקער סוגעסטיע, איז עטל אהיימגעקומען, יע־

נעם אָוונט, מיטן געדאַנק און מיט דער פולער זיכערקייט, אַז זי קען אויך זיין אַ גרויסע וועלט־באַרימטע זינגערין.

ביי חיים יאַנקלען, דעם אייזן קרעמער, עטלס טאַטע, האָט פון דעמאָלט אָן די שטוב געגומען גיין אויף רעדלעך: מען האָט אַריינגעשטעלט אַ פּיאַנע; אַ פּיאַנע לערערין האָט אָנגעהויבן צו קומען טעגלעך „צום קינד" לערנען שפּילן; אַ לערער איז געקומען טעגלעך „צום קינד" לערנען זינגען; די גאַנצע שטוב האָט, אַלס אַזעלכע, אויפגעהערט צו עקזיסטירן און אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן בלויז אין אַ „סטודיאָ" פאַר עטלען, כדי זי צוצוגרייטן פאַר אַ וועלט־באַרימטע זינגערין. איז חיים יאַנקל אַהיימגעקומען, אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און אַריינגעשפּרייזט מיט זיינע שווערע מידע פיס און גרויסע שטיוול, איז באַלד די מאַמע צו מיט אַ פינגער־וואָרנונג אויף די ליפּן: „שטילער, מאַך נישט קיין טומל", „דאָס קינד זינגט"; „דאָס קינד שטודירט". האָט חיים יאַנקל, זיצנדיק ביים טיש, געכאַפּט אַ דרימל, באַגלייט מיט אַ כראָפּ, האָט ווידער די מאַמע אים דערמאָנט, מיט אַ שלעפּ ביים אַרבל: שאַ, מאַך נישט קיין געוואַלטן", „שטער נישט דעם קינד זינגען".

ערשט נאָך זעקס חדשים לערנען מוזיק, האָט די פּיאַנע־לערערין דערקלערט פאַר עטלס עלטערן, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט און די אַרבעט, ווייל „דאָס קינד" האָט, נעבעך, זייער אַ שווערן קאָפּ, און נאָך ערגער איז, וואָס עטל האָט לגמרי קיין אויערן נישט און זי קאָן, אויף קיין פאַל, נישט פאַרנעמען קיין מוזיק. חיים יאַנקל מיטן ווייב האָבן געהויבן מיט אַקסלען, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט, אַז זייער טאָכטער האָט נישט קיין אויערן; און צו וואָס דאַרף מען בכלל אויערן צום זינגען, איז דען ווינציק וואָס זי האָט, קיין עין הרע, אַזאַ שיין מויל מיט אַזאַ געזונטע שטימע. אָבער אַז די לערערין זאָגט, מסתמא ווייסט זי דאָך וואָס זי זאָגט, האָט דער טאַטע געגעבן אַ קרעכץ, די מאַמע — אַ זיפץ און ביידע האָבן געטראַכט: „וואָס זשע וועט ווייטער זיין"?

דערווייל האָבן עטלס טאַטע־מאַמע דערזען... אַז עס איז גלייכער

מען זאָל „דאָס קינד" חתונה מאַכן וואָס פריער... און דעם לערער פון געזאַנג האָט מען משלח געווען מיט גרויס פּאַראַד...

עס איז געווען באַלד נאָך פּסח. פּוילישער פרילינג האָט זיך געשפּרייט און צעלייגט מיט אַלע זיינע פּראַכטן. אין יענער שטאָט, ווו עטלס עלטערן האָבן געוווינט, האָט פון יעדן ווינקעלע געאָטעמט מיט מונטערקייט און לוסט־פרישקייט. די בעז־ביימער, מיט וועלכע ס'זענען פול געווען די גאַסן, צעשטעלט אין דער לענג ביי די טראָ־טואַרן — זענען ברייט צעבליט געווען אין זייערע בלויע, ווייסע און ראָזע קאָלירן און האָבן פון זיך געבלאָזן מיט אַ שפע פון דער־קוויקנדיקע ריחות. נחתדיקע, לינדע פרילינגס־שטראַלן האָבן אַזוי מחיהדיק דורכגעדרונגען אַלץ און אַלעמען, זיי האָבן שטיפעריש צו־געוווּנקען און גערופן צו לעבן און גענוס. אַלעמענס פּנימער האָבן אויסגעגלייכט די קנייטשן. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טרויערדיקן ערנסט און מיט הפקר־שטיפערישע אויגן האָבן זיי געענטפערט די שטראַלן אַנטקעגן. אפילו די פאַרצאָגטע יידישע פּנימער, וועלכע זע־נען געשרומפּן געווען פון דערשלאָגנקייט און געפּלאָגטקייט, פון צע־בראָכנקייט און דערנידעריקטקייט, אונטערן יאָך פון פּוילישן כור־ליגאַניזם, אין געשטאַלט פון מלוכה, אפילו אָט די דאָזיקע נידערגע־שלאָגענע יידישע פּנימער האָבן, אונטערן איינפלוס פונם שיינעם פרילינג, פרייער אָפּגעצויגן דעם אָטעם; אויף געקרומטע ליפּן האָט זיך צעשפּילט אַ שמייכל, אין אויגן — אַ גלאַנץ און אַ שטראַל פון האָפענונג האָט זיך באַוויזן אויף פּנימער — אולי ירחם...

אין איינעם פון די דאָזיקע פּרעכטקיע פרילינגס־טעג זענען צו חיים יאַנקלען אָנגעקומען געסט: זיינער אַ ברודער מיט אַ זון זענען געקומען פון מעקסיקע אויף אַ שפּאַציר־רייזע קיין פּוילן.

באַלד פון ערשטן טאָג אָן איז אָט דער דאַרער שוואַרצהאָריקער און ברוינאויגיקער מעקסיקאַנער קוזין צוגעזאָטן געוואָרן צו זיין די־קער און בלאָנדער קוזינקע. עטלען האָט אויך געלאָקט אָט דער מעקסי־קאַנער קוזין אירער. באַזונדער איז איר געפעלן געווען זיינע עלע־גאַנטע מאַניערן, זיין צירלעך־העפלעכע באַנעמונג צו איר און בפרט

ווען זי איז געוואָר געוואָרן, אַז ער איז רייך, איז אַ שותּף צו זיין פּאַטערס אַ גרויסער פאַבריק אין מעקסיקע.

אָבער — עס האָט איר געשראָקן דאָס וואָרט מעקסיקע, אַ לאַנד — אַזוי ווייט און מען זאָגט, אַז דאָרטן זענען די מענטשן נישט קיין ציוויליזירטע, פאַרשטייען נישט קיין קונסט, קיין מוזיק, און איר ציל אין לעבן — איז זי זיכער געווען — איז דאָך נאָר צו ווערן אַ גרויסע און באַרימטע זינגערין.

ערשט דעמאָלט ווען באַקאָבאָ, איר קוזין, האָט איר דערקלערט, אַז מעקסיקע איז זייער אַן אַנטוויקלט לאַנד, באַזונדערס אויפן געביט פון קונסט און מוזיק, און ער האָט איר דערציילט ווי קינדער פון אָרימע שיכטן זענען אין מעקסיקע אויסגעוואַקסן גרויסע, באַרימטע קינסטלער: מאָלער, פּאָעטן און מוזיקער — ערשט דעמאָלט האָט זיך עטל באַרואיקט.

באַקאָבאָ זיגלוואַקס איז אַ רייכער יונגערמאַן, האָט אַ פאַבריק, דערצו איז ער אַ יידיש־אינטעליגענטער מענטש, מיט אַ חוש און וואַרימער באַציאונג צו יידישער קולטור און ליטעראַטור. ער האָט אַ סאַך געלייענט און האָט שוין אַליין אויך געפּרוווט אַמאָל זיין פּען אין גאָרנישט קיין שלעכטע לידער. ער האָט ליב צו פאַרברענגען אין קרייז פון שרייבער און אינטעלעקטואַלן, פאַר וועמען זיין הויז איז שטענדיק אָפן.

איינמאָל, ביי זיך אין שטוב, אַרומגערינגלט מיט פריינט, אין אַ בגילופנדיקן צושטאַנד „כטוב לב המלך ביין"... האָט באַקאָבאָ זיך צערעדט; עס האָט זיך ביי אים אויפגעפלאַנטערט די צונג און ווי אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן:

— ס'איז שוין פינף יאָר נאָך מיין חתונה. באַגעגנט האָב איך מיין עטלען אין פוילן, ווען איך האָב געמאַכט אַהין אַ שפּאַציר־רייזע מיט מיין פאָטער. זי איז מיינע אַ קוזינע. אָבער פיר יאָר איז אונזער פאַמיליע־לעבן געווען אַ שרעקלעכער גיהנום. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז פון איר דאַרף אַרויס אַ וועלט באַרימטע זינגערין;

און מיין חוב איז צו לאָזן איר שטודירן און זי צו אַנטוויקלען; אַזוי, האָט זי געטענהט, האָב איך איר צוגעזאָגט פאַר דער חתונה און אויף דעם אופן האָט זי מיט מיר חתונה געהאַט. טאָמער האָב איך געזאָגט אַ וואָרט, אַז איך דאַרף נישט האָבן קיין וועלט באַרימטע זינגערין, אפילו קיין פשוטע זינגערין דאַרף איך אויך נישט, אַז איך האָב זי אַזוי אויך גענוג ליב. נו, האָט זיך אָנגעהויבן: געוויינען מיט ספּאַזמעס, מיט היסטעריקעס, מיט געשרייען, אַז איך האָב זי פאַרנאַרט ווי אַ ציגיינער אין אַ וואַלד און אַז זי לעבט נישט צוליב מיין ליבע, אַז איך שטער איר אין איר לעבנס ציל און איך שטער איר גליק און איר צוקונפט. ווען איך האָב געזען, אַז איך האָב נישט קיין ברירה, האָב איך געבראַכט צו איר פּראָפעסאָרן פון מוזיק. אָבער איינער נאָך איינעם האָבן זיי אַלע זיך אויסגעלאַכט פון עטלס פאַנטאַזיעס.

אַז זי האָט נישט — האָבן זיי געזאָגט — נישט נאָר קיין שטימע פאַר זינגען, נאָר בכלל אפילו נישט קיין אויער פאַר מוזיק.

האָט עטל אָבער געשריגן, אַז אַלע היגע מוזיק־פּראָפעסאָרן זענען קאַליקעס. איך זאָל זי שיקן קיין אויסלאַנד, נאָר קיין אויסלאַנד, נישט וויכטיק וווהין, אַבי קיין אויסלאַנד. אַזוי האָבן זיך געצויגן גיהנום־דיקע פיר יאָר אין שטוב, מיט ברוגזן, מיט איבערבעטן, מיט צוזאָגעכצן און ווידער ברוגזן, אַז דאָס לעבן איז מיר נמאס געוואָרן. און נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען אַמגלייכסטן צו נעמען זיך דאָס לעבן און פטור ווערן פון אַלע צרות. איז אָבער באַשערט געווען צו בלייבן לעבן, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. פון פּוילן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען שרעקלעכע און שווידערלעכע ידיעות. און — איך ווייס נישט פון וואַנען און פון וואָס, אויף מיין עטלען איז אַרויף אַ נייע הויט — נישט צו דערקענען זי. אויס זינגערין, אויס אויסלאַנד, אויס וועלט באַרימטע זינגערין. מיין עטל האָט זיך אָנגעהויבן צו טוליען צו מיר מיט אַזויפיל ליבשאַפט און צאַרטקייט... ווו זינגען, וואָס זינגען! — עטל איז אַ ליבע, טייערע, האַרציקע פרוי געוואָרן...

אין דעם איז עטל אָנגעקומען פון צווייטן צימער. כאַקאָבאָ האָט מיט אַ ווונק אָנגעוויזן אויף זיין פרוים פאַרריסן קליידל און צוגע־געבן:

— פאַר וועמען די מלחמה האָט געבראַכט נעבעך צרות און אומ־גליקן, מיך האָט די מלחמה געראַטעוועט. עס איז אַ ווייטיק און אַ חרפה אַזוי צו רעדן, אָבער איך מוז, ליידער, זאָגן דעם אמת. די מלחמה האָט מיך געראַטעוועט!

III

אָנהאַלט

סיעתא דשמיא

אויף יעדן שבת־מברכין האָט שלמה לייב געמוזט פאָרן צום רבין. אַזוי איז געווען זיין מנהג שוין פון כמה יאָרן.

פרייטיק ביינטאָג, באַלד פון דער באַן, איז דאָס ערשטע שלמה לייב געלאָפן אין מקווה אריין. און פון דאָרטן — גלייך אוועק נעמען שלום.

ביידע, סיי שלמה לייב און סיי דער רבי, האָבן אויפגעלעבט, מיט אמתע ידידות־פרייד, ביים שלום נעמען.

דער רבי ר' מאירל, אַ נידעריקער, אָן אויסגעדאַרטער, מיט אַ גרויסן צעאַקערטן שטערן און פאַרעצבותדיקע אויגן, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וואָס האָט פאַרדעקט זיין גאַנץ פנים און האָט זיך געענדיקט העט וויַיט, אַזש ביים בויך, מיט אַ שאַרפן שפּיץ — האָט אויסגעזען ווי איין שטיק „צער ישראל" איינגעהילט אין ווייסן: די באָרד און פיאות — ווייס, די יאַרמלקע — ווייס, דער כאַלאַט — ווייס, שיך און זאָקן — ווייס. און איבערן גאַנצן דאָזיקן בלאַנקענ־דיק־ווייסן האָט זיך געגעפּלט אַ כמאַרע, וואָס האָט זיך געוויקלט פון אונטער האַרצרייסנדיקע „אויען", וועלכע האָבן זיך פון רבינס

אינעווייניק אַזוי אָפּט אַרויסגעריסן, האָבן זיך געלייגט טיף אין דער באָרד אַריין, פון דאָרטן — זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן חלל פון רבינס חדר און דערנאָך זיך צעטראָגן איבער אַלע עולמות.

אַז דער רבי ר׳ מאירל פלעגט דערזען שלמה לייבן, האָבן זיך ביי אים די אויגן ברייט צעעפנט מיט אַ רחבות־הדעת, פון די טיפע שטערן־קנייטשן האָט אַרויסגעבליקט אַ צופרידנקייט, אויף די ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמינית פון אַ שמייכל, און דער רבי האָט זיך צעציקלט מיט אַ זוהר־ניגון:

— איי, וואַי, וואַי, יידן האָבן דאָך שטענדיק טענות צו בורא יתברך, איי, וואַי, וואַי, און דאָ שטייט אַ ייד, וואָס פאַרלאַנגט נישט מער ווי יראת שמים... איי, וואַי, וואַי...

דערביי האָט דער רבי אַרויסגעוויזן שלמה לייבן אַזאַ וואַרימע התקרבות, ווי אַ טאַטע וואָס גרויסט זיך און שטאָלצירט מיט זיין געראָטענעם זון.

איינמאָל, פּרשת אמור איז עס געווען, באַלד נאָך הבדלה און זמירות רופט זיך אָפּ דער רבי צו שלמה לייבן:

— קום, שלמה לייב, מיט מיר גרוים שפּאַצירן אין גאָרטן.

די נאַכט — אַ פאַרשבועותדיקע, אַ מחיהדיק־פרישע און צע־בליטע, אָבער אַ טונקעלע, אַ סופּחודשדיקע. די ביימער אין גאָרטן זענען געשטאַנען אין בליאונג און פון אַלץ האָט געוואונקען דער כוח פון באַנייאונג. איבערן גאָרטן, אין דער הויך, האָט זיך געשפּרייט אַ טונקל־בלוי־סאַמעטענער הימל, געשפּרינקלט מיט מיליאָנען שטערן־שפּריצן. און אונטן, צווישן די ביימער־שטאַמען, האָט געשוויבלט מיט רזין דרזין...

דער רבי, אָנגעשפּאַרט אויף שלמה לייבס אָרעם, איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט, פאַרזונקען אין מחשבות.

שלמה לייב האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק... האָט ער געוואַרט, דער רבי זאָל אָנהייבן.

נאָך אַ האַלבער שעה אין שטומען שפּאַצירן, רופט זיך אָן דער רבי, אַ שטייגער ווי ער זאָל ענדיקן אַ שמועס:

— עס געווענדט זיך אָבער פאָרט אין אונזער רצון, ס׳פאַר־שטייט זיך, אַז מ׳דאַרף שטענדיק האָבן סיעתא דשמיא, אָבער „הבא

לטהר מסייעין אותו״... וואָרן דער כוח פון דער סטרא אחרא איז זייער שטאַרק און מיר קאָנען אים נאָר גובר זיין מיט אונזער רצון...

און מיטאַמאָל האָט זיך דער רבי אַ דריי אויס געגעבן צו שלמה לייבן:

— האָסט גאָר פאַרגעסן, שלמה ליב, „אמור — ואמרת״.. דיין הענעך איז שוין, קיין עין־הרע, אַ גרויסער בחור, שוין באַלד אַ בר־מצוה־בחור, פאַרוואָס נעמסטו אים נישט מיט אהער אַמאָל?

פון דעמאָלט אָן איז שוין שלמה לייב נישט געפאָרן צום רבין אַליין, נאָר שטענדיק מיטגענומען מיט זיך דעם זון זיינעם, הע־נעכן.

הענעך איז געוואַקסן פונקט דער היפוך פון טאַטן. אויף וויפל שלמה לייב איז געווען אַ רעדעוודיקער און אַ מעורב עם הבריות, אזוי איז הענעך געווען אַ שווייגער, אַ מרה־שחורהדיקער און זיך דערוויי־טערט פון מענטשן.

פון דער ערשטער מינוט אָן איז הענעכן נישט געפעלן געווען, נישט דער רבי, און נישט די גאַנצע רבישע סביבה. אָן אַליין צו וויסן פאַרוואָס, האָט עס אים אָפּגעשטויסן פון דאָרט.

הענעכן האָט געצויגן צום פעטער זיינעם, די מאַמעס אַ ברודער, חיים אַלטער, וועלכער איז געווען אָן אמתער אפיקורס, נאָר פאַר־שטעלט הינטער אַ מאַנטל פון אַ ירא שמים. אָט דער חיים אַלטער, אַ ייד אַ נגיד, אַ וואַלד־סוחר, האָט עס אַזוי ביסלעכווייז אריינגע־גאָסן סם המות אין דעם יונגן הענעכן און געלאָזט אויף זיין יונגער נשמה אַזאַ מסוכנדיקע השפעה.

אַז הענעך איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט ער זיך איינגע־עקשנט, אַז ער וויל מער צום רבין נישט פאָרן.

שלמה לייב האָט געהאַט גרויס צער דערפון און איז פאַר צער קראַנק געוואָרן.

דאָס ערשטע מאָל, אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן, אַז שלמה לייב זאָל פאַרפעלן אַ שבת־מברכין ביים רבין.

באַלד נאָך שבת האָט שלמה לייב דערהאַלטן אַ בריוו פון רבין, געשריבן בעצם ידו, וווּ דער רבי ווינטשט אים אַ רפואה שלמה, אַ

רפואת הנפש און אַ רפואת הגוף, און אויך איז געווען געשריבן באַ־זונדער צו הענעכן, דער רבי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל צו אים קומען, אַליין אָן טאַטן, ער דאַרף מיט אים שמועסן מעניניא דעלמא.

בלויז פון שמחה, וואָס דער רבי אַליין האָט צו אים געשריבן, איז שלמה לייב געזונט געוואָרן. און הענעך — כאָטש ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ כופר במקצת און האָט שוין געהאַט באַשטימט מער קיינמאָל צום רבין נישט צו פאָרן — האָט דאָך נישט געקאָנט גובר זיין דעם כבוד, וואָס דער רבי האָט אים צוגעטיילט, אַליין געבעטן צו קומען, און ער איז אַוועקגעפאָרן צום רבין.

עס איז געווען אַ זומערדיקער נאָכמיטאָג.

נאָך אַ לאַנגן און שווייגנדיקן שפּאַציר אין גאָרטן, האָבן בייַ־דע, דער רבי און הענעך, מידע זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים.

די צייטיקע פּירות האָבן געגעבן אַ דערקוויקנדיקן ריח און די פייגעלעך האָבן זיך צעצווישטשערט מיט זיסע הימלישע געזאַנגען. דאָס אַלץ האָט דעם יונגן הענעכן ווי פאַרשיכורט.

פּלוצלונג רופט זיך אָן דער רבי:

— האָסט דאָך געלערנט, הענעך, „המפסיק ממשנתו ואומר מה נאה אילן זה...“ — און דער רבי האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

אונטער דער פירשיכורטקייט פון דער גאָרטן־שיינקייט און זייַ־ענדיק שוין צוגעוווינט צום רבינס נאָענטקייט, האָט הענעך מיטאַ־מאָל געקראָגן לשון און עס האָט פון אים גענומען אַרויסרעדן דאָס, וואָס דער פעטער זיינער, חיים אַלטער, דער אפּיקורס, האָט אין אים אַריינגערעדט:

— אָבער, רבי, אַז עס איז פאַרט שיין. און נישט נאָר דער בוים איז שיין, נאָר די גאַנצע וועלט איז שיין, און מיר יידן האָבן זיך פאַרמאַכט און פאַרהאַמערט און ווילן נישט געניסן פון דער שיינ־קייט פון דער וועלט. און מיר מיינען נאָר, אַז מיר זענען קליגער, שע־

נער און בעסער פון דער גאנצער וועלט, דערפאר האבן אלע אונז אזוי פיינט... פיינט... פיינ... פיי.. — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

א גרויסע שיף שטייט געאנקערט אין פארט און אויפן דעק פון דער שיף שטייט א יונגע פריצהטע, א יפת תואר, וואס מזעט עס גארנישט אין דער גאנצער וועלט און זי, די פריצהטע, ווינקט אראפ צו אים, צו הענעכן, וועלכער שטייט אויפן ברעג ים. ער ווערט פאר־שעמט און וויל אנטלויפן, אבער עס ציט אים צו איר און ער גייט ארויף אויף דער שיף. זי, די פריצהטע, נעמט אים ארום: „אך, ווי שיין דו ביסט, יונגער בחור", שרייט זי אויס. הענעך שטייט א צעטומלטער א פארוויטלטער, ווייסט נישט וואס צו טון מיט זיך. און, אין דער זעלביקער צייט, ווארימט אים אזוי מחיהדיק די פריצהטעס צארטע הענט, עס גלעטן אים אזוי דערקוויקנדיק אירע בליאסקענדיקע שיינע אויגן און עס לאקן אים אזוי פארפירעריש אירע זיסע אנציענדיקע רייד. אינדעם נעמט די שיף אפגיין פון ברעג. הענעך בלייבט א דערשראקענער, ווען ער זעט ווי ער ווערט אפגעריסן פון דער יבשה, אבער די יונגע פריצהטעס אויגן נעמען אים דורך און מאכן אים צו פילן זיך צופרידן. אזוי בלייבט הענעך אויף דער שיף לאנגע, לאנגע חדשים. ער פארט איבער פארשידענע ימים און די ליבע צווישן הע־נעכן מיט דער יונגער פריצהטע ווערט שטארקער און פלאמיקער פון טאג צו טאג.

אין איינעם פון די שענסטע לענדער אין דער וועלט איז געפיי־ערט געווארן, מיט גרויס פאראד און עשירות, די חתונה פון הענעכן מיט זיין געליבטער, אין הויז פון אירע עלטערן, וועלכע זענען געווען די גרעסטע גבירים־אדירים פונם דאזיקן לאנד.

הענעך איז באלד צוגענומען געווארן פאר א שותף צו זיין שווערס גרויסע געשעפטן, און אין א לעבן פון רייכקייט און וווּיל־טאג האט ער אינגאנצן פארגעסן אן זיינע עלטערן און גארנישט געוואלט געדענקען פון זיין יידישן אפשטאם.

אין א קורצער צייט ארום ווערט הענעך בארימט אין לאנד אלס גרויסער חכם און דער קייסער מיט די מיניסטארן לאדן אים

איין צו באראטן זיך מיט אים אין די ענינים פון דער מדינה.

הענעך איז זייער נושא חן ביים קייסער און מיט א צייט שפע־טער באשטימט אים דער קייסער פאר א פינאנץ־מיניסטער.

הענעך מיט זיינע קלוגע המצאות מאכט רייך די קאסע פון דער מלוכה און דער קייסער טיילט אים צו אלע מאל גרעסערע טיטולן און מאכט אים כמעט פאר א שני למלך.

אבער וואס גרעסער און באריטמטער הענעך איז געווארן, אלץ מער שונאים האט ער געקראגן, ווייל זיי האבן אים מקנא געווען זיין גרויסקייט און אים עס נישט פארגונען.

ווי לאנג דער אלטער קייסער האט געלעבט, האבן הענעכן זיינע שונאים גארנישט געקאנט טון. דער קייסער איז שטענדיק געווען אויף זיין זייט און נישט דערלאזט, אז עפעס בייז זאל אים געשען.

ויהי היום, איז דער אלטער קייסער געשטארבן און אויף דעם יונגן קייסער האבן הענעכס שונאים געהאט א גרויסע השפעה, האבן זיי אויסגעטראכט א בילבול, אז הענעך האט באגנבעט די מלוכה־קאסע און מ׳האט אים פארמשפט אויף אייביקע תפיסה.

ערשט דא, אין דעם נאסן און פינסטערן תפיסה־גרוב, פארלאזט פון זיין פרוי און קינדער, וועלכע האבן זיך איצט געשעמט מיט אים, מיט דעם „פארשאלטענעם ייה, דעם גנב", פארלאזט פון אלע זיינע פריינט, האט ערשט הענעך דערמאנט זיך אן גאט פון זיינע אבות, פארגאסן ביטערע טרערן און געבעטן, אז ער זאל אויף אים רחמנות האבן. הענעך האט זיך דערמאנט אן זיינע טייערע און ליבע עלטערן, וועמען ער האט פארלאזט, יאגנדיק זיך נאך פוסטער שיינקייט און רייכקייט. ער האט זיך דערמאנט אן דעם אלטן רבין ר׳ מאירל, צו וועמען דער טאטע האט אים קינדווייז מיטגענומען. און ער האט זיך דערפילט שולדיק קעגן זיי אלעמען.

טאג און נאכט האט הענעך, אין פינסטערן גרוב, געבעטן, אז דער הימל זאל אים מוחל זיין די שווערע זינד און אים ארויסראטע־ווען פון דארט. ביז ענדלעך, נאך לאנגע יארן אין תפיסה, האט דער רבונו של עולם אויף אים זיך מרחם געווען און צוגעשיקט א שליח, אין געשטאלט פון א תפיסה־וועכטער, וועלכער האט אים ארויסגע־שלעפט פון פינסטערן תפיסה־גרוב.

אַן אַלטער, אַ צעבראָכענער, אַן אָפּגעריסענער, דערשלאָגענער און הונגעריקער האָט איצט הענעך זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער מדינה, ביז די כוחות האָבן אים מער נישט געדינט און אַ פּאַר־חלשטער איז ער אַוועקגעפאַלן אין מיטן פעלד — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

מיט פאַרוואונדערטע און אויסגעגלאָצטע אויגן קוקט זיך הענעך אַרום מיט שטוינונג: ער זיצט אויף דער באַנק אין גאָרטן און קעגנ־איבער אים שטייט דער רבי ר׳ מאירל אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן און מיט אַן אויפגעהייטערטן בליק קוקט ער אים, הענעכן, אין די אויגן אַריין און מיט אַ קול פון נצחון פרעגט ער אים:

— נו, הענעך, וואָס פאַרלאַנגסטו?

הענעך האָט זיך צעכליפּעט:

— רבי, דאָ וויל איך בלייבן, מיט אייך, רבי!

אויף צוריקוועגס אין שטוב אַריין, אָנגעשפּאַרט אויף הענעכן, האָט — נאָך אַ שווערן קרעכץ — דער רבי געציילט און געמאָסטן די ווערטער:

— הערסטו, הענעך, אמת טאַקע, אַז אַלץ איז געווענדט אין אונזער רצון, „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים“, אָבער מ׳דאַרף דאָך ס י ע ת אָ ד ש מ י אָ, שטאַרקע ס י ע ת אָ ד ש מ י אָ...

זכות אבות

פון ל׳ג בעומר ביז שבועות האט זיך געצויגן דאס טומלעניש אין הויף. איינצעלנע מורמלערייען האבן זיך געלאזט הערן נאך פון פריער אויך, אבער דאס זענען געווען בלויז איינצעלנע און גאר־גאר זעלטן, ווערטער וואס האבן זיך ארויסגעכאפט אמאל פון איינעם א שייגעץ־מחוצף. ביי דער גרויסער מערהייט — און טאקע כמעט ביי אלע — האט געהערשט א שטומער, נישט־אפגערעדטער אפמאך, אויסצוווארטן פונקט ביז צום טאג.

און דער טאג איז געקומען.

ל״ג בעומר איז געווארן צען יאר מעבעלעס חתונה. דאס פאס פולווער האט מיטאמאל אויפגעריסן:

— סטייטש, שוין צען יאר און קיין קינדער נישטא. פעסעלע איז אן עקרה, רחמנא לצלן, עס קומט איר גט על פי דין!

מעבעלע איז ארומגעגאנגען א צערודערטער און צעטראגענער:

— אזא כשרע, טייערע נשמה, פעסעלע! אזא ערלעכע און ליבע אשה כשרה! אבער — אין רחמים בדין.

און ער האָט געוואָרט אומגעדולדיק, צו הערן וואָס דער טאַטע זאָל לעבן, וועט דערצו זאָגן.

און דער גאַנצער הויף איז געגאַנגען אויף רעדלעך:

מ'האָט געשריגן און מ'האָט זיך געסודעט; מ'האָט גערעדט און מ'האָט געטומלט; מ'האָט געגעבן עצות און מ'האָט שוין אָנגעוויזן אויף פּאַסיקע שידוכים פאַר מעבעלען.

און אַלע האָבן געוואַרט, מיט אומגעדולד, וואָס ער זאָלן לעבן וועט דערצו זאָגן.

אָבער דער רבי זאָל לעבן אַליין האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק און נישט הערנדיק, פון אַלעם דעם, וואָס אַרום אים טוט זיך.

דער רבי, רב משהלע, אַ מיטלוווקסיקער, אַן איינגעדאַרטער — הויט און ביין; מיט אַ שיטער, צוויי־שפּיציק, בלאָנד בערדעלע; מיט אַ הויכן תורה־שטערן און מיט אויגן וואָס האָבן געשטראַלט מיט חכמה און יראת שמים — האָט, שווייגנדיק, געהאַט איין ענטפער צום גאַנצן טומלעניש: ער פלעגט זיך ציפּן ביים בערדל, אונטערבאָמקענדיק אַ זמרל און דערביי — מיט די שפּיץ פינגער צוגעקלאַפּט צום טאַקט פון ניגון.

די מקורבים האָבן, אויף פאַרשידענע אופנים, פּרובירט צו פאַרפירן אַ שמועס מיטן רבין מכוח מעבעלען, דאָס און יענץ און נאָך אַזעלכעס. זיי האָבן געוואָלט אַרויפּברענגען אויפן עיקר: מכוח צען יאָר אָן קינדער, האָט דער רבי גענומען אַפּטייטשן אַ מדרש, אַ מאמר חז"ל; וואָס דער „נועם אלימלך" זאָגט אויפן פּסוק „וזרעתם את השנה השמינית ואכלתם מן התבואה ישן עד השנה התשיעית עד בוא תבואתה תאכלו ישן" און וואָס דער טאַטע זיינער זכרונו לברכה האָט געזאָגט אויפן פּסוק „ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים".

און צווישן די אַלע אַפּטייטשונגען איז געווען איינגעפלאָכטן אַזן אָנגעמערקט אויף זייער אַ דעליקאַטן אופן אַן אומדירעקטע תשובה, אויף די טענות וואָס מ'קאָן צו אים האָבן מכוח מעבעלען. די מקורבים אָבער האָבן אין רבינס ווערטער געזען אַ מין מדחה זיין און זיי זענען אַוועק פון רבין שטאַרק אומצופרידן.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן ביז שבועות.

ערשט דעמאָלט האָט זיך דער טומל אָרום מעבעלען לגמרי איינ־געשטילט.

אויף יו"ט שבועות פלעגן הונדערטער חסידים, פון נאָענט און פון ווייט קומען פון ארבע פנות העולם צום רבין רב משהלע.

דעם ערשטן טאָג יום טוב פון יענעם יאָר. ביים טיש האָט מען שוין געהאַלטן נאָך די פיש און דער טומל פון די שיריים־כאַפּערס האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט. אַלע טיש־זיצערס און די הונ־דערטער חסידים, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, האָבן מיט איינגע־האַלטענעם אָטעם און מיט דרך־ארצדיקער שטילקייט געוואַרט אויפן רבינס תורה־זאָגן. ווי אין יעדן יאָר, אין יום טוב שבועות, האָט מען געוואַרט, אַז דער רבי זאָל אָנהייבן פון מתן תורה. איבעראַשט זענען אַלע אָבער געוואָרן, ווען דער רבי האָט גאָר אָנגעהויבן פון פרשת לך לך:

— „און גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו אברהם, גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד, פון דיין געבורטס היים און פון דיין פאָטערס הויז און לאָז זיך אַוועק אין אַ לאַנד אריין וווהין איך וועל דיר שוין אָנווייזן". ווייזט אויס, אַז ביים רבונו של עולם איז דער צער פון אַ יידן זייער טייער. ער ברוך הוא האָט נישט געקאָנט צוקוקן דעם צער פון טאַטן אברהם, וואָס מענטשן פאַרשאַפן אים, באשר בכן פאַרוואָס ער גט זיך נישט מיט זיין ווייב שרה. „סטייטש, האָבן זיי געטענהט, זי איז דאָך אַן עקרה רחמנא לצלן און על פי דין קומט דאָך איר גט, נאָך צען יאָר, אַז זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט". דער טאַטע אברהם האָט גרויס צער געהאַט פון די אַלע מענטשנס רייד. דעריבער האָט דער רבונו של עולם געהייסן אים אַנטלויפן פון די דאָזיקע אנשי בליעל, וואָס ווילן מפריד זיין בין הדבקים. דאָס איז אויך געוועזן די כוונה פון די חז"ל אויפן פסוק „ועניתם את נפשותיכם" זאָגן די חז"ל: „את נפשותיכם אתם רשאים לענות ואין אתם רשאים לענות את נפש זולתכם". אפילו ווען די תורה הקדושה האָט אָנגע־זאָגט די יידן: „איר זאָלט פייניקן אייערע לייבער", דאַרף יעדער ייד פייניקן נאָר זיין אייגן לייב, אָבער ער טאָר נישט פייניקן אַ צווייטן; אפילו ווען ער מיינט עס פאַר יענעמס טובה וועגן, וואָרן וואָס עס איז איינעם באַשערט מן השמים, גוטס צי חלילה, שלעכטס, וועט

עס, אם ירצה השם, אַליין קומען און הרבה שליחים למקום. ער, כביכול, דאַרף נישט אַז מזאַל אים צוהעלפן.

פון דעמאָלט אָן איז אין הויף שטיל געוואָרן וועגן מעכעלען.

מיט דריי יאָר שפּעטער, פּונקט צו די דרייצן יאָר נאָך דער חתונה, איז ביי מעכעלען געבוירן געוואָרן דער בן־יחיד זיינער ישׂ־ראלטשע.

ביים ברית, ווען דער רבי רב משהלע האָט, אַלס סנדיק, גע־האַלטן דאָס קינד אויפן כסא של אליהו, איידער דער מוהל האָט געמאַכט דער ברכה, האָט דער רבי געזאָגט בזו הלשון:

— „אחד" בגמטריה דרייצן. איינמאָל דרייצן איז אונטערן כולל פון „אחד". צוויי מאָל דרייצן אָבער איז שוין נישט אונטערן כולל פון „אחד", דעמאָלט דאַרף מען האָבן רחמים און גרוים זכות אבות.

עטלעכע מאָל האָט דער רבי איבערגעחזרט די דאָזיקע ווערטער. אַלע האָבן געגאַפּט און געשטוינט. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס האָט דער רבי געמיינט דערמיט צו זאָגן. קיינער האָט נישט גע־קאָנט תופס זיין, וואָס זאָלן דעם רבינס ווערטער באַדייטן. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט איבערצופרעגן.

ווען דער רבי רב משהלע איז נפטר געוואָרן, איז ישראלטשע אַלט געווען ניין יאָר.

פאַר דער פּטירה — אין אַ קאַלטער חשוון־נאַכט איז עס גע־ווען — האָט דער רבי געהייסן צורופן ישראלטשען צום בעט.

דאָס ערשטע האָט דער רבי געפרעגט ישראלטשען:

— זאָג מיר, ישראל, וואָס האָסטו היינט געלערנט?

— דעם לעצטן פּרק פון מסכת שבת האָב איך געלערנט, זיידע.

— זאָג מיר עפּעס פון דאָרטן.

און ישראלטשע האָט אָנגעהויבן מיטן גמרא־ניגון:

— מי שהחשיך לו בדרך נותן כיסו לנכרי. —

און ישראלטשע האָט געוואָלט נעמען אָפּטייטשן, אַזוי ווי זיין מלמד האָט עס פאַרטייטשט, אָבער דער רבי האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט:

— ניין, מ'דאַרף נישט מער, ישראל, ס'איז גענוג.

און דער רבי האָט זיך געווענדט צו מעכעלען:

— דו האָסט געהערט, מעכל, וואָס דער קליינער האָט געלערנט: מי שהחשיך לו בדרך — ווען ס'איז פינסטער געוואָרן דער יידי־שער דרך, אַז דער אור ישראל דערגרייכט שוין נישט צו אים, נותן כיסו לנכרי — קאָן ער נאָך חלילה אוועקגעבן זיין פאַרמעג, וואָס איז „מורשה קהילת יעקב", קאָן ער נאָך חלילה אוועקגעבן צו אַ נכרי.

דער רבי האָט אַ קרעכץ געגעבן:

— אוי, טאַטע זיסער אין הימל!

דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף ישראלטשעס קאָפּ, געבענטשט אים מיט „ברכת כהנים" און געענדיקט די ברכה האָט ער מיט די ווערטער:

— זכות אבות זאָל דיר ביישטיין! זכות אבות זאָל דיר ביי־שטיין!

אַלע אַרומיקע האָבן געזען אין רבינס ווערטער און אין דעם אופן ווי אַזוי זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק מיט ישראלטשען.

ישראלטשע איז געוואַקסן שלאַנק, מלא חן און שיין ווי זיבן זונען. ווער ס'איז אים פאַרבייגעגאַנגען, האָט אים אָפּגעבלאָזן און נאָכגעזאָגט: „בן פורת יוסף — קיין בייז אויג זאָל אים נישט גרייכן". און די מאַמע, פּעסעלע די רביצין, האָט אים אָנגעטון אַ קמיע, וואָס זי האָט געהאַט נאָך פון איר זיידן, דעם מעכאָווער רבין, זכרונו לברכה, כדי קיין עין הרע זאָל איבער אים קיין שליטה נישט האָבן.

און אַ שטימעלע האָט ישראלטשע געהאַט — ווי אַ פידעלע, אַז אויסגיין האָט מען געקאָנט פון מתיקות, ווען ער האָט זיך צער־זונגען. אַז ישראלטשע פלעגט שבת צונאַכטס, נאָך הבדלה זינגען: „אמר ה' ליעקב, אל תירא עבדי יעקב", זענען מענטשן אין די הונ־דערטער, יונג און אַלט, פרויען און קינדער, געשטאַנען הינטער די פענסטער, ווי פאַרכישופטע זענען זיי געשטאַנען, ווי פאַרטראָגן אין עולמות עליונים זענען זיי געווען, זיך צוהערנדיק צו ישראלטשעס זינגען.

איינמאָל אין אַ זומערדיקן, דאָנערשטיקן אָוונט, ישראלטשע איז

שוין דעמאָלט אַלט געווען צוועלף יאָר אין דרייצענטן, איז ער פּלוצ־לונג נעלם געוואָרן און — ווי אין וואַסער אריין. ס'איז אַוועק אַ טאָג, צוויי, דריי, פיר, פינף. מ'האָט געזוכט, געגישטערט, געלאָפן, גע־טומלט, געריסן קברים, מרעיש עולם געווען, אָבער — אַלץ אומ־זיסט. ישראלטשע איז פאַרלוירן געוואָרן אין דעם מינדסטן שפּור.

אזוי איז אַוועק טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך, חודש נאָך חודש און אין הויף האָט זיך באַזעצט אַ שווערע און ביטערע אבילות; אַ פּחדימדיקער טרויער איז צעלייגט געווען איבער אַלץ און אַלעמען; אַ טרייסטלאָזער, שרעקלעכער אומעט האָט געפּייניקט און געריסן שטיקער, ערגער, אַ סאַך ערגער, איידער נאָך אַ טויטן.

און דאָ האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון ישראלטשעס בר־מצוה ווערן...

אַלע האָבן פון דעם געטראַכט און אַלע האָבן פיינלעך און טרויע־ריק געשוויגן.

וואָס אַ טאָג איז אַלץ די צייט געוואָרן נענטער, און אָט איז שוין דער חודש אייר און צוואַנציק טאָג אין אייר האָט ישראלטשע שוין באַדאַרפט בר־מצוה ווערן.

ערשט איצט האָט דער רבי רב מעכעלע אָנגעהויבן משיג צו זיין די כונות פון זיין טאַטן זכרונו לברכהס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט אויף ישראלטשעס ברית:

— „אחד" בגמטריה דרייצן. איינמאָל דרייצן איז אונטערן כולל פון „אחד".

די כונה איז געווען, אַז נאָך דרייצן יאָר פון דער חתונה, ווען ישראלטשע איז געבוירן געוואָרן, האָט מען דעם „רך הנולד" גע־בראַכט תחת כנפי השכינה, ער איז געקומען בבריתו של אברהם אבינו ע"ה.

— אָבער צוויי מאָל דרייצן איז שוין נישט אונטערן כולל פון „אחד", דעמאָלט דאַרף מען האָבן רחמים און גרויס זכות אבות.

דער טאַטע זכרונו לברכה האָט פאָרויסגעזען דעם אומגליק, וואָס וועט געשען ווען ישראלטשע וועט דאַרפן ווערן דרייצן יאָר: „דע־מאָלט דאַרף מען האָבן רחמים און גרויס זכות אבות"...

מאָנטיק פרשת אחרי מות, איז עס געווען, פאַר קריאת התורה, איז דער רבי רב מעכעלע אריינגעפאַלן מיטן קאָפּ אין ארון הקודש אריין. ער האָט זיך צעוויינט אויפן קול און מיט באַנומענע קולות האָט ער אָן אויפהער געשריגן:

— הצילני נא מיד אחי מיד עשו כי ירא אנכי אותו פן יבא והכני!

און מיטן זעלביקן האַרצרייסנדיקן געוויין האָט ער אויסגעשריגן דאָס קאַפּיטל תהילים קמ"ב: „משכיל לדוד בהיותו במערה תפלה".

דער גאַנצער עולם האָט מיטגעוויינט און נאָכגעזאָגט דאָס גאַנצע קאַפּיטל תהילים.

אין דער זעלביקער וואָך איז דער פּאָריץ פונם דערבייאיקן גוט געקומען צום רבין רב מעכעלען און ער האָט געפירט ישראלטשען ביי דער האַנט.

דער פּאָריץ איז געפאַלן דעם רבין צו די פיס, געבעטן מיט ביטערע טרערן, אַז דער ראַבין זאָל אים מוחל זיין און וויינענדיק האָט ער דערציילט:

— איך בין אַ גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק, איך גיי אויס נאָך נגינה און דאָ האָב איך דערזען, אַז דאָס יינגל פאַרמאָגט אַ גרויסן טאַלאַנט צום זינגען און ער באַזיצט אַ וווּנדערבאַרע, טייערע און זיסע שטימע. האָב איך געוואָלט, פאַר זיין טובה וועגן, מאַכן פון אים אַ גרויסן, וועלט־באַרימטן זינגער. איך האָב אים אָוועקגענומען קיין ווין. דאָרטן זענען אַלע פּראָפעסאָרן באַגייסטערט געווען פון זיין מוזיקאַלישן טאַלאַנט און ראַפינירטן געהער און זיי האָבן אים פאַרויסגעזאָגט אַ גלענצענדיקע צוקונפט. אָבער הייליקער ראַבין, איך האָב קעגן אייך געזינדיקט. איך האָב נישט פאַרשטאַנען דעם יידישן דרך. אייער דרך איז לגמרי אַן אַנדערער. איר פאַרשטייט אַנדערש דאָס לעבן. איז צו מיר געקומען, אין חלום, דער אַלטער ראַבין רעב מוישעלע און ער האָט מיך געשלאָגן מיט אַ שטעקן, זייער שטאַרק האָט ער מיך געשלאָגן. פון דעמאָלט אָן בין איך קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ. האָב איך זיך באַדענקט, אַז איך האָב קעגן אייך געזינדיקט. נאָט אייך אָפּ צוריק

אייער קינד. זייט מיר מוחל, ראבין און בענטשט מיר, אז איך זאל געזונט ווערן.

די שמחה, די גדולה, דאס צופרידנקייט וואס האט זידמיטאמאל אריינגעריסן אין רבינס שטוב און אין איין אויגנבליק זיך צעשפרייט איבערן גאנצן הויף — איז אין לשער. א מענטשלעכער פארשטאנד קאן עס גארנישט משיג זיין און א מענטשלעך מויל איז עס גארנישט אימשטאנד אויסצודערציילן.

אין דעם זעלביקן שבת, ביים טיש, האט דער רבי רב מעכעלע, א צעשטראלטער פון פרייד, געזאגט אין דער שבתדיקער תורה, צווישן אנדערם:

— „מי שהחשיך לו בדרך", האט דער טאטע זכרונו לברכה גע־טייטשט: דעם ייד, וועמען עס איז פינסטער געווארן דער יידישער דרך, אז צו אים דערגרייכט שוין נישט דער אור ישראל, „נותן כיסו לנכרי", קאן נאך חלילה אוועקגעבן זיין פארמעג, דעם מורשה קהילת יעקב, צו א נכרי... רחמנא לצלן, אבער, א לויב זיין ליבן נאמען, זכות אבות איז אונז בייגעשטאנען און דער נכרי האט קיין שליטה נישט געהאט איבערן אור ישראל... גרוים איי דער כוח פון זכות אבות.

דער נסתר

ווייט איבער דער ברייטער וועלט האָט געשמט די שטאָט ציקלען, וואָס ליגט ביים טייך מאַביר, מיט אירע לומדים, גאונים, אייזערנע מוחות און גאָטספּאָרכטיקע לייט.

האָט ערגעץ ווו אַ רב אין אַ שטאָט זיך געפּלאָנטערט אין אַ שווערער שאלה, מכוח אַן עגונה; צי וועגן אַ גט, וואָס איז נישט געשריבן געוואָרן ווי עס געהערט צו זיין; וועגן אַ ספק סירכאָ אויף דער ריאָה; וועגן קדושין שלא נמסרו לביאה; וועגן אַ חלוצה, וועלכע איז זקוקה צו אַ ספק יבם; אָדער וועגן אַן אשה שזינתה תחת בעלה און נאָך אַזעלכע שאלות — איז געננוג געווען, אַז דער דאָזיקער רב זאָל אָנשרייבן די שאלה אויף אַ בויגן פּאַפּיר און מיט אַ רייטער אַוועקשיקן עס אין דער שטאָט ציקלען, וואָס ליגט ביים טייך מאַביר, אָן קיין אַדרעס, נאָר הייסן דעם שליח איבערגעבן דעם בריוו צום ערשטן בעסטן יידן דאָרט, וואָס ער וועט באַגעגענעמען אויף דער גאַס. און דער רב האָט געמעגט זיכער זיין, אַז ער וועט שוין באַקומען דעם געהעריקן און ריכטיקן ענטפער, כדת וכדין, אויף וועלכן מ׳קאָן זיך סומך זיין.

נאָך ווייט הינטער דער שטאָט האָט זיך שוין געלאָזט הערן דער זיסער קול תורה, וועלכער האָט אַזוי שיין אָפּגעקלונגען פון די מײַלער פון הונדערטער קינדער, יונגעלייט און זקנים, מיט וועמען עס זענען תמיד פול געווען די חדרים, ישיבות, בתי מדרשים און אַלע מקומי תורה. אפילו יידן בעלי מלאכות — שוסטער, שניידער, בעקער און שמידן — זענען, אין דער פרייער צייט, געזעסן געלערנט און זיך מפלפל געווען אין הלכה.

סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט האָט זיך דער קול תורה נישט אָפּגעטון פון דער דאָזיקער געבענטשטער שטאָט ציקלען, וואָס ליגטביים טייך מאַביר.

אָבער עס איז נישטאָ קיין כלל אין דער וועלט אָן אַ יוצא מן הכלל. האָט אויך די לומדישע שטאָט ציקלען פאַרמאָגט איינעם אַזאַ — אַ יוצא מן הכלל, אין דער געשטאַלט פון דעם וואַסער־טרעגער, נפתלי.

קיינער האָט נישט געוווּסט ווער, וואָס און פון וואַנען איז דער וואַסער־טרעגער נפתלי.

אַ נידעריקער, מיט אַ תמעוואַטן פנים, מיט אויגן פון אַ בהמה, מיט אַ געלער פאַרקאַלטנטער באָרד און מיט פאַרנעצטע שמאַטעס־בגדים, פלעגט ער זיך ווייזן אין גרויסן בית־המדרש ביים ערשטן ותיקין־מנין אינדערפרי, און פאַרנאַכט צו מנחה־מעריב. ער איז געשטאַנען הינטערן אויוון. קיינמאָל האָט ער קיין סידור נישט געהאַלטן אין האַנט, נאָר פון אויסנווייניק האָט ער עפּעס געמורמלט מיטן מויל, אָן קיין קלאַנג פון קיין וואָרט.

האָט שטאָט פאַרשטאַנען, אַז דער וואַסער־טרעגער קען ,נעבעך, נישט קיין צורת האות און ער קען פשוט נישט דאַווענען, האָט קהל נישט געקאָנט אַזעלכעס דערלאָזן, אַז אַ ייד זאָל נישט זיין ביכולת מתפלל צו זיין צום בורא יתברך, האָט מען געדונגען אַ מלמד, וועלכער זאָל דעם וואַסער־טרעגער, נפתלין, אויסלערנען כאָטש דאַווענען. אַ יאָר צייט האָט ישראל עוזר, דער מלמד, זיך געמוטשעט שווער און ביטער מיט נפתלין דעם וואַסער־טרעגער, אָבער — אומזיסט. אַרויסגעוואָרפן איז געווען די אַרבעט. נפתלי האָט געהאַט אַ קאָפּ

פון שטיין. קיין יידיש וואָרט און קיין יידיש אות האָט זיך צו זיין קאָפּ נישט געקאָנט צוקלעפּן. האָט קהל געהאַט אַ פאַרענטפערונג, אַז זי האָט אירס געטון, אָבער אַז עס גייט נישט, מסתמא איז דעם רבונו של עולם אַזוי ניחא. און מ'האָט שוין איבערגעלאָזט דעם וואַסער־טרעגער אויף הפקר, אַז ער זאָל מרוטשען צו גאָט אויף זיין אייגענעם שטייגער.

ערגעץ ווייט, אין בעהמען, זענען אין איין שיינעם טאָג פינסטער געוואָרן די הימלען און אַ חושך־טרויער האָט זיך איבער אַלעמענס קעפּ אַראָפּגעלאָזט. דער באַרימטער גאון, גדול הדור און צדיק תמים ר' אבישל, דער רב הכולל פון גאַנץ בעהמען, האָט זיך אוועקגעלייגט קראַנק און ער האָט געהאַלטן גאָרנישט גוט. קיין זקן איז נאָך ר' אבישל נישט געווען, נאָך נישט קיין בן ששים אפילו, אָבער די אָפטע תעניתים, משמורים און זיין שטענדיקע מלחמה מיטן ס מ אָ ל ו כ ת ד י ל י ה און מיט דער גאַנצער ס ט ר אָ א ח ר אָ, האָבן סוף כל סוף אונטערגעגראָבן זיין געזונט, אים אַלט געמאַכט פאַר דער צייט. און אַלע האָבן געפילט — אל תפתח פה לשטן — אַז ר' אבישל דאַרף גרויס רחמים.

ווייסט מען דאָך, אַז תפילה עושה מחצה, האָבן גרויס און קליין, אַלט און יונג זיך פאַרזאַמלט אין די שולן און בתי מדרשים און מ'האָט טאָג און נאַכט מתפלל געווען, געבעטן רחמים פאַר ר' אבישלס געזונט. און אַ תענית ציבור האָט מען אויסגערופן און אַ נאָמען האָט מען צוגעזעצט. אולי ירחם — אפשר וועט מען אין דער לעצטער מינוט אָפּשרייען דעם גזר.

זינדיק אָבער איז געווען דער דור, נישט ווערט געווען דעם צדיק תמים.

האָט ר' אבישל געהייסן רופן דריי רבנים מיט צוויי סופרים, אַז זיי זאָלן אויפנעמען און אויפשרייבן זיין צוואה, די דברי שכיב מרע.

ער הערט שוין — האָט ער געזאָגט — ווי מ'רופט און אַז מ'רופט, דאַרף מען זיך גרייטן אין וועג אריין.

און געהייסן שרייבן האָט ר' אבישל בזו הלשון:

— „אַלץ וואָס איז מיין, נעם איך מיט מיט זיך. אויף דעם ווידער וואָס ס'איז געבליבן, וואָס האָב איך דען צו באַפעלן אויף נכסי אחרים. מיין ברכה צו אַלע קהילות פון מעהרן און צום גאַנצן כלל ישראל, אַז זייערע תפילות זאָלן דערגרייכן צום כסא הכבוד און די גאולה שלימה זאָל שוין קומען בקרוב. און ווער עס זאָל נאָך מיר פאַרנעמען מיין שטול, זאָלט איר פרעגן ביים צדיק הדור רב נפתלי דעם וואַסער־טרעגער. ער איז פון דאַנען זייער ווייט, אָבער אַז איר וועט אים זוכן, וועט איר אים געפינען. און די וועלט וועט דורך אים אַ סך געווינען.

עס איז געווען אינמיטן פון חודש אלול. די אימה פאַר די ימים נוראים איז שוין צעלייגט געווען אויף יעדנס פנים און יעדערער — פון גרויס ביז קליין — איז געווען אַ מפשפש במעשיו און האָט זיך געגרייט צום גרויסן יום הדין.

אינמיטן פון איינעם פון די דאָזיקע טעג, זענען קיין ציקלען, וואָס ביים טייך מאַביר, פאַרפאַרן צום רב געסט.

באַלד האָבן זיך גענומען פאַרשפרייטן איבער דער גאַנצער שטאָט קלאַנגען, איינער סודותדיקער פאַרן צווייטן. פון מויל צו מויל, וואָרט צו וואָרט, האָט מען זיך איבערגעגעבן, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק, אַז אַ שליחות פון הימל, וועגן אַן אתחלתא דגאולה, האָבן די פרעמדע לייט געבראַכט צום רב. און געהיימענישן האָבן זיך געפּלאָכטן און געוועבט אַרום דעם רבס הויז, ווו די פרעמדע לייט מיטן רב זענען געזעסן סגור ומסוגר. אין יוצא ואין בא.

און נפתלין, דעם וואַסער־טרעגער, האָט מען געבראַכט צום רב.

שטאָט האָט פאַרמאַכט די גמרות און אַלע הייליקע ספרים; די ווייבער האָבן אויפגעהערט צו האַנדלען און צו שלעפּן קונים; קהל האָט פאַרלאָזט אַלע קהילישע ענינים; מלמדים האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייער מלאכת ה' און קינדער האָבן געבלאָנדזשעט כצאן בלי רועה.

אַלעמענס אויגן זענען וואַנזיניק אַנגעשפּיצט געווען צום רבס הויז, וואָס האָט זיך געהילט אין וואָלקנס פון רמזים און סודות.

שוין דריי טעג און דריי נעכט ווי זיי זיצן פאַרמאַכט, דער ציק־לענער רב, נפתלי דער וואַסער־טרעגער און די פרעמדע לייט.

שוין צום צוועלפטן מאָל האָט מען פאַר נפתלין פאַרגעלייענט ר׳ אבישלם צוואה און זיי, די פרעמדע לייט, האָבן דערציילט, אַז שוין באַלד אַ יאָר ווי זיי זוכן אַרום, איבער דער גאַנצער וועלט, דעם ר׳ נפתלין דעם וואַסער־טרעגער און אַדאַנק דעם בורא יתברך, וואָס נאָך פאַרן ערשטן יאָרצייט איז זיי געלונגען אים צו געפינען, כדי צו קאָנען אויספילן בשלימות זייער רבין זכרונו לברכהס צוואה.

אַלע זענען געזעסן און געוואַרט אויף נפתלין, צו הערן פון אים אַ וואָרט.

אָבער ער איז געזעסן ווי אַ תם, ווי ער זאָל לגמרי נישט פאַר־שטיין וואָס מ׳וויל פון אים האָבן.

נפתלי האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— איך בין אַ פּראָסטער וואַסער־טרעגער, וואָס ווייס איך פון אַזעלכע זאַכן.

ערשט אויפן פערטן מעת לעת, דאָנערשטיק נאָך אַ האַלבער נאַכט, איז עס געווען, אין דרויסן האָט מוראדיק געדונערט און גע־בליצט און אַ גאָס רעגן האָט געכליאַפּעט. פּלוצלונג האָבן אַלע דער־זען, ווי איבער נפתלים קאָפּ האָט אַ ליכטיקער שטראַל זיך באַ־וויזן.

דעמאָלט האָט נפתלי זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעגלייכט, זיין פּנים האָט אַן אור העליון באַקומען, פון די אויגן האָט אַ פייער פון קדושה געבליצט און אַלע האָבן געזען בחוש, אַז אויף נפתלין רוט די שכינה.

און נפתלי האָט געזאָגט אַזוי:

— איך הייס נפתלי בן שלום. פון הימל וויל מען אַזוי, אַז איך זאָל נתגלה ווערן און מקדש השם זיין ברבים. איר, שליחים פון בעה־מען, פאָרט אוועק אין דער שטאָט אשדעס צום צדיק ר׳ צבי בן דוד. איר זאָלט אים זאָגן, וואָרט ביי וואָרט, אַז נפתלי בן שלום פאַרלאַנגט,

אַז ער זאָל פאַרנעמען ר' אבישלם שטול און ער זאָל פירן די עדות פון בעהמען מיט ר' אבישלם גאָנג.

איידער ס'האָט נאָך געגומען טאָגן, האָט זיך שוין פאַרשפּרייט דער קלאַנג, ווער עס איז אויף אַ רעכט צון אמת נפתלי דער וואַסער־טרעגער. אויף ווייט און ברייט האָט זיך באַלד צעטראָגן די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי עס איז נתגלה געוואָרן דער נסתר פון דער שטאָט ציקלען ,וואָס ליגט ביים טייך מאביר.

פרייטיק, אַ גאַנצן טאָג, ביז שוין שפּעט צו קבלת שבת, האָבן מענטשן זיך געלאָזט צו דעם נסתר רבי נפתלי נאָך ברכות.

און ווער ס'האָט זוכה געווען אין יענעם טאָג, געבענטשט צו ווערן פון דעם נסתר, איז טאַקע גלייך געהאָלפן געוואָרן. עקרות זענען מעוברת געוואָרן. בלינדע זענען זעעוודיק געוואָרן. הינקענדיקע, קרע־ציקע, קריפּלס, קאַליקעס און ווו נאָר אַ צרה, אַ פּלאָג — זענען בפועל ממש געגעזן געוואָרן.

שבת האָט נפתלי געהאַלטן אין איין זאָגן תורה און סתרי תורה, וואָס נאָר געציילטע, גאָר גרויסע לומדים און מקובלים האָבן געקענט עס משיג זיין.

שבת צונאַכטס, נאָך הבדלה, קיינער האָט נישט געזען, ווי אַזוי און דורך וואַנען — נפתלי דער נסתר איז פּלוצלונג פאַרשוווּנדן גע־וואָרן.

ערשט זונטיק באַגינען, ווען מענטשן זענען געקומען אין גרויסן בית המדרש אריין צום ערשטן ותיקין־מנין, האָט מען געפונען נפתלין, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אַן אָפענע גמרא מנחות און אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אויסגעלאָשן ליכט.

אָבער נפתלי איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע.

זינדיק איז געווען דער דור, נישט ווערט געווען צו האָבן דעם צדיק רבי נפתלי בן שלום.

וואָס די וועלט האָט נישט זוכה געווען צו געניסן אין צדיקס

זכות ביי זיין לעבן, האָט זי עס דערגרייכט כפל כפלים נאָך זיין טויט.

קומען מענטשן אַז, פון אַלע עקן וועלט; פון שטעט, מדינות אַז אַ שיר, אויפן ציקלענער בית החיים משתטח צו זיין און אויסצוגיסן די ביטערע הערצער אויפן קבר פונם צדיק רבי נפתלי זכרונו לברכה.
ווער עס בעט אויף געזונט; ווער — אויף פרנסה; ווער — אויף כבוד; ווער — אויף אַ גוט מזל; ווער — אויף קינדער און ווער — אויף לאַנגע יאָרן.

און אַלע גייען אַוועק פונם צדיקס קבר געגעזעגנט און געהאָל־פענע, וואָרן אַזוי שטייט בפירוש אויסגעקריצט אויף דער מצבה:
„וואָס איינער וועט בעטן בלב תמים, אויפן קבר פון דעם גרויסן צדיק תמים, רבי נפתלי בן שלום זכרונו לברכה, וועט מען פון הימל ממלא מאַכן אַלע זיינע פאַרלאַנגען, אָמן".

IV

באָדן

הכה נגילה

תנחום איז היינט נישט געגאנגען צום פוטבאָל־שפּיל אין תלפּיות, הגם ער איז דער גרעסטער שטיצפּונקט אין „הפּועל".

גראָד היינט, אַזאַ וויכטיקער מעטש צווישן „הפּועל" און „מכּבי", און ווער ווייסט צי דער „הפּועל" קאָן האָבן שאַנסן אָן תנחומען. אָבער וואָס האָט ער זיך געקאָנט העלפֿן — דער רעכטער פֿוס איז אים צעהאַקט, געשוואָלן און באַנדאַזשירט.

צוציק האָט אַרויסגעטראָגן פֿון דער מחצבה אַ בלעך מיט שטיינ־אָפּפאַל, האָט ער, אַפּנים, פאַרטראַכט זיך און ער איז אומגעפאַלן, איז די בלעך מיט אַלעמען געפאַלן תנחומען אין פֿוס אַריין און שרעק־לעך אים צעהאַקט דעם פֿוס.

אַ גאַנצע וואָך האָט תנחום קוים שוין דערוואַרט זיך אויפֿן שבת. מילא אַרבעטן מוז מען דאָך, נישטאָ ביי תנחומען קיין תירוץ פֿון אַ קראַנקן פֿוס. וויפֿל די חברים האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך לייגן אויף עטלעכע טעג אין בעט אַריין, ביז דאָס געשווילעכץ

וועט אָפּגיין, האָט ער אפילו נישט געוואָלט הערן. ער איז נישט געקומען — זאָגט ער — קיין ארץ ישראל ליגן. אפילו אין פיבער מיט היץ האָט ער געאַרבעט. וועט ער גאָר צוליב אַ פּוס מאַכן זיך אַ יום־טוב!

צוציק, נאָך אַ פרישער אין לאַנד, זעקס וואָכן אינגאַנצן, רעדט נאָך העברעאיש מיטן ליטווישן אַקצענט, איז געקומען פון קאָוונע, גלייך אריין אין „גדוד העבודה", און באַלד — אין דער מחצבה.

אַ ווילער יאַט איז ער, צוציק, אַן ענערגישער אַרבעטער, אַ גוטער חבר און ער איז באַליבט ביי אַלעמען. קוים אַכצן יאָר אַלט איז ער, אָבער ברייט־פּלייציק, אַטלעטיש געבויט, כאַטש — מיט גאָר אַ קינדיש פּנים. עס איז געווען, אַז איינער זאָל אַ זאָג טון: „נאָך גאָר אַ צוציק", אַז זיין נאָמען זאָל שוין בלייבן אויף שטענדיק „צוציק".

איין פעלער נאָר האָט ער, צוציק, וואָס ער קאָן, אין רעכטן מיטן אַרבעטן, פאַרטראַכטן זיך און אַריבערקוקן אויף הונדערטער מיילן ווייט. זיין פאַרטראַכטן זיך האָט שוין עטלעכע שאָדנס געבראַכט, ווי לעצטנס מיט תנחומען, אָבער חברה איז אים אַלץ מוחל. מ'האָט אים ליב.

— נישקשה — האָט אים יעדער אויפן גערדאַנק — ער וועט זיך אויסחלוצעווען און ווערן, מיט דער צייט, אַ גוטער אַרבעטער־חבר.

ליגט ער אַזוי, תנחום, אויפן בעטל און זינגט זיך זיין רוסיש מעלאַנכאָליש לידל: „פּראָשטשאַי דערעווניאַ, פּראָשטשאַי קאָווקאַז. פּראָשטשאַי דערעווניאַ פּאָסלעדני ראַז".

עס איז נישט תנחומס טבע צו ליגן רואיק. תנחום דאַרף רודערן, שטורמען, באַוועגן, אָבער — פאַרפאַלן: אַ שטרענגער באַפעל איז געווען פון דער חובשת (קראַנקן־שוועסטער), אַז ער מוז שבת אַ גאַנצן טאָג ליגן רואיק אין בעט און קעגן אַ באַפעל קאָן מען זיך שוין גאָר נישט העלפן.

אין דרויסן הויבט שוין אָן צו ווערן טונקל. ער ליגט און זעט שוין נישט צו לייענען. פאַרמאַכט ער דעם בוך „די לעצטע שיפן" פון א. ראובני, וועלכן ער האָט אַ גאַנצן טאָג געלייענט מיט שטאַרקן אינ־

טערעם און ער נעמט נאַכטראַכטן, מיט צוגעמאַכטע אויגן איבערן אָפּגעלייענטן.

א טומל איבערן הויף; חברה איז צוריקגעקומען פון תלפּיות מיט א ליאַרעם און מיט ווילדע פרייד־געשרייען:

— א ריזיקן נצחון איבערן „מכבי“, דריי קעגן איינס און דער איינער — אויך א פאַלשער, דער ריכטער איז געווען דער ענגלענ־דער בייקער, ווילכער איז שטענדיק אויף דער זייט פון „מכבי“.

דאָ איז שוין איבער תנחומס כוחות צו קאָנען רואיק איינליגן, ווען אין דער מחנה איז אַזוי טומלדיק. ער שלעפּט זיך אַריין מיטן קראַנקן פוס אין גרויסן באַראַק, וואָס דינט איין העלפט פאַר אַן עס־זאַל און די צווייטע העלפט, וועלכע איז אויפגעהויבן מיט א האַלבן מעטער העכער — פאַר א טאַנץ־פּלאַץ, לעזע זאַל, רעפעראַטן, טעאַטער־פאַרשטעלונגען און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע איינאָרדנונגען.

ווי נאָר תנחום באַווייזט זיך אין טיר איז ער שוין אַרומגערינגלט פון אַלע און אַלע מיט איין מאָל נעמען דערציילן די איינצלהייטן פון היינטיקן פוטבאָל־שפּיל:

— צוציק האָט געראַטעוועט די לאַגע, ער האָט געשפּילט ווי א העלד.

און „הורא צוציק“ און „הידד צוציק“. —

אַזוי טומלענדיק און שרייענדיק זעצט מען זיך אַרום די צוויי לאַנגע טישן, וואָס שטייען אין ביידע זייטן, לענגאויס פון באַראַק, און מ׳נעמט עסן דעם שבת־פאַרנאַכטיקן אָרימען מאָלצייט, וואָס באַשטייט פון ברויט מיט כאַלוואַ און טיי.

נאָך רעכט נישט אָפּגעגעסן, נאָך פון די טישן נישט אָראָפּגע־רוימט, און שוין שטייט א גרויסער טייל פון עולם אויפן העכערן טייל פון באַראַק און עס גייט א פאַרשיכורטע „אורה“.

דער דיל טרעשטשעט, די ווענט ציטערן, די לויפט דונדערט. האַנט אין האַנט, אַקסל אין אַקסל, העמדער פאַרשוויצטע, טשופּריי־נעס אויפגעשטעלטע, צעפלאַשעטע, צעבראַשטשעטע: טשופּרינעס — יינגלשע, מיידלשע, שוואַרצע, ברוינע, שאַטינע, בלאָנדע אין איין פאַרשידנפאַרביקן ראָד צונויפגעמישט.

א שטורעמדיקער הוראַגאַן דרייט זיך, געטריבן פון אַן אומזע־

בּערע קראַפט, נישט צום איינהאַלטן. נחמהקע שפּילט אויף אַ האַר־מאָשקע, מאַכוטל — אויף אַ מויל־פידעלע און דער גאַנצער עולם, וואָס געפינט זיך אין אונטערשטן האַלב באַראַק — קאַנדידאַטן אויף בייטן זיך אין טאַנצן — שטורעמט מיט, מיט מויל און הענט:

— הוליי־ליי, הוליי־ליי, הוליי־ליי...

אַ ווילדער רייץ, אַ הנעוודיקע און שטורעמדיקע כוואַליע איז אַרויס פון די ברעגעס און לאַוועדיק זיך צעגאָסן ווייט און ברייט אָן אָפּשטעל. און גאַרנישטאַ, דאַכט זיך, די קראַפט אין דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען אַזאַ אויסברוך צאַמען.

איין תנחום וואָס טאַנצט נישט. אַ קראַנקן פוס נעבעך... אָבער זינגען זינגט ער אויך נישט, ער איז אינגאַנצן נישט מיטגעריסן מיט דער האַראַדיקער כוואַליע. ער שטייט אין אַ זייט מיטן עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, מיטן פּנים צו די טאַנצנדיקע, אָבער די אויגן קוקן אַריבער, ווייט אַריבער זיי.

ער איז פאַרזונקען אין מחשבות... עפּעס קריכן אים לעצטנס אַזעלכע מאָדנע חשבון־הנפשדיקע גערדאַנקען אין קאָפּ אַריין און ער קאָן פון זיי נישט פּטור ווערן.

וויפל ער באַמיט זיך זיי צו פאַרטרייבן, אָבער עס גייט נישט. ער פאַריאָגט זיי פון איין זייט, קומען זיי פון דער צווייטער זייט. און די גערדאַנקען אַזעלכע טרויעריקע, אַזעלכע יאָושדיקע:

— ווער ווייסט... אַזוי פיל מכשולים אין וועג... אינערלעכע און אויסערלעכע... ווער ווייסט צי וועלן מיר זיין אימשטאַנד אַלץ גובר צו זיין?...

אַ פּלוצלונגדיקער שווערער קלאַפּ אויפן אַקסל וועקט אויף תנחומען פון זיינע פאַרחלומטע גערדאַנקען. קעגן איבער אים שטייט דער הויכער יצחק לאַנדענבערג, אַרויפגעלייגט זיין ריזן־האַנט אויף תנחומס אַקסל, קוקט ער אים גלייך אין די אויגן אַריין און זאָגט:

— תנחום, איך זע וואָס דו טראַכסט.

— געוויס זעסטו וואָס איך טראַכט, ווייל דו טראַכסט אויך דאָס זעלביקע.

— אָבער גענוג, גענוג טייערער תנחום, גענוג צו טראַכטן, גענוג מיט חשבונות, נאָר אָן צופיל חשבונות! זינג בעסער, שלאָג אַרויס

פון קאָפּ אַלע נאַרישע געדאַנקען און טראַכטונגען, זינגט תנחום: — הבה נגילה... הבה... איך גיי טאַנצן.

— ניין, דאָס קאָן איך נישט, איך קאָן נישט זינגען, אַז יענער זאָל טאַנצן — שרייט אוים תנחום מיט פּלוצלונגדיקן אויפברויז — איך מוז אַליין, אַליין זעלבסט פאַרטאַנצן זיך.

און ער רייסט זיך מיטצוגיין מיט יצחקן טאַנצן.

יצחק לאַנדענבערג האַלט אים צו, לאָזט אים נישט גיין און זאָגט:

— ניין, תנחום, איך וועל דיך נישט לאָזן, מיט אַ קראַנקן פוס, טאַנצן.

— אָ, ווער מאַכט זיך אַ ווען פון אַ קראַנקן פוס, לאָז מיך, יצחק!

— ניין, איך וועל דיך נישט לאָזן — זאָגט יצחק מיט אַ שטרענגן טאָן און באַפעלעריש — יצחק לוי אין חיפה האָט אויך נישט געוואָלט מאַכן קיין ווען פון זיין קראַנקן פוס, זעסטו דאָך וואָס עס איז געוואָרן. און מיר זענען געקומען אַהער לעבן און שאַפן און נישט שטאַרבן.

ביי די ווערטער דערשפּירט יצחק לאַנדענבערג ווי די טרערן שטיקן אים אין האַלז, אָט, אָט נאָך אויסצושיסן. ער פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין און מיט אימפּעט אַנטלויפט ער טאַנצן.

באַלד נאָך אים איז אויך תנחום, מיטן קראַנקן באַנדאַזשירן פוס, אריין אין ראָד און אַז תנחום שטורעמט, איז עס אַ דינאַמאָ־מאַשין.

מיט תנחומס אריין אין ראָד האָט אַלץ אַ נייעם פרישן אָטעם באַקומען. און הבה נגילה... הבה... אַ ווולקאַן — הבה נגילה:

עס דערהערט זיך אַ קלינגען. קאַפּעלאָוויטש מיט אַ גלעקל אין האַנט שטייט ביי דער טיר און שרייט:

— אַלע ראשי הקבוצות זאָלן אריין אין מזכירות איינצואָרדע־נען די אַרבעט פאַר דער קומענדיקער וואָך!

קיינער רירט זיך נישט פון אָרט.

די „אורה" גייט איצט אין רעכטן ברען. קיינעם ליגט איצט גארנישט עפעס אנדערש אין זינען.

עס גייען פארביי נאך פופצן מינוט און ווידער הערט זיך א קלינגען: קאפעלעוויטש מיטן גלעקל אין האנט שרייט:

מכנאי, לענדענבערג, תנחום, דוואַרקין, מאכוטל, שרירא, יוסף אלף, כנעני, יהודה, אריין איינאָרדענען די אַרבעט!

דאָ איז שוין ביי דער חברה גובר דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרט־לעכקייט איבער דער סענטימענטאַלער פאַרשיכורטקייט פון דער „אורה". איינציקוויוז רוקן זיי זיך אַרוים פון ראָד און פאַרשוויצטע, פאַרנעצטע, צעכראַשטשעטע און צעשויבערטע לאָזן זיי זיך צו דער טיר.

איין תנחום וואָס רירט זיך נישט פון אָרט. ער שטורעמט און דונערט און מיט די לעצטע כוחות רייסט ער זיך:

— הבה נגילה, הבה... נחמהקע לעבעדיקער! רחל, פנינה, ליפ־קין, רירעוודיק... טאַנצן זאָל זיין געטאַנצט! הבה נגילה, הבה...

און אַז קאַפּעלעוויטש שרייט, שוין צום צענטן מאָל:

— תנחום, מ'וואַרט דאָך אויף דיר.

ענטפערט תנחום מיט אַ כאַרכלענדיקן געשריי:

— היינט גיי איך נישט צום סדור העבודה, צוציק גייט היינט אויף מיין אָרט. מיך לאָזט היינט צורו. לאָזט מיר פאַרשיכורן זיך. לאָזט מיר זיך פאַרטאַנצן. טאַנצט חברה! טאַנצן זאָל זיין געטאַנצט! הולייַ־לייַ, הולייַ־לייַ... הולייַ־לייַ, הולייַ־לייַ... הבה נגילה... הבה.

אכטעד

אין קינדער־הויז פון תל־יוסף איז געשטאַנען אַ צעשמייכלטער ערב יום־טובדיקער נאָכמיטאָג.

אַרויסגעטריבן איז געוואָרן די געווייגלעכע טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקייט פון אַ גאַנץ יאָר און אַנשטאָט דעם האָט אַ פייערלעכקייט אַרויסגעוווּנקען פון יעדן ווינקל און אָנגעצייגט אויף אַ יום־טוב, וואָס דאַרף מיטן אָוונט אָנקומען.

אַרום די ווענט אינם קינדערשן עס־צימער זענען צעשטעלט געווען סאָסנע־ביימלעך, אין קעסטלעך פאַרזעצט, וואָס מ׳האָט ספּעציעל געבראַכט פון דער „משתלה” און וועלכע האָבן באַהויכט דעם צימער מיט שמעקעדיקער וואַלד־פרישקייט. און צווישן די גרינע נאָדל־בלעטער זענען דורכגעפלאָכטן געווען פאַרשידנאַרטיקע לעבעדיקע בלימלעך, וועלכע האָבן שטיפעריש־פריילעך אַרויסגעשמייכלט און געבראַכט אַ דערפרייענדיקע שטימונג.

פון ווינקל צו ווינקל, אונטערן סופיט, זענען פאַרצויגן געווען צוויי געקרייצטע קרענץ־שנורן, אויסגעפלאָכטן פון בלומען.

אויף אַ לאַנגן טיש, מיט אַ קלאָר ווייסן טישטוך באַדעקט, זע־

נען צעשטעלט געווען טעלערס מיט פּרוכטן, זיסע געבעקסן, נאַש־וואַרג און פלעשער מיט ווײַן.

אויף די ווענט זענען, פון רויטע קאַלאַניאַט־בלומען, אויסגעפּאַר־מירטע „3"־ען אויסגעקלאַפּט געווען.

דאָס איז אין דעם טאָג אַחינועם געוואָרן דרײַ יאָר אַלט.

און די מאַמע, די קליינע, מלא־חנעוודיקע, בלאָנדע רבקהלע — אַליין כמעט נאָך אַ קינד — האָט היינט געשיינט זיבן מאָל שענער און חנעוודיקער אין איר ניי־בלוי קליידל, ווייסן פאַרטוכל און מיט איר זיס־שמייכלענדיקער פאַרפאַרעטקייט.

אַ צופרידענער, נחת־רוחדיקער אויסגוס איז געלעגן אויף איר גאַנצן וועזן. זי איז גליקלעך געווען, וואָס עס איז איר אַזוי גוט געלונגען דורכצופירן דעם געפּלאַנטן סורפּריז פאַר איר ליבן אַבמעדן.

עס האָט זיך פונקט אַזוי געמאַכט, אַז ער זאָל דעם טאָג נישט זיין אין תל־יוסף און ערשט אין אָוונט דאַרפן אַהיימקומען.

יאָר טויזנט נײַנהונדערט צוואַנציק אין ארץ־ישראל.

אַ לעבהאַפטע און ענערגישע אַרבעט גייט אָן איבערן גאַנצן לאַנד. די רעגירונג פירט דורך אַ גאַנצע ריי שאָסייען און באַן־ליניעס, בײַ וועלכע עס זענען באַשעפטיקט די הונדערטער חלוצים, וואָס שטראָמען אַריין מיט יעדן טאָג אין לאַנד אַריין און וועלכע וואַרפן זיך אַריין מיט הייליקער התלהבות און העלדישן שטורעם אין אַלע שווערסטע אַרבעטן, ווי רייסן שטיינער מיט דינאַמיט פון די פעלזיקע בערג, צעקלאַפּן שטיינער אין דראָבנעם שאָבער, גראָבן, שלעפּן, האַקן, פּרעסן, רייסן, גלייכן — גאַרנישט פאַראַן קיין צו שווערעס און אוממעגלעכעס.

און די חלוצישע פריידפולע געזאַנגען און צעפלאַמטע אורה־טענץ פאַרהילכן די לופט אויף קילאָמעטערס ווייט אַרום די מחנות, וווּ די חלוצישע לאַגערן זענען פונאַנדערגעשטעלט.

און די אַראַבער פון די דערפער אַרום הערן זיך איין און קוקן זיך צו מיט פאַרגלאָצטע אויגן פון איבעראַשונג און פאַרוווּנדערונג

אויף דער פּלוצלונג־איבערגעריסענער, פאַרשימלטער שטילקייט און פאַרגליווערטער רואיקייט, אין וועלכער זיי זענען הונדערטער יאָרן לאַנג געלעגן און געדרימלט. און זיי ווייסן נישט, צי דאַרפן זיי זיין צופרידן, צי נישט.

עס איז ביי זיי אַ געמיש פון מורא, רעספּעקט און פאַרדרוס צו־זאַמען, אָן צו מאַכן זיך אַ חשבון, וועלכעס פון דעם אַז ביי זיי שטאַר־קער.

אין יענעם יאָר איז אַכמעד, מיט אַ גרופּע חלוצים, געקומען פון פּוילן קיין ארץ ישראל. אָבער געהייסן האָט ער נאָך דעמאָלט נישט אַכמעד, נאָר משה זילבערבלאַט, אָדער ווי די חברים האָבן אים גע־רופן — „דער שוואַרצער משה". אַ בחור פון צוויי־און־צוואַנציק יאָר, אַ הויכער, טונקל־הויטיקער מיט פּעך־שוואַרצע האָר און ברענענדיק־ליכטיקע שוואַרצע אויגן. אויגן פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט אַ פעסטער ווילן און אַן אייזערנע ענערגיע. זיין גאַנצער פאַרנעם איז געווען פון אַ געבוירענעם פירער. משה האָט באַפוילן, קאָמאַנדירט, געשאַפט, פאַראָרדנט און אַלע זענען געהאָרכזאַם געווען צו זיין וואָרט, צו זיין באַפעל און ווילן.

משה האָט אָבער נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. אַן אומ־רואיקער גייסט איז אין אים געזעסן און געטריבן אים פון אָרט צו אָרט. איז ער געקומען אויף אַן אַרבעט־פּלאַץ, האָט ער באַלד ביי זיין אָנקומען קאָנצענטרירט אַרום זיך די גאַנצע מחנה. זיינע פייערדיקע אויגן און פלאַמיקע רעדעס האָבן באַאיינפלוסט און פאַרכישופט אַלע־מען, זיין זעלטענער אופן פון אָרגאַניזירן, האָט אים באַלד אַרויסגע־שטעלט אין שפּיץ. און זיין אייגענע מוסטערהאַפטע אַרבעטזאַמקייט, האָט אים באַליבט געמאַכט און חבריש־אינטים פאַרבונדן מיט יע־דערן.

אַזוי פלעגט משה אַפּזיצן אויף אַן אַרבעט־פּלאַץ עטלעכע וואָכן און מיט אַמאָל, אין איין שיינער נאַכט, נעלם ווערן.

איז זיך משה מישב איין מאָל און לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן איבער די אַראַבישע דערפער.

חדשים לאַנג איז ער אַפּגעזעסן ביי די אַראַבער, אין די פאַר־וואָרפנסטע ווינקלען פון לאַנד. ער האָט זיך אויסגעלערנט רעדן אַראַ־

ביש, זינגען אראבישע לידער מיטן עכטן אראבישן טאָן און אקצענט, זיך אויסגעלערנט רייטן אויף אן אראביש פערד און מאכן פארשידע־נע קונצן רייטנדיק, זיך אויסגעלערנט גוט שיסן און צילן. און אינגיכן האָט ער אויך איבערגענומען די חניפהשע שטיק זייערע מיט אלע זייערע לעבנס־פאָרמען.

משה איז באקאנט געוואָרן צווישן אלע פעלאכן פון לאנד ווי אן אייגענער און איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט אמתער גוט־ברודערשאפט.

א גאנץ קיילעכדיק יאָר האָט משה אזוי ארומגעוואנדערט צווישן די אראבער. ביז עס איז אים נמאס געוואָרן דאָס וואנדערן, איז ער געקומען קיין חיפה און אריין אלס חבר אין דער „קבוצת בנאים".

אז משה — מיט זיין טונקל־הויטיק געזיכט און מיט די שוואר־צע ברענענדיקע אויגן — איז דאָס ערשט מאָל געקומען צו רייטן אין דער קבוצה אויף זיין אראביש פערד, אנגעטון מיט אן אראבישער אבייע און מיט א ביקס אויף דער פלייצע, האָט קיינעם נישט גע־קאָנט איינפאלן אפילו, אז דאָס זאָל זיין נישט קיין געבוירענער אראַ־בער. און אז חברה האָט דערזען, אז עס איז גאָר דער שווארצער משה, האָבן אלע מיטאמאָל, ספאָנטאַן, געקרוינט אים מיטן נאָמען א כ מ ע ד, וועלכער איז אים שוין אזוי פארבליבן עד היום הזה.

אכמעד האָט זיך גיך אויסגעלערנט צו פארשטיין א בוי־פלאן, צו מאכן א פינקטלעכע קאלקולאציע ביי א בוי־אונטערנעמונג און — דער עיקר — אוועקצושטעלן אן ארבעט אין ארגאניזיר־טער אָרדנונג. אזוי האָט אונטער אכמעדס אנפירונג געשטיגן די קוואליטעט פון דער ארבעט און דערי־בער, אויך דער גוטער נאָמען פון דער קבוצת בנאים.

אָבער אויך אויסער דער ארבעט האָט אכמעד אריינגעבראכט א נייעם טאָן אין לעבן פון דער קבוצה.

אנשטאָט די צעפלאָמטע און פאריאכמעטע אורח־געזאנגען, וועלכע האָבן אין די אָונטן פארהילכט די לופט, ווייט, ווייט ארום דער קבוצה — האָט איצט די שטילע, צעצויגענע און מאנאָטאָנישע אראבישע מעלאָדיע באהערשט דער קבוצה.

אין די אָוונטן, אונטער די ווייטע, פארסודעטע, צויבער־בלויע, ארץ־ישראל־הימלען, איבערן קיילעכדיקן הויף פון דער קבוצה, וועל־

כער איז אַרומגענומען געווען, ווי אַ ראָד, מיט פערציק לייוונטענע ביידלעך, זענען זיי, אַלע קבוצה־חברים, איינגעפלאָכטן איינער אין צווייטן — אין איין גרויסער מאַסע צעלייגט געווען און פון אַלע־מענס מיילער האָבן פאַרחלומטע אַראַבישע לידער — אין העברעאי־שער איבערזעצונג — אַרויסגעקלונגען ווי שטילע כוואַליע־גערוישן איבער אַ רואיקן ים. און מיט זיכערקייט האָט יעדער פאַרבייגייער גע־קאָנט דענקען, אַז עפּעס אַ בעדואינישע מחנה איז דאָ פונאַנדער־געלייגט.

עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין אַכמעדן האָט זיך שוין איינגעשטילט זיין שטורעמדיקע אומרואיקייט און ער איז שוין אויף שטענדיק אַריבער אין באַזאַכטער ראָמאַנטישער רואיקייט, און אונ־טער זיין איינפלוס — אויך די גאַנצע קבוצת בנאים.

אַזוי זענען אַריבער אַכט חדשים.

אין איין שיינעם טאָג האָט אין אַכמעדן ווידער דערוואַכט זיין אומרואיקער וואַנדער־גייסט. עס איז אים נמאס געוואָרן דאָס רואיקע קבוצה־לעבן און ער האָט פּלוצלונג פאַרלאָזט די קבוצה, אַוועק אין עמק יזרעאל און דאָרט אַריין אין „גדוד העבודה" פון תל יוסף. אָבער דאָסמאָל איז שוין אַכמעד נישט אַוועק אַליין, מיט אים איז אויך מיט, דער ליבער חנעוודיקער שמייכל פון דער קבוצה, — „דאָס קליינע מלאכל", ווי מ'האָט זי גערופן —דער קליינער בלוי־אויגיקער און בלאָנד־האָריקער רבקהלע.

אין תל יוסף איז אַכמעד געקומען אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ.

די פאַרשידענע סכסוכים מיט די אַראַבישע שכנים, וואָס פלעגן אָפט פאָרקומען, האָבן אַכמעדן געטריבן צו זיין ריכטיקער ראָל.

אויף זיין שוואַרצן אַראַבישן פערד, אָנגעטון אין אַ פיל־פאַר־ביקער און מיט זילבער־געפלאָכטענער אַבייע, מיט אַ שוואַרצן בייגל אויפן קאָפּ און ביקס ביי דער זייט — פלעגט זיך אַכמעד אַוועק־לאָזן, ווי אַ געבוירענער שעיך, צו די צוזאַמענקונפטן פון אַלע שכני־שע שעיכן.

און דאָרטן, ביי אַ געבראָטענעם שעפּס, אויסגעזעצט אויף דער ערד אין אַ קיילעכדיקן ראָד, זענען אַלע סכסוכים אויסגעגלייכט גע־וואָרן.

אַלס „שעיך אל יאהוד" איז אַכמעד באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט און פון דאָרט — ווייט אַריבער, איבערן גאַנצן לאַנד. און אַלס אַזעלכער איז ער איינגעלאַדן געוואָרן צו אַלע שעיכישע צוזאַמענקונפטן, שמחות און פייערונגען. און אומעטום איז אַכמעד מיט גרויס רעספּעקט אויפגענומען געוואָרן.

פאַרנאַכט. די זון איז שוין אַרונטער הינטער די גלבוע־בערג און אַ דערפרישטע, קילע רואיקייט האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן עמק, נאָכן ברענענדיק־הייסן תמוז־טאָג.

פון ווייטן האָט זיך דערזען אַ רויך פון אַ לאָקאָמאָטיוו. וואָס דערנענטערט זיך און באַלד האָט זיך דערהערט אַ פּייפן — אַ סיגנאַל, אַז דער צוג קומט אָן אויף דער סטאַציע פון „תל יוסף".

רבקהלע האָט געכאַפּט אחינועמען אויף די הענט און מיט אַ קינדעריש־שטיפעריש צעלאַזנקייט האָט זי זיך צעטאַנצט אין פריידיקער דערוואַרטונג.

און אחינועמס קינדישע, ליכטיקע אייגעלעך האָבן זיך צעגלאַנצט מיט יום־טובדיקער שמחה און ער האָט זיך צעזונגען, פּאַטשענדיק מיט די הענטלעך:

— „הנה אבאַ בא, הנה אבאַ בא, שלוש שנים, שלום שנים"...

צווישן וואך און שבת אויפן כרמל

דריי שעה צו נאכט.

מילדער איז געוואָרן די היץ. פון ים האָט געבלאָזן אַ לייכט ווינ־טעלע, וואָס האָט אָפּגעפרישט די לופט און פרייער געמאַכט דעם אָטעם. די זון האָט לאַנגזאַם, מיט מאַיעסטעטישע טריט, זיך גענו־מען אַראָפּלאָזן אויף די מערב־טרעפּ צו טובלען זיך אין ים לכבוד שבת, און מיט יעדן טריט נענטער צום ים, האָט זי פאַרווישט הינ־טער זיך די געוויינלעכע וואָכעדיקייט, וועלכע איז באַלד פאַרגאָסן געוואָרן מיט ערב־שבתדיקער מנוחה־שטימונג.

דער גרויסער קיילעכדיקער הויף אויפן הדר־הכרמל, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַכטאונצוואַנציק לייוונטענע ביידלעך, האָט אימפּעטיק זיך געפּאָרעט, געבאָדן, געראַזירט, זיך איבערגעטון, גע־האָוועט און געטומלט, גרייטנדיק זיך צום אָנקום פון שבת.

די עטלעכע און זיבעציק אַרבעטער און אַרבעטערינס, וועלכע האָבן באַוווינט אָט דעם לאַגער, וואָס האָט געהייסן „קבוצת בנאים", האָבן, אין אַ פריילעך־שטיפעריש געטומלעריי און פלוידעריי — אין אַ פלינקיק קלינגענדיקן העברעאיש — פאַרהילכט די לופט אַזש ביז

צום שפּיץ פון כרמל, פון וואַנען עס האָט אָפּגעקלונגען אין אַ ווידער־קול און געפאַלן צוריק אין דער מחנה אַריין.

אפילו דאָס אייזעלע „פּאַפּירוס", וואָס איז אַ גאַנצע וואָך געשטאַנען ווי אַ מיט־חבר אין אַלע שווערע אַרבעטן פון שלעפּן, ברענגען און אַוועקפירן — האָט אויך דערפילט איצט דעם אָנקום פון שבת און אונטער די קאַלטע עמערס וואַסער, וואָס מ'האָט אויף אים געגאָסן, באָדנדיק אים, האָט אַזוי פריילעך זיך צעשריגן אויף זיין קוויטשעדיקער אייזל־שטים:

— „מנוחה, מנוחה, מנוחה".

צוויי שעה צו נאַכט.

די זון איז שוין געשטאַנען אַן אויסגעטועטע, אַ פאַררויטיקטע, נאָענט צום ים, אָט נאָר אַריינצושפּרינגען, אָבער זי האָט זיך נישט געיאָגט, זי האָט נאָך אַלץ געשפּאַנט לאַנגזאַם, ווי עס פּאַסט פאַרן כבוד פון איר מאַיעסטעט.

די לופט איז געוואָרן קילער, רואיקער און טונקעלער. עס האָט זיך געשפּירט, ווי זי, די לופט, פירט מיט זיך זייער אַ געהויבענעם גאַסט, וועלכער ווערט אומגעדולדיק דערוואַרט פונם גאַנצן אַרום און אַרום.

אין מיטן הויף, אויף אויסגעשפּרייטע ראָגאָזשעס, איז געזעסן — האַלב ליגנדיק — אַ גרופּע, שוין שבתדיק אָנגעטון. בנימין האָט געשפּילט אויף אַ מאַנדאָלינע און אַלע אַרום האָבן מיטגעזונגען:

מכורתי,
נוף מולדתי,
שאון גלים בים
וצל הרים סביב,
סביב.

דער גרעסטער טייל פון דער מחנה איז געווען צעשפּרייט איבער די ביידלעך, יעדער פאַרטיפט אין זיין בוך.

אין דער קילער, ערבשבתדיקער מנוחהדיקייט איז דער געדאַנק

קלאָרער און פרייער, האָט מען נישט געוואָלט, אַז דער דאָזיקער קלאָרער געדאַנק זאָל גיין לאיבוד.

ביי די מיידלעך, צפורה—מרים—חנה, אין ביידל, זענען געווען פאַרזאַמלט אין ענגשאַפּט אַ צוואַנציק פּערזאָן, ווו מ׳האָט דיסקוטירט, וווהין איז בעסער צו גיין מאָרגן אויף אַ שפּאַציר און מ׳האָט באַשלאָסן, אַז באַלד נאָכן עסן, אין אָוונט, זאָל מען אַרויף אין דער הויך אויפן כרמל, דאָרט אין וואַלד איבערנעכטיקן און באַגינען אַראָפּלאָזן זיך, דורך דער צווייטער זייט כרמל, קיין עתלית, צו דער דאָרטיקער „קבוצת חקלאים" און פאַרברענגען דאָרט אַ גאַנצן שבת.

איין שעה צו נאַכט.

די זון האָט שוין אַריינגעשטעקט די פּיס אין וואַסער און נאָך האָט זי זיך נישט געאיילט. זי האָט נאָך אַלץ געשפּאַנט לאַנגזאַם, אָבער דער אָנקומענדיקער שבת האָט זיך יאָ צוגעאיילט און אויף כוח האָט ער געשטופּט די זון אין ים אַריין.

אין די ביידלעך איז שוין געווען טונקל צו לייענען, האָבן זיך אַלע, ביסלעכווייז, אַרויסגעלאָזט פון די ביידלעך און אַרומגעזעצט זיך אַרום די זינגערס אינמיטן הויף.

דער כאָר האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרגרעסערט, די שטימען זענען געוואָרן שטאַרקער, אַזוי, אַז מ׳האָט שוין כמעט נישט געהערט דער מאַנדאָלינע שפּילן...

אַלע צוזאַמען, איינגעשלאָסן איינער אין אַנדערן, האָבן נאָר וואָס אָנגעהויבן אַ נײַ ליד צו זינגען:

פה בארץ, חמדת אבות,
תתגשמנה כל התקוות...

פּלוצלונג — טראַך, טראַך, טראַך.
עס האָט זיך דערהערט דריי מאָל אויסשיסן.

אַלע האָבן זיך, דערשראָקענע און איבערגעראַשטע, אויפגעכאַפּט פון די ערטער און געלאָפן צום ביידל, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס שיסן.

ביי זיך אין ביידל האָט מען געפונען שושנהן, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, ליגנדיק אויפן בעטל אין אַ קאַלוזשע בלוט.

פאַרגליווערט זענען אַלע מיטאַמאָל געוואָרן. אַ פאַרשטיינער־טער טרויער האָט זיך פלוצלונג איבער דער גאַנצער מחנה צעלייגט.

אַלע האָבן געוווּסט די סיבה פון איר זעלבסטמאָרד... און אַלע האָבן האַרצרייסנדיק געשוויגן. אפילו דאָס אייזעלע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן.

פון דער זון איז שוין גאָרנישט געבליבן — דער ים האָט זי אינגאַנצן איינגעשלונגען...

פון דער ערב־שבתדיקער מונטערקייט איז שוין אויך קיין זכר נישט פאַרבליבן — דער צעלייגטער טרויער האָט זי, ווי אַ ווילדע חיה, אומבּרחמנותדיק אויפגעפרעסן...

א ת כ ל י ת...

ס'איז געווען באַלד נאָך פּסח.

דער מלקוש איז אין דעם יאָר געקומען אַ פאַרשפּעטיקטער און ער האָט זיך צעגאָסן אַ מבולדיקער. ביז סאַמע ערב פּסח האָבן כוואַליעם גאַנצע זיך געלאָזט פון הימל מיט האַסטיקן און שטראָמיקן געלויף. טײלמאָל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ גאַנצער ים זאָל פון אויבן אויף אַלעמענס קעפּ זיך האָבן אַראָפּגעלאָזט. צוזאַמען מיטן מלקוש האָט אויך אַ פוילער אומעט אַזאַ זיך מיטגעגאָסן און אַ צעקראָכענע, מעלאַנכאָלישע נאַסקייט האָט זיך געשפּרייט איבער די געמיטער אַזוי, אַז עס האָט זיך נישט געגלוסט פון דער אײגענער אײנגעקאָרטשעטקייט אַרויסצוקריכן.

באַלד מיט די ערשטע טריט, ביים אָנקום פון יום טוב פּסח, האָט דער הימל זיך אויסגעלייטערט.

אַ שײנענדיקער און לויטערער האָט דער פּסח זיך באַוויזן און ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ פרייען אָטעם, אַ פרישע אויפגעלעבטקייט און אַ פריילעכע שטימונג. וואָס האָט זיך באַלד אין יעדנס

געמיט צעליינגט. איז דעריבער טאפלט און דרייפאכיק געווען די יום־טובדיקע שמחה פונם דאזיקן פסח.

איצט, שוין דריי טעג נאך פסח, האט נאך דאס יומטובדיקע גערוט אויף יעדנס פנים און ס'איז קענטיק געווען אין יעדנס פאר־בענקטע אויגן, ווי שווער ס'איז צו שיידן זיך מיט אזא ליבן, מילדן און לוסטיקן יומטוב און איבערגיין צו דער טרוקענער, רעאלער וואָ־כעדיקייט.

אינם גרויסן עס־צימער פון דער קבוצה האט שוין גענומען טונק־לען און חברה, אפגעוואשענע און איבערגעטועטע פון דער ארבעט, האבן שוין אנגעהויבן צוזאמענקומען זיך צום אוונט־עסן.

היינט האט מען דריי נייע ארבעטן אנגעהויבן, דעריבער האט א טייל זיך פארשפעטיקט אביסל. א סאך זענען נאכנישט צוריקגע־קומען פון די פסחדיקע טיולים איבערן לאנד. דער גרעסטער טייל אבער איז שוין געזעסן ארום די צוויי לאנגע טישן, וואס זענען גע־שטאנען איינער קעגן צווייטן, לענגאויס פון זאל, און איבער אלע־מען האבן נאך געשוועבט רעשטלעך שטימונגען פון די נארוואס פארגאנגענע יומטוב־טעג, וועלכע האבן נישט געוואלט פארשלונגען ווערן דורך דער וואכעדיקייט.

צווישן די אלע איז אויך געזעסן שמואל ווייערניק, אדער ווי מ'האט אים אין קבוצה גערופן „לבן". צי ווייל ער איז געווען א העל־בלאנדער האט מען אים גערופן „לבן", אדער סתם אזוי, ווייל אזוי איז געווען שירקעס א קאפריז.

שירקע איז געווען דער ליבלינג פון דער גאנצער קבוצה און אונ־טערן איינפלוס פון אירע קאפריזן האבן זיך אלע געפונען. און מיט וואס פאר א נאמען שירקע האט געקרוינט א ניי־אנגעקומענעם, ביי דעם דאזיקן נאמען איז ער שוין אויף שטענדיק פארבליבן.

אין די זעקס חדשים, וואס ווייערניק געפינט זיך אין ארץ ישראל, האט ער זיך איינגאנצן אויסגעניכטערט פון די רעשטלעך אנטי־ציוי־ניזם, וואס האט נאך א לאנגע צייט ביי אים געטליעט, אלס איבער־בלייבעכץ נאך פון זיין פריערדיקער פארטייאישער אנגעהעריקייט.

ווייערניק־לבן איז מיט לייב און לעבן ארייגעוואקסן געווארן

אינם גאנצן לעבן פון דער קבוצה; ער איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנ־טער מויערער־אַרבעטער, איז געוואָרן אַ האַרציק־איבערגעגעבענער חבר און עס איז נישט געווען קיין איין טייל פון דער אַרטיקער גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט, וווּ לבן זאָל נישט נעמען אַן אַקטיוון אָנ־טייל. לבן פלעגט אָפט דערמאָנען מיט חוזק יענע בטלנישע טענות, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעזאָפּט אין פּוילן, קעגן אָט דעם געזונטן, אויפגייענדיקן און זיך־בויענדיקן יידישן ישוב, אינם נייעם ארץ־ישראל.

אין דער טיר פונם עס־זאַל, אין דער האַלב־טונקלקייט פונם צו־געפאַלענעם אָוונט, האָט זיך באַוויזן אַ פּערזאָן, העכער פון מיטל־וווּקס, מיט אַ יונג, שיין און רונדיק געזיכט, — אָנגעטון אין קורצע ספּאָרט־הויזן, אַ ווייסע בלוזע איבער די הויזן אַריבערגעוואָרפן און מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק אַרומגענומען. איבער דער בלוזע, אויף די אַקסלען — אַ לעדערן רעקל אָנגעטון.

דורך דער אָוונט־טונקלקייט האָבן אַ פּאָר ליכטיקע, שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן דעם גאַנצן זאַל פאַרכישופט. עס איז שווער געווען צו דערקענען, צי איז דאָס אַ בחור אָדער אַ מיידל: צו שיין פאַר אַ בחור און צו העלדיש פאַר אַ מיידל.

אָט דאָס איז געווען שירקע.

— וואָס פאַר אַן אומעטיקייט איז עפּעס דאָ היינט — איז שיר־קע אַרוים מיט איר קלינגענדיקער אַלט־שטימע — יעדע אָנקומענ־דיקע שיף שפּייט אויס נייע הונדערטער יידן אין לאַנד אַריין און דאָ זיצט מען אין דער פינסטער און מ׳זאָגט „איכה״!

און באַלד האָט זי אָנגעהויבן זינגען:

שם צעירות יפי־פיות,
כל אחת פזיזה,
ובארצנו הקדושה אף אחת אינה...

חברה האָט עס באַלד אונטערגעכאַפּט. מ׳האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ס׳איז שוין נאָך פּסח און דער גאַנצער עולם איז צוריק אַריין אין פּסחדיקער שטימונג.

באלד האט א גרופע זיך אויסגעטיילט פונם גאנצן כאר און, פארזיכדיק־באזונדער, געגומען אריינזינגען אינמיטן אריין:
הנה מה טוב ומה נעים
שבע נשים באיש אחד.
עס האט געפעלט א מינוט, אז מ׳זאל אפער פון די טישן און מ׳זאל זיך לאזן אין אן „אורה".

מיט אמאל האט שירקע אויפגעהויבן א האנט און א געשריי געגעבן:
— וואס האט איר זיך אזוי צעשריגן! איר זעט דאך, אז א מענטש פרעגט זיך עפעס!
ערשט איצט האבן אלע דערזען, ווי נעבן שירקען שטייט א נידעריקער יונגערמאן, אן איינגעדארטער. ער שטייט אזא מוטלאָזיקער און שעמעוודיקער. און אינגאנצן האט ער אויסגעזען ווי מיט א שעפל זארג אפגעגאסן.
— קאן איך אפשר זען וויערניקן? — האט דער יונגערמאן אזוי הכנעהדיק געפרעגט.
— חברה, ווער איז דא וויערניק? — האט שירקע זיך צעשריגן אויף איר קלינגענדיקן אלט.
לבן איז אפער פון טיש און איז צוגעקומען.
— גיי זיי א חכמה און טרעף, אז לבנען רופט מען וויערניק.
וויערניק מיטן יונגנמאן האבן זיך ארומגעכאפט און הארציק זיך באגריסט.
— וואס זשע מאכט איר עפעס מארקעוויטש? — האט וויערניק דער ערשטער געפרעגט — שוין איבער זעקס חדשים, פון דער שיף אן, זיך נישט געזען.
— ווי גייט עס אייך דא? — האט מארקעוויטש געפרעגט, נישט ענטפערנדיק אויף וויערניקס פראגע.
— מיר דא, זייער גוט. איך ארבעט. איך שאף און בוי. איך בין א רעדל פון דער גרויסער מאשין, וואס בויט א יידיש היימלאנד. איך לעב דא צווישן ליבע און טייערע חברים און כ׳בין באמת גליקלעך.

— און וואָס פאַרדינט איר דאָ אַ טאָג?

וויערניק האָט אויף אים אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, אַ שטייגער ווי ער זאָל הערן עפּעס אַ מאָדנע משונהדיקע פראַגע. באַלד איז ער געקומען צו זיך און מיט אַ שמאָלץ, אין וועלכן ס'איז געלעגן אויך אַ כעס, האָט ער מאַרקעוויטשן געענטפערט:

— גאָרנישט! מיר פאַרדינען דאָ גאָרנישט! אָבער עס פעלט דאָ גאָרנישט! ווייל מיר האָבן אַלץ!

— נו, איז דען דאָס אַ תכלית? — האָט מאַרקעוויטש געפרעגט אין אַזאַ נעבעכדיקן רחמנות־טאָן, וועלכער איז געווען געווענדט מער צו זיך אַליין איידער צו וויערניקן — איז דאָס אַ תכלית פאַר אַ מענטש?

— איר זעט דאָך! — האָט וויערניק געענטפערט קורץ און דערביי האָט ער מיט שאַרפע, שטעכעדיקע בליקן מאַרקעוויטשן דורכגענומען.

ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

מיטאַמאָל האָט מאַרקעוויטש אַ זאָג געטון:

— און איך זע נישט פאַר זיך קיין שום תכלית דאָ, אין ארץ ישראל. איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו פאָרן צוריק אַהיים.

— טאַקע?! — האָט וויערניק אויפגעציטערט ווי אַן אָפּגעבריטער — ס'איז פּשוט אַ פאַרברעכן פון אייך. איר האָט אומזיסט קאַליע געמאַכט אַ סערטיפיקאַט. אויף אייער פּלאַץ האָט דאָך געקאָנט קומען אַ צווייטער, וועלכער וואָלט יאָ געווען דאָ געבליבן און נוצן געבראַכט אין לאַנד.

מאַרקעוויטש איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ פאַרשולדיקטער און פאַרשעמטער און ער האָט געשוויגן.

וויערניק, קוקנדיק אויף מאַרקעוויטשן, האָט זיך ביסלעכווייז באַרואיקט און מיט אַן איראָנישן שמייכל האָט ער אַזוי באַטראַכט אָט דעם איינגעדאַרטן, נעבעכדיקן יונגנמאַנטשיק, וואָס זאָרגט פאַר אַ „תכלית" און פאָרט צוריק קיין פּוילן, דאָרטן צו כאַפּן דעם „תכלית"...

און וויערניק האָט זיך אין האַרצן געטראַכט:

— אפשר איז טאַקע גלייכער, אַז ער זאָל פאָרן צוריק אַהיים...

און וויערניקן איז געקומען אויפן געדאַנק די ווערטער, וואָס אַן אַראַבישער בוי־מייסטער האָט אים געלערנט:

— יעדער איבעריקער מענטש ביי אַן אַרבעט ברענגט מער שאָדן איידער דער וואָס פעלט...

אינדעם האָט מען געקלונגען צו אָוונט־עסן און לבן מיט מאַרקע־וויטשן האָבן זיך געזעצט צום טיש.

פונם זעלביקן מחבר:

„היימישע מענטשן״

— דערציילונגען —

MEIR CORONA

TZAYTN

{TIEMPOS}

Novelas Cortas

EDITORIAL "MACOR"
MEXICO, D. F. 1943